STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03073

DI MISHPOHE IN KANADE

Sholem Shtern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די משפחה אין קאַנאַדע

א ו ן

דאָס הויזגעזינד פון
פּראָפעסאָר סידני גאָלדסטין

שלום שטערן

די משפּחה אין קאַנאַדע

און

דאָס הויזגעזינד פֿון פּראָפֿעסאָר סידני גאָלדסטין

צוויי נאָוועלן

שער־בלאַט געצייכנט פֿון דעם דיכטער און מאָלער
משה קיש

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע — 1975

SHOLEM SHTERN

Di Mishpoche in Canada

un

Dos Hoizgezind Fun Professor Sidny Goldstin

Two Novels

Copyright 1975 by
SHOLEM SHTERN
Montreal, Que., Canada

NORTHERN PRINTING & LITHOGRAPHING CO.
4844 St. Lawrence Blvd.
Montreal, Que.

אין ליבשאַפט

סאָניען

און אונדזערע קינדער:

לייבל און ריוואַ

דוד און עלספעט

און אייניקלעך:

יואל, קערן, ליסאַ און אַלען.

ACKNOWLEDGMENTS WITH THANKS

The preparation of this work was supported, in part, by a grant from The Memorial Foundation for Jewish Culture, New York, U. S. A.

איך פֿאַרצייכן מיט דאַנק, אַז אַ גרויסער טייל פֿון אָט דעם בוך דערשיינט מיט דער הילף פֿון דער חשובער פֿונדאַציע :
"The Memorial Foundation for Jewish Culture," New York

איך דאַנק האַרציק :

Allied Jewish Community Services, Montreal, Canada
עלייד דזשואיש קאָמיוניטי סערוויסעס, מאָנטרעאָל.

די „חיה און פּנחס הובערמאַן פֿונדאַציע פֿאַר יידישער קולטור", וואַנקואַווער.

דער „קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס", מאָנטרעאָל.

ועד העיר מאָנטרעאָל.

Canadian Foundation for Jewish Culture, Toronto.
„קענעדיען פֿאַונדיישאָן פֿאָר דזשואיש קאָלטשער", טאָראָנטאָ.

„איקוף", ניו-יאָרק.

פֿאַראייניקטער יידישער פֿאָלקס אָרדן אין קאַנאַדע.

רחל און פיליפּ פּרעסמאַן.

איליאַ קאַהן.

היימי גרין.

די משפּחה רעזניק אין אָנדענק פֿון זייער פֿאָטער נחמן רעזניק.

י. מ. גראַניט, טאָראָנטאָ.

רעי בעקער אין אָנדענק פֿון איר מאַן דעם שרייבער און קולטור-טוער יעקב לייב בעקער.

אינהאַלט

ערשטע נאָוועלע
די משפּחה אין קאַנאַדע

ערשטער טייל
אין ליבשאַפט

זייט

אַלטשטאָט מאָנטרעאָל ... 13
באַגינען ... 15
נאַכט ... 15
אין שטוב ... 16
אין בית המדרשל ... 18
אָפּן ... 20
וואָגל און ווײ ... 21
בענקשאַפט ... 28
חומשדיקער ניגון ... 29
יונגער פרילינג ... 35
דוד שרייבט אַהיים ... 36
דוד געדענקט ... 39
אַ בריוו פון טאַטן ... 40
די חופה ... 43
לחיים ... 44
אַ חתונה־שמחה ... 46
מאַן און ווייב ... 47
אויפן באַן ... 48
פרייד ... 49
רות און בועז ... 50
דודס באַגער ... 51
נאַכט ... 52
מסיו און מאַדאַם לאַמבערט ... 53
בענטשונג ... 55
„בעיבי" ... 56

זייט

דאָס טרויער געזאַנג פון מאַרסעל דיקעט ... 60
לוט און זיינע טעכטער ... 63
מאַרסעלס פרייד ... 69
אומעט ... 72
צוריק אין שטאָט ... 73
די נאַכט היימישט אין קיך ... 75
שכנים ... 76
זומער אין קעמפּ ניט געדאַגהעט ... 78
אַ בריוו פון מאַרסעל ... 80
דודס ענטפער ... 82
ביים ליידיקן בעט ... 82
שרעק ... 84
דודס בריוו צו דבורהן ... 85
שטורעם ... 86
געבעט ... 86
צוריקפאָר אין שטאָט ... 89
אין דער יידישער שול ... 90
די יידיש־סאָוועטישע דעלעגאַציע ... 90
פיין ... 92
דער אינטערוויו ... 94
דער שמועס מיט איציק פעפער ... 97

זייט

דער בריוו פון שלום אַש ... 99
אין פּאַרק ... 101
די מאַסן־פּאַרזאַמלונג ... 102
אָפּפאָר ... 105

זייט

דודס רייד צו אַ
ווייַנענדיק מיידל ... 107
מען שווייגט ... 108

צווייטער טייל

אויפן וועג קיין פוילן

חורבן ... 113
ביים פּאָרט ... 114
אויפן שיף ... 115
דער פרומער פּאַסטאָר ... 116
דער בריוו אַהיים ... 117
אַ וואָך אין לאָנדאָן ... 118
אין וואַרשע ... 119
אין שוידער פון חלומות
אויף דער וואַרשעווער
געטאָ ... 121
אויפן באַן ... 122
אין מאַידאַנעק ... 123
אין חרובן שטעטל ... 128
דוד קערט זיך צוריק
פון פוילן ... 136
דער זון — דער בכור ... 137
דוד שרייבט אַ בריוו
צום זון ... 140
אין שול און אין שטוב ... 143
ביים שיין פון די
געבענטשטע ליכט ... 151
דבורה איז קראַנק ... 153
אין שפּיטאָל ... 154
אין וואַרטצימער ... 155
אין פייער פון פיבער ... 156
דבורה בעסערט זיך ... 158
דעם פעטער שלמהס
תהילים ... 159
אַ בריוו פון זון ... 161
דערמאָנט ... 163
דעם טאַטנס רייד ... 164
דער טאַטע דאָהי ... 166
דער טאַטע אויפן
שפּיטאָל־בעט ... 167
די מאַמע באַווייִנט
דעם טאַטן ... 171
שבעה־טעג ... 173
דוד אין די שבעה־טעג ... 175
שורות פרייד ... 178
מען פּאָרט צו דער חתונה 179
די חתונה ... 181
אין לוסטיקן רויש ... 183
צוריק פון דער חתונה ... 187
אָוונט אויפן באַן ... 188
אין געבעט ... 190

דריטער טייל

בנימין און סעלמאַ

דער ייִנגערער זון ... 193
ווער? ... 194
סעלמאַ ... 196
אויפן שיפל ... 197
פרייטיק־צונאַכטס ... 198
פּאַרליבטע צוויי ... 199
דער שמועס ... 200
די חנוכה־סעודה ... 203
זאָלן עלטערן ווערן
באַקאַנט ... 204

זייט

אין סעלמאַס הויז 205
ביים טיש 207
פאַרקלעמט 210
געזעגעניש 211
אויפן שיף 212
אין שטאָט 213
אַ בריוו פון לאָנדאָן 213
אַ בריוו פון די אַלפן 215
אַ בריוו פון ישראל 216

זייט

ביי דער כותל 218
זומער־רו 219
יידיש 220
אין טאַנץ־האָל 224
ליכטיקער אינדערפרי 229
לאָמעד וואָוו דערציילט ... 234
בערל שוסטער 236
פאַרשריבן אין פנקס 238
די מאַמע רעדט 239

פערטער טייל

צוריק אין שטאָט

עס האַרבסטיקט 243
אלול אויפן הייליקן אָרט 243
די מאַמע ווערט קראַנק 250
דער דאָקטער 252
די מאַמע אין שפּיטאָל ... 253

אין דערמאָנונג 257
די מאַמע שטאַרבט 259
די לויה 260
מאַמע 261
אויפן בית־הקברות 262

פינפטער טייל

די פרייד פון ליבע

פרייד פון פרילינג 265
באַגעגעניש 266
אַ געזאַנג צו מאָצאַרט 266
אין שפּיטאָל 268
געבעט־ליד 272
דוד רעדט צו סעלמאַן 274
סעלמאַ רעדט 276

בנימין און סעלמאַס
חתונה 278
די חתונה־צערעמאָניע 281
אין אַ האַרבסטיקן
פרייטיק־צונאַכטס 284
ליידיק איז דאָס הויז 286
ווען 287

צווייטע נאָוועלע

דאָס הויזגעזינד פון פּראָפעסאָר סידני גאָלדסטין

ערשטער טייל

פּראָפעסאָר סידני
גאָלדסטין 293
נחת פון טאַטע־מאַמע 299
אין גלוסט 302

קעטי וויל חתונה האָבן ... 302
טאַטע־מאַמע און סידני 304
די היים פון סידני
און קעטי 306

	זייט		זייט
די משפחה זאָגט זיך אָפּ	307	אלול	312
אומעט	308	די טאָכטער טאַמאַראַ	313
פרעמדקייט	309	טאַמאַראַס באַגער	314
דער ליבער זונטיק	311	פּראָפעסאָר סידני	
עלנט	312	גאָלדסטין שטאַרבט	316

צווייטער טייל

טאַמאַראַ שרייבט פון		אין דער רעגן־נאַכט	326
ישראל	318	אין שפּיטאָל	327
דעני סטאָון	321		

ערשטער טייל

אין ליבשאפט

אַלטשטאָט מאָנטרעאָל

ווּעסט באַלד נישט זיין,
אַלטשטאָט מאָנטרעאָל
מיט דיינע ציגל־רויטע געביייען,
וואָס לויכטן אין שיין
פון צעזילבערטע שנייען.

ווּעסט באַלד פאַרשווינדן,
אַלטשטאָט מאָנטרעאָל,
בלייבן וועלן בלויז
די שקיעה־פייערן פון פאַרנאַכט,
וואָס צינדן העליש־רויט
הויז און דאַך,
דראָט און פלויט.

אַלטשטאָט מאָנטרעאָל,
עס וועלן נישט אַנטרינען
קוימען און רויך
מיט די סמען, וואָס
רינען פון הימל־בויך ;
אויף מענטשן און חיות,
אויף שטובן און שטיינער,
אויף טייכן און ימען,
אויף פלאַנצן און ביימער.

אַלטשטאָט מאָנטרעאָל,
ווּעסט באַלד נישט זיין.
איך געדענק דעם אַמאָל,
ווען אויף די היינט־נייע גאַסן
האָט דאָרפיש, אין טאָל
זיך גע׳סוד׳עט
אַ געדיכט־גרויער וואַלד,
און ביי פאַרמער־שטימער

האָבן זיך געצויגן
גאָרטן־גרינע ערד־פּאַסן.

אָ, מאָנטרעאָל — מיין אַלטשטאָט!
מיין הארץ — אַן עמער
אָנגעגאָסן מיט געוויין,
בענקט נישט נאָך
דעם גרינעם מאָך
אויף צעפוילטן ברעט
און קרישלענדיקן שטיין.
אַצינד, אין גרוי
פון פאַרנאַכטיקן געווימל,
איך בענק נאָך דער זון,
וואָס זילבערט זיך
אין טוי פון בעכערדיקן בלימל.

אָ, מאָנטרעאָל,
אָט דאָ מעסט מען
דעם ווערט
פון יעדן שפּאַן ערד.
אַ נייע שטאָט
ווערט דאָ געבויט,
און מען פאַרגעסט
דעם אָרעמאַן, וואָס
חושכט אין קעלט,
אין קויט.

אָ, אַלטשטאָט מאָנטרעאָל!
קאַלטער ווינטער־טאָג
ברענט־אויס.
זון פון פאַרנאַכט
קופּער־רויט,
צינדט הויז און דאַך
סלופּ און פּלויט.

באַגינען

דער שימער פון די שטערן
בלאַסט אויף די שויבן
פון דער שלאָפנדיקער גאַס.

אין גרוי פון דער פרי בראָדזשעט
די קראַנקען־שוועסטער אין שניי ביז די קני.

ווייסער ווינט אויפן היגל
פאָכעט מיט זילבערנע פליגל.

דער פראָסט מיט זיינע גליענדיקע ציין
בריט איר יונג־מיידליש געביין.

דוד קוקט דורך דער שויבנטיר צום ליקל,
וואָס פירט צו דער מויער פון רויטן שטיין.

נאַכט

אין געוואָי פון ווינטיקן געוויי שלייכט דוד
צווישן שטיבלעך נידעריק און קליין, וואָס
זיצן אויף קאַלטע קישנס פון שניי.

אויפן גליטשיקן בלאָק,
אין שוך און זאָק
וואַרעם און ווייס,
טאָפּעט די קראַנקען־שוועסטער
אויף די זילבערנע טאַצן פון אייז.

דער ווינט פאָכעט, און דער זוים
פון איר פלאַטערדיקער פּאַלערינע
פאַרטשעפּעט זיך אין די שאַרפע ציין
פון דראָטענעם צוים.

אין דעם פאַרנאַכטיקן רויטן דרויסן,
ציט דוד די צעריסענע צויטן.
דינער פאָדים טעפּעט זיך אָפּ.
די ווייס־קיילעכדיקע קנעפּ
פאַלן אויפן שניי אַראָפּ.

דורך פענצטער מיט פראָסט פאַרצויגן,
די גאַנצע גאַס קוקט אויף זיי
מיט וואַרעמען געלעכטער אין די אויגן.

די קראַנקען־שוועסטער שמייכלט ליב און היימיש
און זאָגט: אין געפריר פון פאַרטאָג
אויף וועמען וואַרט איר ביי דער שויבנטיר?
עס איז שנייאיק און שפּעט,
שטייט נישט אויף די טרעפּ,
עס וואַרט אויף אייך מיין צעעפנטע טיר.
שעמט זיך נישט, טרעט מיין שוועל אַריבער...

דער ווינט ווייס און ווילד
בלענדט און ברילט.
ווייסע שטיבער שאָטענען און שטומען.
די שנייען, ווי הונגעריקע פליגן
זילבערן און זשומען.

אין שטוב

אויפן טישטעך מיט בלימעלעך אין רויט,
זאַפטיקע טאָמאַטן און פריש קאָרנברויט.
אין קיך היימישט דאָס ליכט.
דער קראַנקען־שוועסטערס האָר
שוואַרץ און געדיכט פאַלן
אויף איר העל־ראָזן געזיכט.

אירע בריסט רונדיק און קליין
צאַפּלען און צינדן דאָס פייער פון גלוסט
אין דודס גאַרנדיק געביין.

דודס בליק פיבערט און פאַלט
אויפן בלוי־זילבערנעם פויגל, וואָס
פלאַטערט אויפן קאַלירטן פאַרהענגל פון שטרוי.
עס רייצט אים די שכורנדיקע וואַרעמקייט, וואָס
פלייצט פון דער קראַנקען־שוועסטערס
מיטלוואוקסיקן גוף אין גלייכן געבוי.
און ווי צוויי בעכערלעך מיט טוי
שימערן און שמייכלען צו אים
אירע אויגן אין טיפן בלוי.

שטיל און שמייכלענדיק זי טראָגט אים צו
אַ פולן פאַרעדיקן טעלער און זאָגט:
פאַרזוכט מיין היימישן באָרשטש פון קרויט.
זעקס טעג פון דער וואָך,
איך אַרבעט פאַרן ביסן ברויט.
יאָ, ביי אייך זיינען לידער פאַראַן, וואָס
נעמען זיך אָן די קריוודע פון אָרעמאַן.
מיר געפעלט אייער שרייבן.
איר ווילט דאָהי אין נייעם לאַנד דעם טרויער
פאַרטרייבן פון דעם פאַרוואָגלטן אימיגראַנט.
אין אייער ליד פון אָרעמע שטיבער
ברענט פון בענקשאַפט דער פיבער.
אייער ליד אין וואָגל און וויי געבוירן
וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַרלוירן.

און איך? ווער בין איך, ווער?
איך קום פון אַ שטוב, וואו
אין אויג ברענט תמיד
פון הונגער די טרער.

שלום שטערן

מיין נאָמען איז דבורה באַרט.
אַ גאַנצן טאָג איך בין
אין שפּיטאָל פאַרשפּאַרט.

יאָ, אומעטום און אויך דאָהי
דאַרף ווערן געוואויגן נישט דער היטער
פון געלט און גיטער, נאָר דער מענטש
פון וויסן און מי.

דעריבער איז אַלץ מיר ליב
דער יידישער אימיגראַנט
וואָס מיט דער שיף אָנגעזויגן
מיטן האַרבן ריח פון וואַסער און זאַלץ,
האָט געבראַכט אַהער, צום היגן ברעג
נאָדל און שער, האַמער און זעג.

פון אייער ליד, ווייס איך, אַז אייך איז באַקאַנט
דאָס שווערע געמיט פון יידישן אימיגראַנט.

פון מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן —
דעם בידנעם אָרעמאַן,
איז מיר געבליבן אַ פאָטאָגראַפיע
אין אַ געגילדערטער ראַם.

איך בין עלנט דאָ אין לאַנד.
איז פאַרגיט, וואָס אַזוי שפּעט
איך זיך נאָך אַלץ און רעד צו אייך,
ווי מיר וואָלטן געווען שוין לאַנג באַקאַנט.
דוד אַ צעפּיבערטער פון אירע נאָענטע רייד,
זאָגט: די ליבע איז אַ קוואַל פון פרייד.
אויך די שטערן אין די רוימען בענקען,
און פון דער ליבע זיי טרוימען...

געוויס, שווער באַזונדער צו גיין.
די ליבע האָט נישט ליב צו זיין אַליין...

די ליבע, שטענדיק זוניק און זיס,
פֿאַרנייט אין אומעטיקן האַרצן יעדן ריס...
היינט אָוונט נאָענטער און ליבער,
איז מיר געוואָרן די גאַס פֿון די אָרעמע שטיבער.

נאַכט. שטיל. שפּעט.
די גאַס מיט שניי אויסגעבעט.
דין־ציטערדיק דער זייגער־קלונג.
אויפֿן אייז פֿון דער שויב,
דער פֿראָסט מיט זיין זילבערנער צונג
לעקט די פֿינקלענדיקע זעמדעלעך־שניי.
די ליבע צינדט די גלוסט
אין האַרץ פֿון פֿאַרליבטע צוויי...

אין בית־מדרשל

פֿון בית־מדרשל — חברה ש״ס,
אומעט פֿון תהילים־זאָגן
פֿאַרשלעפּערט די פֿאַרשנייעטע גאַס.

אויפֿן עמוד טאָפּיעט אַ ליכט.
דער הויכער, ברייט־בייכיקער ר׳ בעריש
מיטן פֿאַרווינטיקטן געזיכט,
שטייט אין נידער און שלינגט
קאַפּיטלעך תהילים פֿון זיין
היימישן, גראָבן סידור.

אויפֿן רויט־פּלושענעם פּרוכת
מיט לייבן געפּעדימט
אין אַ גילדערנער ראָם,
שטאַרבט דער טאָג
אין ליכט פֿון אייגענעם פֿלאַם.

דוד בלעטערט אַ גמרא.
ר׳ בעריש קרעכצט:

רבונו־של־עולם, שיק נישט
אויף יידן קיין נייע צרה.
דודס הארץ מיט טרויער אָנגעזויגן.
די שרעק פון היטלערן
אויף דער וועלט איז אָנגעפלויגן.

אין בית־מדרשל חברה־ש״ס
ר׳ בערישס גרוי־געקרויזטע באָרד
ציטערט און בלאַסט.

אויפן פרוכת מיטן רויטן, קיילעכדיקן טראָלד,
ברענט דער אויסגייענדיקער טאָג
אין פייער־שיין פון אייגענעם גאָלד.

אָפּן

דער טיש שמעקט מיט קאַווע און קעז.
דוד פיבערדיק־פאַרליבט קוקט אויף דבורהן און זאָגט:
דער מענטש, וואָס בענקט, אים איז באַשערט
דער נס פון ליבע אויף דער ערד.

די ליבע לייטערט די גליענדיקע גלוסט אין די גלידער.
און איך קום צו אייך מיט דער פרייד, וואָס
זינגט אין מיינע פיבערדיקע לידער.

דבורה אָנגעטאָן אין פאַנטאָפל,
שמייכלט און שיילט קאַרטאָפל.
אויף איר פּנים פריש און ראָז,
ליגט דער גלי פון יונגן פראָסט.

דוד רעדט און טייטשט:
איטלעך איינעם דער טרויער בייטשט.
און דער מענטש, וואָס נאָך
דער לויטערער גלוסט פון דער ליבע באַגערט,
אים איז דער ליכטיקער נס
פון דער ליבע באַשערט.

איר, דבורה באַרט, טראָגט אַ גאַנצן טאָג
פון קראַנקע דעם צער.
אונדזער בענקשאַפט אין קלעם פון קייטן,
זאָל די ליבע אויפשפּילן איר פרייד
אויף אירע ציטערדיקע פּלייטן.

דבורה קירעווועט אויס צו אים דעם קאָפּ
און ענטפערט אָפּ:
די ליבע אין איר ערשטן ברויז
איז געגליכן צו אַ פלאַקערדיקער קנויט
אין אַ פלאַש, וואָס ברענט גיך אויס,
און לאָזט איבער אויפן הייסן דנאָ
אַ שוואַרץ פּינטעלע אַש...

דוד דערשטוינט און צערייצט,
פלייצט מיט פיבערדיקע רייד:
אין דער פרייד פון ליבע
בליט מיין ליד.
די בענקשאַפט קוועלט.
און די ליבע פירט
מיינע טריט צו אייער שוועל.

ליב־האָבן איז קיינעם נישט פאַרווערט.
האָט מוט, און הערט דעם ברויז
פון אייער אייגן פיבערדיק בלוט.

דבורה שווייגט, און פאַרנעמט
דאָס ליכטיקע געבעט
פון איר פאַרליבטן פּאָעט.

דבורה שווייגט, אין איר בליק,
פייכט פון באַגער, לייכט
פון פרייד די טרער.

דוד כאַפּט זי אַרום.
דבורה פאַרקלעמט אין זיינע הענט
פיבערט גלוסטיק און שטום.

אויפן טיש רייצט דאָס
פרישע קאָרנברויט.
פון דעם טעלערל יויך מיט קרויט,
הייס און הויך קרייזלט זיך
אַ דין שלענגעלע רויך.

די נאַכט רוט אין שטוב,
און גיסט די גלוסט
אין יונג־הייסן בלוט. —

וואָגל און ווײ

אויפן אייז פון דער שויב,
די לבנה — אַ ווייס־בלוילעכע טויב.

דין און גרוי
פון דער הייסער טיי
דער רויכיקער טוי.

אין דער נאַכט פון שניי און געפריר,
עפנט דבורה צו איר נעכטן די טיר:
איך האָב זיך געהאָדעוועט ביי אַ וואַלד,
אין אַ קרעטשמע קלעצערדיק און אַלט.

זומער פֿאַרטאָגנס זיצט די זון אויף דער שויב,
און שמעקט מיטן דופֿט פֿון צעבליטע סעדער.
אין רויך פֿון דיך־זאַמדיקן שטויב
קייקלען זיך די סקריפּענדיקע רעדער
פֿון די ברייטע, פֿויערישע וואָגנס.
גלייך פֿון וואָקזאַל פֿאָרן די סוחרים אַריין
אין אונדזער ברייט־צעעפֿנטער שטאַל.

קאַלט דער טוי אויף דער גראָזיקער ערד,
פֿון טאָליקן קוואַל טראָג איך וואַסער
פֿאַר די דורשטיקע פֿערד.

אין קרעטשמע מסחרט פּריץ און ייד.
פֿון אַ גרויסער, געשליפֿענער גלאָז
ציט דער פּריץ ריינעם אָקעוויט.
אין בלוי־געבלימלטע טעלער
רייצט פֿריש געבעקס,
קעז, פּוטער און קאַוויאַר.
פֿאַרע זעצט פֿון קאָכעדיקן סאַמאָוואַר.

מיר אַ הויזגעזינד פֿון צען,
אין אָרעמקייט פֿאַרקלעמט.
יעדן טאָג עסט מען אַ באָרשטש פֿון קרויט,
און מען פֿאַרבייסט מיט אַ שטיקל פֿאָסנע ברויט.

ווינטער. די קרעטשמע פֿאַרזונקען אין שניי־סטויגן.
די קראָ מיט איר הונגעריקן געשריי
שפּאַלט די ווייסע שטילקייט אין וואַלד.

אויף אַ פֿולן שליטן, אין פֿאַרטאָגיקן געפֿריר,
קומען די אָנגעפּעלצטע סוחרים
צו דער קרעטשמע־טיר.

ביינאַכט אין דער שענק
פול מיט מאַכאָרקע־רויך,
שכורע פּויערים שעלטן זיך
צאָרנדיק און הויך.

אַן אָרעם פּויערל מיט צעפּאַטלטע האָר,
באַקלאָגט זיינע בידנע יאָר:
„גאָט פון די רייכע דער גוטער היטער,
שענקט דעם פּריץ אַלע גיטער.
וויסט איז די דאָליע פון פּויער.
אים גיט גאָט הונגער און טרויער".

פון ווי און קלעם,
איך פּרואוו זיך ראַטעווען ווי איך קען.
מיט דער טרער, וואָס פון אויג טריפט,
צו מיין מומען אין קאַנאַדע
איך שרייב אַ בריוו:

„איך בין עלנט און אַליין,
איך האָב דאָ נישט קיין קרוב, קיין היים.
איך ווייס, שטאַרק איז צו מיר דיין צוזונד.
איז ראַטעווע מיך! וואָרים, אין דער קרעטשמע
וועל איך גיין צוגרונט".

קומט פון איר אַן ענטפער אויף אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר:
„דבורהלע, אויף דיין ביטער מזל,
איך וויין מיר די אויגן אויס.
פאַרלאָז דאָס קרעטשמע־הויז.
איך שיק דיר געלט, זאָלסט תיכף
קיין וואַרשע פאָרן,
אין פּוילנס שטאָט דער גרעסטער.
מיר און דעם פעטער געפעלט,
אַז זאָלסט זיך דאָרטן לערנען
צו ווערן אַ קראַנקען־שוועסטער.

דבורהלע, זאָרג נישט מער,
שפּעטער וועל איך דיך אַריבערנעמען אַהער.
וואָרים, מיט אַזאַ שיין פּאַך אין האַנט,
וועט נישט דויערן קיין סך,
און וועסט קריגן אַ גוטן חתן ביי אונדז אין לאַנד".

מיין מומע האַרציק־איבערגעגעבן,
קוקט קרום, וואָס איך בין נישט פרום.
מיין מומע שפּאָרט דעם ביסן פון מויל
און רייסט מיך אַרויס פון אַ לעבן אין גרויל.
מיין מומע באַשע גוט און געטריי,
טענהט, אַז ווי אַלע היינטיקע
בין איך צו פריי...
מיין פעטער שלמה, חסידיש און פרום,
קוקט אויף קיינעם נישט קרום.

ער באַקלאָגט זיך בלויז אויפן פאָרמאַן אין שאַפּ,
אַז דאָס בלוט פון די אַרבעטער ער צאַפּט.
און דער באָס — דער פרומאַק,
פאַרגרעסערט יעדע וואָך
פון הויזן דעם פּאַק.

צו מיין פעטער שלמה — דעם ערלעך, פרומען ייד,
צו זיין שבת מנוחהדיקן טיש מיך ציט.
פרייטיק צונאַכטס, אין דער היימישקייט פון זיין הויז,
ער רעדט צו מיר אַזוי:

„דבורהלע, אַז וועסט אַ בחור,
נישט לויטן פאַרדינסט, נאָר
לויט זיינע מעלות מעסטן,
וועסטו, אַזאַ שיין און געראָטן מיידל,
קריגן דעם חתן דעם בעסטן.

גערענק, ער דאַרף נישט זיין פרום.
אַבי דיין הויז זאָל פון ייִדישקייט
נישט זיין לער און ליידיק,
וועט איר תמיד און אומעטום
זיין גליקלעך און פריידיק״.

און די מומע, וואָס שיינט אין שבת־הויב
זאָגט: „היינט, איטלעך מיידל,
אַ חתן פאַר זיך אַליין קלויבט.
איז גאָטעניו, אין זכות פון די הייליקע שבת־ליכט,
זאָל זיין באַשערט, אַז מיין דבורהלע מיט איר גוט האַרץ
און שיין געזיכט, זאָל אינגיכן נושא־חן זיין
ביי אַ בחור, וואָס זי האָט די ווערט״.

די גאַס ליכטיק, ליידיק.
דער פעטער זינגט פרום און פריידיק.
און דאָס מתיקות פון זמירותדיקן געזאַנג
לויבט דעם שבת־קודש מיט דער האַרציקייט פון יעדן קלאַנג.
פאַר ברכת־המזון זאָגט דער פעטער צו דער מומען:
אין זכות פון הייליקן שבת, לאָמיר אינגיכן
זוכה זיין צו הערן דעם שופר של משיח בלאָזן.

וואָרים, גאָט האָט ייִדן דעם שבת געגעבן,
אַז ייִדן זאָלן, ווי ייִדן לעבן.
אַ ייִד וואָס האַלט שבת,
האָט זיין היים אַ ייִדיש געשטאַלט.

דער פעטער וואָס מישט זמירות מיט וויין, זאָגט:
„דבורהלע, איך וויל זאָלסט פאַרשטיין,
גאָט ברוך הוא האָט דעם שבת געבענטשט,
אַז יעדער ייִד זאָל וויסן,
אַז הייליק איז יעדער מענטש.
מען האָט אונדז דעם שבת געשענקט,

אַז יעדער ייד זאָל וויסן,
אַז אין אַלע גלותן גאָט
אין אונדז געדענקט.

וואָר, יעדער ייד
האָט אין שבת אַ חלק,
ווען אַ גאַנצע וואָך
מיט דער פרייד פון פריד
זיין הויז ער היילינקט".

יאָ, שבת בין איך נישט אַליין.
שבת האָב איך די מומע מיטן פעטערס
פרום־פריידיקע היים.

דבורה׳ס רייד, וואָס פיבערן אין גליק,
צינדן ליכטיקע פרייד
אין דוד׳ס פאַרליבטן בליק.

דוד נענטערט זיך צו איר צו
און זאָגט: דבורה, דער וואָס בענקט,
דעם שענקט די ליבע איר זיסע רו.

דבורה שעפטשעט
פאַרבענקט און צאַרט:
אין דיינע הענט, מיין גאַנץ לעבן
איך וויל זיין פאַרשפאַרט.

דוד׳ס קאָפּ רוט אויף אירע
בריענדיקע, ציטערדיקע בריסט.
און די גלוסט גליט אין זיין יונגן בלוט.

אויפן שויב זילבערט
דער פאַרהאַנג פון פראָסטיקן שניי.
אין קיך פליסטערט די פרייד
פון פאַרליבטע צוויי.

בענקשאַפט

נאַכט.
לבנה שווימט אויף דער גאַס
אויסגעבעט מיט שניי.
דוד בענקט נאָך דער ליבע,
וואָס שענקט אים איר זיסן וויי.

דאָס ליד בענקט, און די ליבע טריפט
ליכט פון פרייד אין אומעט פון זיין געמיט.

דוד אין גלי פון טרוים,
סודעט זיך מיט די שטערן
אין בלויען רוים.

צו דבורהן, צו איר ליבע ליכטיק, אָפן,
זינגען אַצינד אַלע זיינע סטראָפן.

אין דער גאַס אויסגעבעט מיט שניי
דרימלט די נאַכטיקע שטיל.
דוד איז מער נישט אַליין.
די ליבע פאַר פאַרליבטע צוויי
גרייט פון רו די היים.

אין אומעט פון זיין ליד,
ליכט פון פרייד טריפט
די ליבע אין זיין געמיט.
דוד אַליין אין ליכטיקן טרוים,
סודעט זיך מיט די שטערן
וואָס זילבערן אין בלויען רוים.

חומשדיקער ניגון

דער בלויער באַגין שפּרייזט
אויף די גלאַנציקע שפּיגלען פון אייז.

מיטן היימישן קלאַנג
פון דער האַרציקער, יידישער שפּראַך,
וואַך איז די אָרעמע גאַס, וואָס
לויפט פאַרטאָג צו דער אַרבעט,
ווי נאָר די שויב בלאַסט.

אין דער וואַרעמער קיך,
זילבערט אויף דער שויב
דאָס שניי־געפּריר.

אַ שטול. אַ טיש.
און אַ פאַרשריבענער
בויגן פּאַפּיר.

פאַרכטיק און פרום
אומעט פון חומש־ניגון
אין האַרצן ברומט.

אין דער בענקשאַפט פון פרימאָרגן
שלייכט דוד אַצינד
אין זיין געבוירנשטעטל, וואָס
פרירט אין אייזיקן פאַנצער
ביי די ברעגן פון הוטשווע־טייך.

אין טישעוויץ חדר־ייִנגלעך שאָקלען זיך
איבער „ויצא" — די סדרה פון דער הייַנטיקער וואָך.
און הייליק ווערט ביי זיי דאָס אָרט,
וואו יעקב אבינו חלומט אויפן שטיין פון מאָך.

שלום שטערן

משה שמואל דער שניידער זינגט און נייט,
און עס איז אים אַזאַ צער אויפן עלנטן יעקבן,
וואָס אַ דערשראָקענער און הונגעריקער
איין־אַליין קיין חרן ער גייט.

אין הונגעריקן שטעטל
דער פראַסטיקער ווינטער שפרייזט.
שטוב און שויב פאַרקלעמט
אין זילבערנעם פאַנצער פון אייז.

משה שמואל דער שניידער זינגט און נייט,
און עס איז אים אַזאַ צער אויף יעקבן, וואָס
האָט נעבעך זיין מידן קאָפּ
אויף אַ האַרטן שטיין אָנגעשפּאַרט.

משה שמואל דער שניידער ווייסט,
אַז פון עשוס צאָרן אַנטלויפט
אַצינד יעקב קיין חרן.

יעקב דער איש תם
מוז פאַרוואָגלט ווערן
קיין פדן ארם,
אַז עשו זאָל נישט פאַרטיליקן
זיין געבענטשטן שטאָם.

פון דער מוטער רבקה
איז ער געוואָרנט געוואָרן:
יעקבל מיין זון,
ביים פעטער לבן אין דער פרעמד,
זיי געהיט זאָלסט נישט ווערן פאַרלאָרן.
וואָרים, ער דער רמאי קען אַראָפּציען
פון דיר דאָס לעצטע העמד.

רחלען וועט ער דיר פֿאַר אַ ווייב געבן,
און ער וועט וועלן זאָלסט אים דערפֿאַר
דינען דאָס גאַנצע לעבן.
געדענק, גאָט איבער דיר וואַכט.
מיט דיין הויזגעזינד זאָלסטו
פֿון אים אַנטרינען אין אַ שטאָק־פֿינצטערער נאַכט.

משה שמואל דער שניידער נייט און זינגט,
און זיין ניגון פֿריילעך קלינגט.
וואָרים, ער ווייסט פֿאָרויס, אַז ישראל —
יעקבס צווייטער נאָמען וועט ווערן
דערהויבן און גרויס.

און מיין מאַמע גיטל זאָגט:
גאָטס תורה איז פֿאַר יידן אַ צוים.
און פֿאָטער יעקב באַשיצט
אויפֿן בוים פֿון ישראל
יעדער גרין ריטל...

און דוד שטעלט זיך פֿאָר:
יעקב שטאַרק, הויך און גלייך,
וואָגלט מיט זיינע יונגע יאָר
ביי די ברעגן פֿון אַ רוישיקן טייך.
דעם פֿאָטער יצחקס ברכה פֿאַרמעקט
אין זיין האַרץ פֿון וואָגל די שרעק.

דאָס פֿייערדיקע זון־ראָד
בריט זיין מידן טראָט.
ביינאַכט, יעקבס אויסגעמאַטערט געביין
פֿיבערט אויפֿן געלעגער פֿון שטיין.
אויפֿן גרוי פֿון מדבר־זאַמדן
ברייט און אָפֿן,
שטראָמט פֿון שטערן־אויגן
ווייס־בלענדנדיקער שיין.

שלום שטערן

חלום טריפט טרייסט פון האָפן
אין יעקבס האַרץ אָנגעזויגן מיט פּיין.

ווייט, העל און הויך
די שטערנדיקע קוואַלן.
אויף שטריק פון זילבערנע שטראַלן
מלאכים פּלאָטערן אַראָפּ
און שטייגן צוריק אַרויף
אין געבענטשטן שווייגן...

משה שמואל דער שניידער זינגט און נייט.
און יעקב קיין חרן גייט און גייט.
משה שמואל ווייסט, אַז יעקב טראָגט
אַצינד אין האַרץ פון האָפן די טרייסט.
שפּעטער, אין קילן פאַרנאַכט, ביים ברונעם,
וועט יעקב רחלען מיט אירע שאָף געפינען,
און צוליב איר וועט ער דעם פעטער לבן דינען.
און ער וועט נישט האָבן קיין רו בייטאָג
און נישט קיין שלאָף ביינאַכט.

יעקב, ווי נאָר ער דערזעט רחלען
מיט דער טשערעדע אויפן וועג,
ווערט אין אים פאַרמעקט
פון וואָגל די שרעק.

יעקב מיט אַ האַרץ פול געוויין,
דערציילט איר פון זיין ליכטיקן חלום
אויפן האַרטן געלעגער פון שטיין.

אין דער גרינער נידער,
פּאַשעט יעקב די שאָף
פון פעטער לבן פון פדן ארם.
און גאָט מערט די קינדער
פון זיין געבענטשטן שטאַם.

פון לבנען און פון זיינע זין
ער טוט אַנטרינען,
איידער עס לויכט־אויף
דער שטערן פון באַגין.

מיט אַ לויטערן בליק
משה שמואל דער שניידער
גייט איצט און זינגט.
וואָרים, יעקב אבינו צום לאַנד
פון זיינע אבות צוריק שוין גייט.
געבענטשט איז יעקב אבינו אויף דער עלטער.
ער האָט זין, שאָף און רינד און פיל געצעלטער.

און דוד דער געליבטער זון
פון דער מאַמע גיטל,
ציטערט ווי אויפן בוים
אין אַ ווינטער־ווינט אַ געפרוירן ריטל.

ער האָט נישט קיין געצעלט
און נישט קיין שאָף אויף אַ פּאַשע־פעלד.

דורך אַלע לעכער און שפּאַלטן,
יאָגט די קעלט אין זיין איבערגעניצעוועטן פּאַלטן.
אין שטוב סטייעט שוין מער נישט
פאַר אים קיין קאַרטאָפל־זופּ.
און די מאַמע קלאָגט:
מיין זון, אַנטלויף פון דאַנען.
וואָרים, אַ פינצטערע שנאה צום ייד
טראָגט דער פויער און דער פּאַן.
אַלע יידן דאַרפן פון פּוילן אַרויספאָרן.
אַנטלויפן פון די פּאָליאַקן, ווי
יעקב אבינו איז אַנטלאָפן
פאַר עשון קיין חרן.

ווינטער דוד פאַרלאָזט טאַטע־מאַמעס שטוב
מיטן פאַרפרוירענעם שויבנגלאָז.

ער איז אַ וואָגלער, אין פריען עלטער.
דאָך אין האַרץ לויכט דער טרוים דער צעהעלטער.

אין גאַס שפּרייזט די זון
אויף די ווייסע טישטעכער פון אייז.
אויף די שויבן רינען
טראָפּנס שיין פון באַגינען.

די אויפגעוואַכטע גאַס ברילט.
דודן וועקן שטילע טריט,
וואָס שאַרכן אויפן דיל.
דבורה אין אַ בלויען קלייד
ביי זיין טיש שטייט.
אירע רייד פיבערן,
ציטערן פון פרייד:
איך קען מער מיין באַגער אין זיך נישט פאַרבאַרגן.
איך וויל איצט אין פריען פרימאָרגן,
אַז איר זאָלט הערן, אַז אייער פרוי
וויל איך ווערן.

דוד קושט איר הייסן שטערן
און זאָגט: דאָס נעמלעכע
טוט מיין האַרץ שוין לאַנג באַגערן.
וואָר, די ליבע אין זיסן ווי,
בענקט נאָך דער רו פון אַ היים
פאַר פאַרליבטע צוויי.
— — — — — — — —
זון אויף דער שויב —
אַ רויט־גאָלדענע טויב.
אויפן טיש רייצט דער ריח
פון הייסער קאַווע און פרישן ברויט.

יונגער פרילינג

די פרעסט אַנטרינען.
מוטנע טייכלעך
אויף די גאַסן רינען.

פון יונגן פרילינג דער דופט,
שמעקט אין דער קילער לופט.

פאַרטאָג. די פייגל אין גאָרטן
שושקען זיך אויפן צוים
פון די גרינע דראָטן.

די גאַס איז וואַך
מיטן היימישן קלאַנג
פון דער יידישער שפּראַך.

צווישן די אָרעמע שטיבער
פון ציגל און שטיין,
איז דוד נישט אַליין.

דוד בענטשט די היגע ערד,
וואָס האָט דאָס גליק פון ליבע
אים דאָהי באַשערט.

אין דין־גרויען פאַרהאַנג
פון פרימאָרגן־רויך שווימט
די שטאָט און ברומט.
דודס אויגן בריענדיק און ברוין,
שיינען אין געשטוין צום באַרג,
וואָס שטייגט צו דער העלער הויך און שטומט.

דוד שרייבט אַהיים

שטראַלן שפּרינגען אויף די שויבן.
פרייד רוישט אין די פלאַטערדיקע פליגל
פון די שוועבנדיקע טויבן.

אין פרימאָרגן, אין ליכטיקן אַליין,
שרייבט דוד צו טאַטע־מאַמע אַ בריוו אַהיים:
טייערע מיינע, אייך איז שוין באַוואוסט,
אַז איך האָב געפונען דאָ אַ מיידל, וואָס
מיין ליבשאַפט צו איר גלוסט.

יאָ, די ליבע איז אַ נס, וואָס
בליט, ווי אויפן בוים דאָס בעז.
נאָר מיין האַרץ צינדט זיך
אין פּיין, וואָס איר וועט
אויף מיין חתונה נישט זיין.

טייערע מיינע, פריטיק פאַרנאַכט,
אין רויש פון מאָנטרעאָלער כּרך,
איך זע דיך מאַמע, ווי דו צינדסט
און בענטשסט
אין די שיינענדיקע ירושה־לייכטער
די שבת־קודשדיקע ליכט,
און די טרערן גליטשן זיך
אויף דיין פרום־בעטנדיק געזיכט:
גאָטעניו, איך שטיי פאַר דיר
מיט ווינציק ווערטער,
פאַרוואָס האָסטו אין דיין פנקס פאַרשריבן,
אַז פון מיין שטוב מיט די אַלטע ברעטער,
זאָלן מיינע קינדער ווערן פאַרטריבן?

גאָט הער, און זע מיין טרער:
מיינע קינדער גוט און געראָטן,

זאָלן אין דער פרעמד
נישט ווערן צעטראָטן.
צעברעך נישט מער מיין געמיט.
אומעטום היט זייערע פאַרוואָגלטע טריט.

רבונו של עולם, פאַרוואָס האָסטו דיין גנאָד
פאַר מיר פאַרשפּאַרט ?
פאַרוואָר, בזכות פון שבת־קודש
פאַרנעם דאָס געוויין פון מיין צער.

און דו טאַטע ביסט געוואָרן נאָך גרויער.
מיטן טרויער פון דיין תהילים זאָגן,
ווילסט נאָך אַלץ עפענען
פון רחמים דעם טויער.
טייערסטע מיינע,
פאַרטאָג, ווי נאָר דער הימל בלאַסט,
לויפט שוין צו דער אַרבעט
מיין אָרעמע גאַס.
אין שאַפּ טאָר זיך אויף קיין בגד
נישט פאַרטשעפּען פון פאָדעם קיין צויט.
איטלעך איינער האָרעוועט דאָ
שווער אויפן שטיקל ברויט.
אַליין און פאַרלוירן
איז דער אימיגראַנט
אין דער פרעמד
פון היגן לאַנד.
איטלעך איינער בענקט נאָכן שטעטל פון זיין געבוירן.
דאָך אַפילו אין חלום, וויל זיך קיינער
נישט זען צוריק אין שטעטל,
ביי דער לאַנגער בריק.

יאָ, כאָטש דער אימיגראַנט טראָגט
שוין דאָ די היגע קליידער,

היימישט ער נאָך אַלץ
אין שטעטלדיקן לעבנס־סדר.
נאָר אויף יעדן שפּאַן זיינען
צייכנס שוין פאַראַן:
אַז אין יאָרן שפּעטער, וועט אין הויז
פון היינטיקן אימיגראַנט, פאַרשטומט ווערן
פון יידיש די האַרציקע ווערטער.
דער רוישיקער אַרום וועט אים פאַרשווענקען.
עס וועט נישט זיין ווער, וואָס
זאָל נאָכן היימישן, יידישן לעבנס־פיר בענקען.
קינדער און אייניקלעך וועלן אונדזער שווער לעבן
נישט וועלן געדענקען.
מיין האַרץ אין סם פון טרויער.
איך זע שוין איצט, וואָס עס לויערט
אויפן היימישן, יידישן שטאַם.
דאָך פון פוילישן גיהנום מוזן יידן
וואָס גיכער אַנטרינען.

זאָלן דעריבער וואָס מער יידן קומען אַהער.
דאָס וועט פאַרמינערן די שרעק.
אַז די צייכנס פון אונדזער יידישן נעכטן
זאָלן דאָהי נישט ווערן פאַרמעקט.

יאָ, אין געבערום פון דער שטאָט,
ביי די ברעגן פון סט. לאָרענס־טייך,
גליט טיף און שטום
די בענקשאַפט צו אייך.
נאָר איך האָף, אַז דאָס יאָר
וועט מיר זיין באַשערט,
אַז איר זאָלט באַטרעטן
די גרויסע, פרייע
און פרוכטיקע קאַנאַדער ערד.

אייער זון, וואָס בענקט נאָך אייך,
און שלאָגט אויף זיין געצעלט
אין מאָנטרעאָל — די שיינע שטאָט
ביי די ברעגן פון סט. לאָרענס־טייך.
דוד פרידבאָרג.

דוד גערענקט

אין פּאַרק זיצט די זון
אויפן שפּיץ פון באַרג.

אין דער גרינער שטום
פלאָטערט אַ בין, און זויגט
דעם סאָק פון דער בעכערדיקער בלום.

אַ ביימל פון בעז
שימערט אין שיין
פון דער זון.

און דוד גאַפט, און זיין זכרון
פאַרגעסט נישט די שרעק
און די פּיין פון די מלחמה־יאָרן.

הונגעריקע היים.
אויף זיין אויסגעמאָגערט, נידעריק געביין
ער טראָגט אַ פולן קאַרטאָפל־זאַק,
און אַ פויער וואַרפט אים נאָך אַ האַק.

און איצט, אין פרימאָרגן,
אויפן שטילן, העלן וועג,
איז נאָך אין זיין זכרון,
אַלץ פאַרבאָרגן די שרעק
פון יענע גרויליקע טעג:

דער הונגער פלאָגט.
און די מאַמע קלאָגט:
גאָט דערבאַרעמדיקער,
פאַרוואָס האָסטו זיך אין הימל פאַרשפּאַרט?
זע, פון מיינע קינדער דעם צער!

האַרצעדיקער פאָטער, דו וואָס
באַשאַפסט אויפסניי יעדן טאָג נייע וועלטן,
דערבאַרעם זיך און שפּייז זיי, ווי דו שפּייזסט
יעדן בעל חי.

דער הונגער אין דער היים —
אַ חיה מיט שטשירענדיקע ציין.
גאָט אין הימל פאַרשלאָסן און שטום,
פאַרנעמט נישט דער מאַמעס
פרום און ביטער געוויין.

בוים און בלום.
עס שטילט דער אָרום.

אויף טישטעכער פון גראָז
טויאיק און קיל און גרין,
פלאַטערט אַ געל־גלאַנציקע בין.

אין שימער פון מאָרגן־שיין,
צווישן בלוי־צעבליטע בעזן,
דוד קען נישט פאַרגעסן
פון נעכטן די פּיין.

אַ בריוו פון טאַטן

מיין ליבער זון דוד,
מיט דער טרער פון פריידט, וואָס
טריפט פון מיין אויג, איך דאַנק דיר
פאַר דיין בשורה־ברענגענדיקן בריוו.

די נויט, וואָס אין איר ביסט דאָהי
געווען פאַרקלעמט, האָט דיך יונג און פרי
געטריבן צו זוכן דאָס שטיקל ברויט
אין דער פרעמד.
אַזוי איז פון גאָט געוואָרן דיר באַשערט,
ווייל דיין זיווג האָט אירע טריט
קיין קאַנאַדע געקערט.
איז מזל־טוב איך ביידן.
איר זאָלט אויסלעבן אייערע יאָרן,
אין ליבשאַפט און אין פריידן.
השם יתברך זאָל היטן אייער געזונט,
און הייליק האַלטן אייער בונד.
איך ווינטש איך,
אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין.
אין אייער הויז זאָל תמיד
רוען פון זיין גנאָד
די געבענטשטע שיין.

דו מיין זון,
ביסט פון די אָרעמע און אַרבעטער דער זינגער,
דערפאַר זאָל דיר גאָט העלפן,
אַז די פּרנסה זאָל דיר
אָנקומען גרינגער.

מיין ליבער זון,
אונדזער שכל איז צו קליין
משיג צו זיין גאָטס מיין.

שלום שטערן

סיי פרייד, סיי פּיין איז אַ סוד, וואָס
מיר בני אדם קענען נישט פאַרשטיין.
אין אַלע פרעמדן קען דער נייער סדר און אויפּפיר,
דעם שטייגער פון יידישן לעבן נישט פאַרלענדן,
און פאַרהאַקן צו אונדזער עבר די טיר.

מיין זון, וואָרהאַפטיק, השם יתברך
האָט אונדז דעם שבת געשענקט,
אַז יעדער ייד זאָל וויסן,
אַז אין אַלע גלותן
אין אונדז ער געדענקט.

דער שבת קודש איז פאַר יעדן ייד
די טייערסטע מתנה, און די וואָס היטן אים
איז נישטאָ קיין שום סכנה,
אַז זיי זאָלן פאַרלוירן ווערן
אין ווייטסטן, פרעמדסטן לאַנד
מיט נייע זיטן...

די פּאָליאַקן ווילן אונדז יידן פאַרטיליקן.
בכל יום, איך בעט צום בורא עולם,
אַז ער זאָל באַוויליקן, אַז דער נס
פון קומען צו דיר, קיין קאַנאַדע,
זאָל טאַקע אינגיכן געשען.

איך האָף, אַז דער אייבערשטער
וועט פאַרנעמען אונדזער געבעט,
און מיר וועלן איך ביידן בקרוב זען.

דיינע טאַטע־מאַמע
נחום און גיטל פרידבאַרג, וואָס
בענקען נאָך דיר און דערוואַרטן
גאָר אינגיכן צו איבערטרעטן
די שוועל פון דיין טיר.

די חופּה

דער טאָג קילט זיך
אין רבס ברייטער, אויסגעפּוצטער סאַליע.
די רויטע זון אין פאַרגיין ראַנגלט זיך,
ווי אַ שיף אויף אַ צעברויזטע כוואַליע.

די חופּה בלויט אויף פיר
קיילעכדיקע, רויט־געפאַרבטע שטאַנגען.
פון אַ בילד אויף דער וואַנט,
שמייכלט צו דודן אַ פאַרמער,
וואָס שפּאַנט אויף אַ פעלד
מיט זון־גאָלדענע זאַנגען.

אויף דער כלהס האַנט
בלישטשעט דער קידושין־רינג.
דעם רבס פרום־האַרציק געזאַנג
פון שבע ברכות, אין דער שטילקייט קלינגט.

דבורה שטראַלט באַרוישט פון פרייד,
און הערט זיך איין צום רבס ווינטשנדיקע רייד:
גאָט איז גנאָדיק און גוט
צו אַ פאָרפאָלק, וואו ליבשאַפט
און שלום רוט.

געדענקט, דער אייבערשטער בענטשט
און היילינקט, און היט דעם בונד
פון מאַן־און־ווייב, וואָס ווערן
מיט אַ ריין האַרץ, ווי איין לייב.

השם יתברך זאָל אייך —
דעם יונגן פּאָר,
שענקען רואיקע און געזונטע יאָר,

און איר צוויי יונגע ביימלעך,
זאָלט געראָטן אין יידישן גאָרטן.

דעם רבס ווינטשנדיק וואָרט
האַרציק־פרום.
זיין ברוינלעך־ברייטע באָרד
בלענדט אין גאָלדענעם פייער
פון דער רויטער, פאַרנאַכטיקער זון.

לחיים

אַ מנין־יידן ביים רב אין שטוב.
איטלעך־איינער פון אַ קאָלירט גלעזל
דעם שאַרפן בראָנפן זופּט.
דער ווייסער יונה נידעריק און פעט
שמייכלט און רעדט: מזל־טוב, יידן!
קאַנאַדע איז אַ געבענטשט לאַנד פול מיט זעט.
זאָל נאָר היטלער האָבן אַ גיכן סוף,
קענען דאָ יידן לעבן פריי און צופרידן.

אין פעטער שלמהס מילד־גראָע אויגן
שטייען טרערן: קינדער, גאָט זאָל באַוויליקן,
אַז איר זאָלט זיך דאָס גאַנצע לעבן
איינער דעם צוויטן באַגערן.

דער פעטער שלמה, וואָס יעדער עולה אים אַרט,
איז אַ גאַנצע וואָך אין שאַפּ פאַרשפּאַרט.
זיינע טעג טונקען זיך אין אומעט.
אויפגעלייגט איז ער שבת
אין קליין, היימישן חסידים־שטיבל,
וואו ער איז דער בעל־קורא און
דאַוונט פאַרן עמוד.

דער פעטער שלמה באַקלאָגט זיך פאַרן רב,
אַז עס איז פאַר יידישקייט גאָר געפערלעך,
וואָס חסידישע לייט זיינען נישט ערלעך,
כאָטש זיי שאָקלען זיך פאַרפרומט
און טראָגן יאַרמולקעס פון סאַמעט,
און גראָבע גאַרטלען פון זייד.

דעם רבס הויכער, שווער־קיילעכדיקער גוף
איינגעפרעסט אין אַ ווייך־געבעטענער שטול,
טונקט שטיקלעך לעקעך
אין אַ קעלישיקל בראָנפן, זיפצלט און עסט.
זיינע אויגן פרומלעך־צופרידן קוקן היימישלעך
צום מנין־ערלעך־האָרעווענדיקע יידן.

דער רב רואיק און זיכער זיצט אויף דער הויכער, ווייכער שטול,
זיין פליישיק, פול געזיכט פאַרצויגן

מיט דער באָרד ברויך, ברייט און געדיכט,
שמייכלט און שוויצט.

טראָפנס קאַפּען פון זיין
טיף־געקאַרבטן שטערן.
ער זיפצלט און זאָגט:
ר' שלמה, זאָלן יידן זיך מערן.
יידן זיינען נעבעך
פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט.
ר' שלמה, איר אַ ייד אַ למדן,
ווייסט, אַז דער גלות
איז געגליכן צו אַ מדבר
מיט גליענדיקע זאַמדן.

דער גוטער פעטער שלמה,
שטיל אַ ניגונדל ברומט,
און קוקט אויפן רב, וואָס
רעדט געמיטלעך און פרום.

אַ חתונה־שמחה

די יוגנט אויפגעלוסטיקע
אַרום לאַנגע, געגרייטע טישן,
קוויקט זיך מיטן שטאַרקן בראָנפן,
און מיטן זיסן האָניק־לעקעך דעם פרישן.
טעלער מיט הערינג, טעלער מיט ברויט.
עס קילט דאָס געזייערטע קרויט.

אין יעדער קאָקאָקאָלאַ־פלאַש
שטעקט אַ לאַנגע שטרוי.
דער פריילעכער עולם ווינטשט:
שטענדיקן גליק מאַן און פרוי.

הויך און האַרציק קלינגען געזאַנגען.
די ליבע — דער בלוי פון פרימאָרגן
ליכטיק און שיין בלענדט,
ווי אַ פּערל פון טוי
אויף גילדערנע זאַנגען.

מעלאָדיען פון פרייד
טראָגן זיך און טרוימען
פון גליק און פרידן
אין ליכטיקן שפּעטער,
ווען אין האַרץ פון פעלקער
דער צאָרן וועט אויפהערן זידן.
די שיינע וועלט פון ברודערשאַפט,
דורך קאַמף, דורך אונדז מוז באַשאַפן ווערן.

אַזוי זינגט די יוגנט
ביז די בלויע וואַסערדיקע הימלען
פון פרימאָרגן שלינגען־איין
די נאַכטיקע צעזילבערטע שטערן.

מאַן און ווייב

פרימאָרגן־ווינט גייט צווישן
די פייכטע, פלאַטערדיקע צווייגן.
דוד און דבורה מיט דער צאַפּלדיקער פרייד
פון גלוסט און גליק שטייגן צו דער זון,
וואָס בליצט אויפן באַרג־שפּיץ.

ביידע פון ליבע דערהויבן
קוקן און גאַפן צו די טויבן,
וואָס מיט זייערע פליגלדיקע פעכער,
זיי פלאַטערן און שווימען
אין העל־קופּערנעם שיין
פון די צעשטראַלטע קלויסטער־דעכער.
דער פרימאָרגן בלענדט.
מאַן און פרוי אין פייער
פון גלוסט פאַרקלעמט.

גוף גליט און גאַרט.
דבורה פליסטערט ציטערדיק און צאַרט.
איך בין דיין מיידל און איך וויל הערן:
„מיין האַרץ טוט דיך באַגערן.
יאָ, איך דיין מיידל,
האָב זיך אויסגעקליבן
אַ ליכטיק יינגל גוט און איידל״.

אויפן באַרג, אין רויך פון טוי,
גליט די גלוסט פון מאַן און פרוי!

ביימער און בלומען
שטויבען און שטומען.

די זון גייט אויפֿן גרין
פֿון די יונגע, דינע גראָזן.
די שטאָט בלענדט
מיט די שויבּיקע גלאָזן.

אויפֿן באַן

צווישן בערג, אין פֿאַרנאַכטיקן פֿלאַם,
רייט דאָס ראָד פֿון דער רוישיקער באַן.

אין דער בלויער לופֿט קייקלען זיך
שוואַרצע רויך־רינגען.
פֿון דער באַרגיקער הויך
שטראָמען וואַסערן און שפּרינגען.

אין וואַגאָן דושנע און ענג,
באַזעצט זיינען אַלע בענק.

העק און זעג פֿירן פֿאַרמער
אין פֿאַרבּונדענע זעק.

עס איז פֿרייטיק.
פֿאַרהאָרעוועטע מענער שלעפּן געפּעק אָנגעשטאָפּט
מיט גרינוואַרג און געשיר,
פֿון אַ לעפל ביז אַ שוואַרץ־פֿאַרקאָפּטשעטן טאָפּ.

עס ברעכט דאָס געביין.
איטלעך־איינער גאַרט
נאָך די גלוסטיקע נעכט
אין ברעטערדיקן, דאָרפֿישן שטיבל
צווישן די שטומע בערג פֿון שטיין.

ביי אַ דערפֿל מיט ברעטערדיקע שטיבלעך
גרוי און קליין, בלייבּט די באַן שטיין.

אין דער דאָרפישער שטילקייט דער שטומער,
גאָלדיקט דער פאַרנאַכטיקער זומער.

אַ שטיבל אויסגעקרומט און אַלט,
אומעטיקט ביים ראַנד פון וואַלד.

דוד און דבורה מיט זייער געפעק
שטויבן אויפן זאַמדיקן וועג.

פרייד

אויף די נאַכטיקע שויבן
בלוילעך־בלייך,
וויגן זיך שאָטנס
קיל און ווייך.
אין פייכטן בליק
גליט פון גלוסט
דאָס גליק.

אין די שטילע רייד
פּלייצט פון גאָרונג
די פרייד.

דער וואַלד שומט.
עס רייצט דער זיסער ריח
פון בוים און בלום.
— — — — — — — — — —

רות און בועז

אין פלאַמיקן ליכט פון באַגינען,
טוקט דער האָן זײַנע צעעפנטע פליגל.
ער גראַבלט אין זאַמד, ער וויל
אין גליענדיקן שטויב געפינען
פון דער זון דעם גאָלדענעם ציגל.

אין גאָרטן, דאָס פאַרמער־מיידל
מיטן ברוין־דין בויגעוודיקן געביין,
שמייכלט, און רייצט
מיט דער ליכטיקער ווייסקייט
פון אירע יונג־געשליפענע ציין.

פרימאָרגן. אַ פורל שטויבט אויפן שליאַך.
דוד שרייבט וועגן רות פון מואָב, וואָס
אין איר האַרץ די ליבע איז שטענדיק וואַך:

די נאַכט שאָטנט אין שייער.
רות באַגערט, אַז בועז
זאָל ווערן פון איר יונג־לעבן
דער באַגייער.
רות וואַכט. איר ברוסט
ציטערט אין פייער פון גלוסט.

בועז גלעט איר שטערן
דעם רונדן און שעפּטשעט:
רות פון מואָב, מיין ליבע צו דיר
וועט היילן אין דיין האַרץ די וואונדן.
דו ביסט פון גאָט מיר באַשערט.
פון דיינע ליכטיקע אויגן וועט מער קיינמאָל
נישט פאַלן פון וויי די טרער.

רות ליגט ביי זיין צופוסנס אויסגעצויגן,
און די גלוסט פּייכטיקט אירע פולע, בריענדיקע אויגן.

די נאַכט שווימט אין שייער.
בועז און רות וואַרטן,
אַז אויפגליען זאָל אין זון־גאָלד
דער געבענטשטער טאָג דער נייער.
— — — — — — — — — — — —

באַגין. דער וואַלד שטילט
אין גרין־העלן געשפּין.

דודס גאַרנדיקע ווערטער
לויכטן אויף די פאַרשריבענע
פּאַפּיר־בלעטער.
פון די קוימענס ציגלדיק־רויט,
דער רויך קרויזלט זיך און בלויט.

דודס באַגער

דאָס גאָלד פון זוניקן ליכט
מישט די הייסע טיי, וואָס
שטייט אויפן טיש.

דוד באַגערט, אַז דאָס געשריי פון ווי פון אָרעמאַן,
דורך זיין ליד זאָל ווערן דערהערט.
דודן איז דערווידער דער אימיגראַנט,
וואָס קומט אַליין פון נויט־און־נידער,
און דאָהי, אין נייעם לאַנד,
ער וויל נישט געדענקען מער,
אַז אין דערהיים פון נעכטן,
בריט נאָך אַלץ פון הונגער די טרער.

נישט קיין תורה, נישט קיין ביכער.
מען חלומט בלויז פון ווערן רייך
וואָס גיכער.

און ער דוד — דער יידישער דיכטער,
וויל פון אַלע זיינע מעשים
זיין דער שטרענגער ריכטער.

דבורה ביים טיש שטילט דעם ווי.
אַ שטראַל מישט דאָס זון־גאָלד
אין דער לויטערער טיי.

נאַכט

מיט קילן ריח פון זאַנגען־שטרוי,
שמעקט דאָס לייב פון דער געליבטער פרוי.

נאַכט. די שויב בלויט.
די ליפן אָפן, רונד און רויט.

פרייד פון גאַרנדיקן מויל,
צאַפּלט אין דער נאַכטיקער הויל.

טיף אין בלוי פון הימל־גלאָז,
זיצט די לבנה און שלייפט
מיט איר זילבערנער שיין,
דאָס טרויעריקע פּנים
פון קאַלט־מאַכיקן שטיין.

מיט קילן ריח פון זאַנגען־שטרוי
שמעקט דאָס לייב פון דער געליבטער פרוי.
דאָס מויל — אַ בעכער פול מיט וויין,
גיסט אין געביין
פון גלוסט דעם זיסן פּיין...

מסיו און מאַדאַם לאַמבערט

די פאַרמער פרידלעך און פרום,
האָבן פיינט די שטאָט
מיט איר זאָט און געברום.

די פאַרמער פאַרכטן גאָט.
אינדערפרי זיי זעען
די האַנט פון זיין גנאָד
אויפן דאָרפישן לאַנד,
וואו זייערע שטיבלעך
ברעטערדיק און בלוי
זיצן אויף לאַנקעס
אויסגעזילבערט מיט ווייסן טוי.

די פאַרמער פאָלגן דעם גלח און גלויבן,
אַז אויף יענער וועלט, וועט גאָט
דעם אָרעמאַן דערהויבן.

מסיו לאַמבערט טראָגט גרינג
זיינע זעכציק יאָר.
פון גאַנצפרי, דער הויכער, דינער
מסיו לאַמבערט פאַדעט אָרום
די הינער און קי.
זיינע אויגן העל־גרוי,
שמייכלען צו יעדן דורכגייער, וואָס
וויל איבערנעכטיקן אויף אַ געלעגער
פון זאַנגען־שטרוי.

אין גאָרטן פון מסיו לאַמבערטס ירושה־הויז,
פלאַמט די רויטע רויז.
לאַנקע, פעלד און סאָד
אַרומגענומען מיט פלויטן פון דראָט.

מסיו לאַמבערט האָט זעקס זין.
אַלע, ווי ער — הויך און דין.
זיי שרייבן: אַז די שטאָט
איז פון רויכן גרוי,
אַז עס פעלט זיי פון פעלד
דאָס גרין, און פון טייך
דאָס ליכטיקע בלוי.

פאַרנאַכט, שפרייט זיך איבער
דער שטילער, דאַרפישער שטוב
דער געשמאַקער ריח פון פלייש און זופ.

די בענקשאַפט קלעמט
ביים ווייס־געדעקטן טיש.
מאַדאַם לאַמבערט מורמלט
און ווישט די פאַרטרערטע אויגן:
„ווי דער מאַמען, וואָס אירע קינדער
האָט די פרעמד אַוועקגעצויגן".

שפעטער, די נאַכט מיט שטערן פול,
בלענדט צווישן בערג־ווענט פון שטיין.
מאַדאַם לאַמבערט אויפן וויג־שטול
שאָקלט דאָס אַנגעמידטע געביין.
זי לייענט די בריוו פון אירע זין,
און די טרער פאַרטריפט
זייער ליב־היימישע שריפט.

זי קען נישט פאַרשטיין:
פאַרוואָס אירע זין, גוט און פרום,
זיינען אַוועק פון טאַטע־מאַמעס היים
און איבערגעלאָזן די לאַנקעס
מיטן הויך־העלן גרין.

אין שטילן געוויין,
זי רעדט אַזוי צו זיך אַליין.

אין אַ טייך פון בלוי
לבנה שלייכט.
אויף דער לאַנקע לויכטן
די זילבערנע פערל פון טוי.

בענטשונג

באַגין.
איבער די בערג רויך־וואָלקנס רייטן.
מאַדאַם לאַמבערט שפּרייזט און שפּריצט
וואַסער אויף די גלייכע, שמעקענדיקע בייטן.

אירע אויגן העל־שוואַרץ,
שײַנען און פרייען זיך
מיט יעדן בלי און בלום.

פון טיף־ריינעם האַרץ זי שיקט צו גאָט
איר לויב פאַר אויפהענגען
אין הימל די גאָלדענע זון.

מאַדאַם לאַמבערט גלייך אין געבוי.
אין אירע אויגן ליכטיקט
דער העלער שײַן פון טוי.

דער גאָרטן בליט.
די בענקשאַפט פליסט
אין אומעט פון איר
נאָגנדיק ליד.

„בעיבי"

בעיבי בייניק און לאַנג,
ברומט אָפּט די פאַרבענקטע
מעלאָדיען פון דאָרפישן געזאַנג.

אויף זיין קאָפּ־האָר
רויט און געדיכט,
גאָלדיקט דאָס מאָרגנליכט.

פאַר זיינע אויגן געשליפן אין וויי,
שימערט דאָס שלאַכט־פעלד
אין העלן שיין פון ווייסן שניי.

מיט אַ האַרץ — אַ קוואַל פון געוויין,
ער איז געקומען פון דער מלחמה אַהיים.

קיינער רופט אים מערנישט מאַרסעל,
נאָר „בעיבי" — דער שיכור
מיט די פלעקלדיקע ציין.
פון די קלעצער און ברעטער,
וואָס ער פירט פון וואַלד אַ גאַנצע וואָך,
איז זיין לייב אָנגעזאַפּט מיטן
פייכטן ריח פון בלאָט און מאָך.

זעקס טעג מיטן אָנגעלאָדענעם טראָק אויפן וועג,
ווייכט ער פון ביטערן טראָפּן.
מיט קאָקאָקאָלאַ און „האָט דאָגס",
ער האַלט זיך אין איין שטאָפּן.

זונטיק פרי דער קלויסטער־גלאָק
קלינגט און קלאָגט.
און מאַרסעל בראָט שטיקער פלייש
אויף קוילן און הייסן אַש.

שטאַרקן בראָנפן געמישט מיט אַ רויטן סאָק,
ער זופט פון אַ קיילעכדיקער, פולער פלאַש.
אַן אָנגעטרונקענער ריפּעט
ער אויף דער מאַנדאָלין און כליפּעט:
זאָלסט נישט הרגענען!
— איז געוואָרן פאַרשריבן.
פאַרוואָס־זשע ווערן מענטשן
פון האַרמאַטן און באָמבעס צעריבן?

שפּעטער, שיכורערהייט מיט טריט
וואַקלדיק און שוואַך,
גייט ער אויפן שליאַך.

פון די אָפענע זון־קוואַלן
הייסע, העלע שיין
שטראָמט אויף שטיבער און שטאַלן.

בעיביס פלאַמיקע האָר
פייער־רויט.
צווישן די בערג פון קילן שטיין,
רייסט ער שטיקער ברויט,
מיט די שאַרפע שפּיצן
פון זיינע פלעקלדיקע ציין.

די זון שפּריצט גאָלד אויף דער שויב.
מיט פלאַש און ברויט, בלייבט ער שטיין
ביים הויכן ברעטער־פלויט.

פון עפּל־סאָד ער עפנט פאַמעלעך
דאָס געפלאָכטענע טויערל פון דראָט.

דוד זעצט אים אין שאָטן אויף אַ באַנק.
און „בעיבי" וואָס כליפּעט און דאַנקט,
פאַרטריפט מיט טרערן
דודס יידישע שריפט.

עס שעפּטשען די צעבלעטערטעביימלעך.
דוד רעדט צו אים האַרציק־היימלעך:
— מאַרסעל, מיט בראָנפן וועסטו
דעם פּיין נישט פאַריאָגן.
די פאַרמער זאָגן: אַז ווען ביסט ניכטער,
שרייבסטו פון דאָרפישן לעבן גאַנצע ביכער.

געשריבן מיט עכטן טאַלאַנט
איז דיין דערציילונג:
„אַ הימל פון בלויען געוואַנט".

אַלע אין דאָרף האָבן דיך גערן,
איז פאַרוואָס־זשע שפּאַרן שטענדיק
פון דיינע אויגן פון טרויער די טרערן?

דו בעסער גרייט אַ בוך.
ציִ אַרויף אויף זיך אַ לייטישן סוט,
וואַרף אַראָפּ דעם צעריסענעם שוך,
און טו אָן אַ נייעם הוט.

מאַרסעל האַלט אין איין וויינען:
יאָ, אין דערפל יעדע טיר
שטייט דאָ אָפן פאַר מיר,
נאָר נאָענט איך בין דאָ נישט
מיט קיינעם.

דאָס דערפל פון נויט־און־יאָך
איז פאַרקלעמט צווישן ווענט
פון שטיין און מאָך.

אין הויז פון מיין טאַטן,
זיצן צען קינדער
ביי אַ טיש אַ נישט־זאַטן.

דער פאַרמער איז גאָטס־פאַרכטיק, פרום.
ער גלויבט דעם גלח, וואָס זאָגט:
אַז דער מענטש ווערט געבוירן צו לײַדן,
גאָט וועט נישט פאַרמײַדן די האַרבע שטראָף
פון די, וואָס זײַערע וועגן זײַנען אין זײַנע אויגן
אומווירדיק און קרום.
דער פרומער פאַרמער דאַרף בענטשן גאָטס נאָמען,
וואָס פיל זין און טעכטער
קומען אַרויס פון זײַן זאָמען.
און דער פאַרמער מיט דער הילף פון גאָט
דעם ברויט־אויסטיילער, קען פאָרט
נישט אָנקאָרמען די הונגעריקע מײַלער.

פון פעלד און גאָרטן
אָפּגעצוימט מיט דראָטן,
דאָרפישע יוגנט אין נעפּל פון באַגין,
פון טאַטע־מאַמעס הויז אַנטרינט.

ווילסט וויסן פאַרוואָס מײַן האַרץ
איז אָנגעזאָפּט מיט צער?
פאַרוואָס פון מײַנע אויגן
דאָס געוויין שפּאַרט?

פײַן פאַרברענט דעם טרוים
פון מײַנע יאָר.
פון יסורים זילבערן זיך
שוין מײַנע רויטע האָר.

פון זיבט איך בין געקומען
פון דער שלאַכט, טראָג איך
אין זיך די שרעק פון
יענער שווינדלדיקער נאַכט:
דער הימל ווערט גרויער.
אין אַטאַקע בויערט דורך מײַן באַגנעט
דעם כאַלאַט פון אַ יונגן סאָלדאַט.

יענעמס יאָמער־געשריי
טרייבט דעם ווײ אין מײַן לײַב.

דער דאָקטער זאָגט:
אַז איך זוך שוין די וועלט
מיט מײַן בליק, אַז אינגיכן וועל איך צערײַסן
פון מאָטער די שטריק.

איך ראַנגל זיך אויפצוהערן טרינקען.
איך ווייס, אַז אין שכרות,
איך טאָר מערניש זינקען.
איך פיל מיר ווערט שוין גרינגער.
צום שרײַבן ציען זיך שוין מײַנע פינגער.

אין דער צינדנדיקער זון קרישלט זיך
דאָס גרויע אַש פון מאַרסעלס פּאַפּיראָס.
די ליידיקע ביר־פלאַש
בלויט אויפן טישטעך
פון העל־הויכן גראָז.

דאָס טרויער־געזאַנג פון מאַרסעל דוקעט

נאַכט.
די שטערן אויף די שויבן
ווייס־טויאיקע טרויבן.

אויף די שאַרפע שפּיצן פון די דראָטן
הענגט אין סאָד דער זילבערנער שאָטן.

דוד אויפן גראָז אויסגעצויגן,
קוקט מיט אָנגעטרערטע אויגן

אויף מאַרסעלן, וואָס זיינע פינגער
זיפּצן אין צער אויף די ווינענדיקע
סטרונעס פון זיין גיטאַר:

„ליבסטע, ביסט אַוועקגעפאָרן,
און אין מיין האַרץ איבערגעלאָזן די טרער.
זיץ איך אין דער קרעטשמע 'ווייסער האָרן',
און הער די רוישיקע רייד פון באַגער.

אין דער דאָרפישער שענק
ברייטע טישן, לאַנגע בענק.

רויטער פאַרנאַכט בלענדט
אין העלן שיין פון שפּיגל.
מיין קאָפּ נידערט אַראָפּ
צום קריגל מיט בלוט
פון רויטן וויין.

מיין ליבסטע, נישט פון עלטער,
נאָר דער פּיין זילבערט מיינע האָר.
דאָך דער גרינער וועג אין וואַלד,
נאָך אַלץ באַהאַלט די פרייד
פון ווייטע, יונגע טעג.

האַרבסט. קאַלט.
דאָס אַש פון אויסגעברענטע יאָר
וואַשט דער רעגן אין וואַלד.

מיין ליבסטע, דיין ליבע
נאָך אַלץ איך באַגער.

פאַרוואָס־זשע ביסטו אַוועקגעפאָרן
און געלאָזן אין מיין האַרץ
די בענקענדיקע טרער?

אָ, מיין ליבסטע,
די ערשטע, ליכטיקע גלוסט
האָסט פאַרברענט אין גיריק־גראָבע הענט.
נישט דאָס פייער פון ווייַן,
דאָס געוויין פון פיין
ברענט אין מיין געביין.

אָ, פאַרוואָס האָסטו דיינע טריט
אין זאָמד פאַרמעקט ?
פאַרוואָס האָסטו דיין ליבע
אין דיין יונגן לייב פאַרפלעקט ?

אָוונט.
הינט האַוקען און היטן
שטומע, דאָרפישע שטיבער.
דער ווינט זשומעט.
עס נאָגט דער ליכטיק־ליבער
האַרבסטיקער אומעט.

אָ, מיין ליבסטע, אין די יונגע טעג
האָסטו נישט פאַרנומען די בענקשאַפט,
וואָס מיט איר האָב איך געוואָגלט
אויף מיין דאָרנדיקן וועג.

אַצינד האָסטו זיך צו מיר צוריקגעקערט.
דיין טרויעריק האַרץ מיין בענקשאַפט באַגערט.

אָ, מיין ליבסטע, די ליבע
אין איר ליכטיקן באַגער
לויטערט און קוועלט.

די ליבע טראָגט ווידער
איר ריינע טרער
צו מיין וואַרטנדיקער שוועל.

טייערע מיין, די ליבע ברעכט יעדן צאַם,
אַזוי לאָזט דיר וויסן מיין ליד געשריבן
אין רויש, אין רויך פון דער קרעטשמע
'דער ווייסער האָן'.

ווייס, מיט מיין טרויער
איך וועל פון דיר נישט אַנטרינען.
ווערסט מיך געפינען אַ וואַרטנדיקן
ביי מיין בלויער שויבנטיר.

טייערע, פון דיין פּאַראָומערט געמיט
צי אַרויס פון פּיין דעם דאָרן.
מיין ליד וועט אין זומער,
דיך ווידער פירן צווישן די בינטלעך־זון,
אויפגעשטעלט אויפן זאַנגען־פעלד פון קאָרן..."

אין דער נאַכט דער בלויער,
וויינט דער טרויער אויף די סטרונען
פון מאַרסעלס גיטאַר.
און די טרערן רינען פון זיין האַרץ —
דעם ברונעם פול מיט צער.

לוט און זיינע טעכטער

— א —

אויף דער באַנק פון געהובליעוועטע ברעטער,
זיצט דוד און מישט אין חומש די בלעטער:
„מיט אַ פייער־רעגן פון הימל־רוים
אָפּגעווישט ווערט די זינדיקע סדום".

אין דער גרינער, וואַלדיקער שטיל
בלענדט צווישן דיביימער,
דאָס שטראַליקע ראָד פון דער זון.

דוד טראַכט: גאָט פון צדק
פאַרהוילט פון רשעותדיקער מאַכט
דעם ציל.
גאָט פון אייביק דער גערעכטער,
באַהאַלט אויך דעם סוד
פון לוט און זיינע טעכטער.
לוט וואָס האָט אָפּגעבראָכן
מיט פאָטערס שבטים־שטאַם,
גלויבט אַברהמען, אַז עס איז
בלויז אַן איינאונאיינציקער גאָט פאַראַן.

צוליבן שטענדיקן געקריג און געשלעג
מיט אַברהמס פאַסטעכער,
ביי די ברעגן פון סדום,
אויפגעשטעלט איז אַצינד
זיין אומבאַשיצט געצעלט.

סדום, וואָס איז פאַרדאָרבן,
וועט גאָט באַשטראָפן
פאַר יעדן אומשולדיקן קרבן.

לבנה בלאָנדזשעט אויפן בלוי
פון הימל־שליאַך.
לוט אַ גאַרנדיקער גייט.
פאַר זיינע טרויעריקע טריט,
שפרייט זיך דער גראָזן־טאָל
אָנגעטרונקען מיט די בלענדנדיקע טרערן
פון זילבערנעם טוי.

די אויסגעשטערנטע נאַכט
אין שטילקייט פאַרזונקען.
לוט אַ פאַרבענקטער גייט און טראַכט
פון אַברהמס גוט און געטריי קול:

לוט, איך בין אַרויס פון מיין פאָטערס הויז.
און דו — פון דער משפּחה דער איינציקער,
אין אַ פרעמד אומבאַקאַנט לאַנד
האָסט מיט מיר מיטגעשפּאַנט.
אין די אויגן פון גאָט
האָסטו געפונען גנאָד.
פון דער פאַרדאָרבענער שטאָט סדום זאָלסטו וויכן.
גאָטס גוטסקייט מיט אַ ריין האַרץ וועסטו גרייכן.
דער ווי פון דער גלוסט
צו דיינע שיינע טעכטער די צוויי,
פאַר מיר איז אָפן.
איך ווייס, ווילסט אין דיין ברוסט פאַרלעשן
דאָס פייער פון דער אומריינער ליבע, וואָס
האָט אויף דער עלטער צו דיין
ערלעך, איידל האַרץ געטראָפן.

לוט, וועסט זיין אַ זינדער,
אויב פון דיין זאָמען
וועלן דיינע טעכטער
געבוירן קינדער.

איך ווייס, אין בליק פון דיינע טעכטער
גליט די גלוסט, און דיינע אָדערן
זיינען פייערדיקע שטריק.

אַברהם וואָרנט:
לוט, זנות און אומרעכט,
איז אומווירדיק אין גאָטס אויגן.

ציי־אַפּ פון סדום אַנגעזויגן
מיטן גיפט פון שלעכט.

ביסט רייך. געפין גראָז און וואַסער
ביי די ברעגן פון אַ קוואַליקן טייך.
וואָרים גאָט אין זיין צאָרן,
וועט פאַרברענען סדום:
שטוב, זאַנג און בוים,
מענטש, גראָז און דאָרן.

לוט פון אַברהמען אָפּגעשיידט,
בענקט נאָך אַברהמס וואַרנענדיקע
און מילדע רייד...

— ב —

פייער גיסט פון הימל־תהום,
אָפּגעמעקט ווערט סדום.
לוט מיט זיינע טעכטער לויפן
אין יאָמער־געוויין און פאַלן אַריין
אין דער טיף פון אַ צעשפּאָלטענעם שטיין.

לוט קלאָגט:
ווען וועט שוין אַמאָל ווידער
ווערן טאָג?
אַצינדערט, ווען סדום איז פאַרטיליקט,
האָט גאָט די פאַרבאָטענע גלוסט
מיר באַוויליקט...
אַצינדערט מעג איך אויף מיינע טעכטער קומען,
און גאָט — דער אייביק־גערעכטער
וועט בענטשן מיין זאָמען.

אָ, טעכטער מיינע,
די פרייד אין מיין האַרץ איז פאַרברענט.

פאַרוואָס האָט גאָט מיך אויך נישט
אין פּייער פאַרלענדט?

אין איך, מיינע טעכטער,
אַפילו דאָ אין דער פינצטערער נידער,
וויינט די גלוסט אין אייערע גלידער.
אַ טעכטער מיינע,
די גלוסט פיבערט אין אייערע אויגן.
מיטן אַלטן, שטאַרקן ווײַן,
שלעפּערט מיך איין, און
וואָס זעגט מיין געביין.
און צווישן שטיין און דאָרן־קוסט,
וועט איר מיטן פּייער
פון אייער גלוסט זויגן
דעם טרויער פון מיין פּיין.

טעכטער צוויי,
מיטן רויטן בלוט פון ווײַן,
שלעפּט מיך איין, און
שטילט אין אייער ברוסט
פון ווי די גלוסט.

די טעכטער די צוויי
וויינען אין צער:
אַ פאָטער לוט,
נישט די גלוסט פון זינד,
נאָר פון טרויער דאָס געוויין
שפּאַרט פון אונדזער יונג געביין.

עס קלאָגן טעכטער צוויי:
אַ, האַרציקער פאָטער לוט,
פאַרנעם די ווערטער פון ווי
פון אונדזער האַרץ דעם ריינעם.

די זינדיקע סדום
האָט אַברהמס גאָט
מיט פייער און שוועבל פאַרגאָסן.
מיר זיינען די איינציק־געבליבענע יונגפרויען,
און פאַרשלאָסן זיינען אין אונדזער לייב די זיסע טויען.
אָן אַ פרוי, וואָס געבערט
וועט נישט זיין ווער, וואָס
זאָל מיט זיין שווייסיקער טרער
אַרויסברענגען
די זיסע פרוכט פון דער ערד.

אין לוטס לייב גליט
מער נישט פון תאווה דער זאָט.

אויף לוטן — דעם פאַרשלעפערטן
מיט ווייַן די טעכטער קומען.

און ער מיטן זאַפט
פון זיין הייסן זאָמען,
שטילט אין זייערע גלידער
פון גלוסט דעם פיין...

סדום שטויב און שטיין.
לוט כאַפּט זיך אויף
מיט אַ יאָמערדיק געוויין.

עס פינצטערט דער גאַנצער אַרום.
נאַכט אָן לבנה, טאָג אָן זון.

דער גאָט פון אברהם
האָט דערהערט לוטס געקלאָג.
אין דריטן מעת לעת איז ווידער
אַרויס אַ ליכטיקער פאַרטאָג.

לוטס טעכטער זיינען פֿאַרגאַנגען אין טראָגן,
און פֿון גלוסט און ווי זיי האָבן געבוירן
שיינע זין צוויי.

מאַרסעלס פֿרייד

זונטיק.
אויפֿן שליאַך שטיל און ליידיק
נידעריט די נאַכט.
מאַרסעל שפּרייזט אין גאָרטן
און שאַלט: העי, דאַוויד,
די פֿרייד אין מיין האַרץ ליכטיקט,
ווי דער פֿרימאָרגן אויף די ביימער־שפּיצן
פֿון אַ יונג־צעגרינטן וואַלד.
פֿון גליק, איך וואָלט געקענט
אַצינד אויף אַ שאָטן־בריק,
רייטן צו די שטערן
אין די הויכע, העלע, הימלדיקע וויטן...

העי, אַ רעדאַקטאָר שרייבט מיר:
ביסט אַ דיכטער פֿון אַ גאָר הויכן גראַד.
אין דיינע צוויי לידער אין אונדזער ליטעראַרישן וואָכנבלאַט,
זיינען דער זאַפּט פֿון ליבע, פֿון איר זיסן ווי.

פֿאַר דיין יידישן חבר־פּאָעט
זאָלסטו זיי לייענען.
דאָס זיינען גלוסטונגען וואָס קוועלן
פֿון אַ האַרץ אַ ריינעם.

אין גאָרטן, דער בוים
בלעטערט זיך
אין גרין פֿון פֿאַרנאַכטיקן שאָטן.

די נאַכט נידערט.
און דוד הערט דעם רויש פון פרייד,
אין די רופנדיקע רייד
פון מאַרסעלס בענקענדיקע לידער:

— א —

„ליבסטע מײַן, קיל און שטום
דער גרינער אַרום.
צווישן די שעפּטשענדיקע זאַנגען
אין באַגין,
פרייד פון לויטערן באַגער
איך געפין.

אונדזערע אויגן זויגן
דעם זיסן שיין פון דער זון.
דאָס גראָז טויאיקט
אויפן דאָרפישן וועג.
ביים ברעג פון וואַלד
זינגט די זעג.
און מיט דער שאַרף
פון אירע שטראַליקע ציין מעסערט זי
שטאַם און צווייגן־שטאַנגען,
און די שטילקייט פון וויטיק
ציטערט אין שטומען געוויין.

ליבסטע מײַן, די זון מיט איר זיסן וויין
גיסט אין אונדזערע צאַפּלדיקע גלידער
פון גלוסט די לויטערע שיין.

אַ פאַרמער שטיבל בלויט
אין דער גראָזיקער נידער.
און פון דעם זיסן ווי
פון פאַרליבטע צווי
סודען זיך פייגל
אויפן דראָטן־פלויט.

— ב —

ליבסטע מיין,
מיט די ווערטער, וואָס אין שורות
איך בינד,
צום פרילינג איך זינג.
איך בין יונג.
די זון לעקט מיינע הענט
מיט איר גאָלדענער צונג.

שטום דער שטייניקער אָרום.
בלוי דער טוי
אין דער בעכערדיקער בלום.

אָ, געליבטע,
נישט פאַרגעס אין גאָרטן
דעם בוים פון בעז,
און די פייגל, וואָס
היפּען און שושקען זיך
אויפן צוים פון די דראָטן.

יונג און פאַרטרוימט,
האָב איך אין מיין ליבע
געגלוסט נאָך דיין לייב,
און דו ביסט געוואָרן
אויף שטענדיק מיין
באַגערט ווייב.

געליבטע געדענק
די פרייד פון ליבע
יונג, ליכטיק און פרום,
וואָס נאָך איר בענקט
אויך אַצינד די בלוי־בעכערדיקע בלום,
וואָס זילבערט אין מאָרגנטוי״.

אין שאָטן פון דער נאַכט,
טונקלט אַ שטיבל
ביים וואַלדיקן שליאַך.

די פרייד קווועלט.
און דער אויסגעשטערנטער הימל
זילבערט און העלט.

אומעט

האַרבסט.
דאַרפישע שטיבער אין אומעט פאַרזונקען.
בלאַט און בוים מיט זון אָנגעטרונקען.

דוד שרייבט לידער —
אַ געזאַנג צו דער בענקשאַפט
אין דער האַרבסטיק־וואַלדיקער נידער.
אויפן פעלד, אָן זאַנג,
דער לויטערער זומער צאַנקט.

אין רויש פון רעגן־רויך,
שטראָמט דאָס וואַסער
פון דער שטיינדיקער הויך.

אין גאָרטן רויטלען זיך
די פּאָמידאָרן.
שאַרפע זון־שטראַלן
שלייפן שטיין און דאָרן.

דער הונט היט דאָס טויערל
פון דראָטן־צוים,
און בילט צום הימל,
וואָס בלויט אויפן פלאַמיקן בוים.

שטילע טריט.
די בענקשאַפט פליסט
אין אומעט פון דודס
ליכטיק־טרוימעריש ליד.

אויפן אָפּגעשוירענעם פעלד
בערגלען זיך בינטלעך־שטרוי.
וואַלד און סאַד, דערפל און גאָרטן
זינקען אין גרוי פון קילן שאָטן.

די בלוט־רויטע בעכערדיקע בלום
זויגט און שלינגט די זיסע שיין
פון דער פרימאָרגן־זון.

ביים טייכיקן ברעג
די שטיינער פאַרגליווערט און גלאַט.
און אויפן בוים ביים דאָרפישן וועג,
דאָס בלוט פון דער זומער־זון
ברענט אין פייער פון רויטן בלאַט.

שטילע טריט.
ליכט פון לויב
פליסט אין דודס
בענקענדיק ליד.

צוריק אין שטאָט

צום מושב־זקנים, צווישן שטאַכעטן
הויך און גרין,
שלייכט דבורה ווידער
אין גרוי פון באַגין.

און דוד אין די פּראָסטיקע,
שפּעטע נעכט שפּרייזט

אַהיים, צווישן אַלטע שטיבער
פון רויט־קרישלענדיקן שטיין.

די שויבן פון דער יידישער
אַרבעטער־שול אין זילבערבע־איז
גראַטן פאַרקלעמט.
אין די ענגע צימערלעך, צווישן
די קרומלעך־נידעריקע ווענט,
היימיש איז דאָרט
דער האַרציקער קלאַנג
פון יידישן וואָרט.

שפּעטע, פּראַסטיקע נעכט.
שנייאיקער ווינט פרירט און פּאַרציט,
מיט זילבער דאָס אייז וואָס ברעכט זיך
אונטער זיינע, קלינגענדיקע טריט.

דוד טראַכט פון דבורהן,
פון איר אַמאָל,
פון איר מאַטער ערגעץ, אין אַ דאָרפישן טאָל.
שבת איז געווען איר
איינציקער טאָג דער זאַטער.
אַן איבערבלייב פון דער נעכטיקער נויט,
איז ביי איר דאָס געשמאַקסטע מאכל,
אַ שטיקל הערינג, אַ רעפטל שוואַרץ ברויט
און אַ טעלערל באָרשטש פון קרויט.

אויפן אייזיקן שניי שימערט
פון פראָסט דער שטערן־שיין.
און דוד קלערט, אַז אויך דאָהי
איז זייער לעבן שווער:

אַן אַלט אייזערן איזועלע
זייער שטוב באַהייצט.

שיין פון שניי אויף די שויבן
העלט, און פון די ווענט
פלייצט די קעלט.

דוד שפרייזט. שנייאיקער ווינט
שטעכט די גלידער.
פון דער ליכטיקער באַרגיקער שטאָט,
פירט אים דער וועג צו דער
אָרעמער נידער, וואָס
האָרעוועט, הונגערט און פרירט.

די נאַכט היימישט אין קיך

דבורה זיצט ביים טיש
און איר האַנט די באָדל בליצט.
דבורה צירעוועט העמד און הויזן
קלייד און זאָק.
זי צירעוועט און זינגט
וועגן דער זומער־זון
אויף אַ פעלד פון רויזן.

דוד קושט איר גלוסטיק מויל
און זאָגט: שיין דיין געזאַנג
און זיס איז דיין קול,
דו ביסט אויף מיין זומערדיק פעלד
די זון־גאָלדענע זאַנג.

דבורה זיצט ביים טיש,
אין אירע אויגן שימערט
די פרייד. די באָדל בליצט.
זי זינגט און נייט.

דוד זאָגט: דבורה,
איך האָב געטראַכט
אויפן וועג אַ היים:

זעקס טעג פון דער וואָך
האָרעווועסטו אין מושב־זקנים,
און דערצו טראָגסטו נאָך
פון שטוב דעם יאָך.

איז שבת, איך און דו,
לאָמיר היטן און היילן האַלטן
דעם היימישן, זיבעטן טאָג פון רו.
דבורה לויכט און לאַכט:
דער דאָקטאָר זאָגט, פון
היינט אין חדשים אַכט,
איך וועל אַ קינד געבערן,
איז זאָל זיין, ווי
דו טוסט באַגערן.

דבורה זיצט ביים טיש,
אין איר האַנט די נאָדל בליצט.
אַ מעלאָדיע נאָגט, און זי פאַרנייט
העמד און הויזן, קלייד און זאָק.

שכנים

אין דער אַרבעטער־גאַס ווייסט מען,
וואָס עס טוט זיך ביי יעדן איינעם.
שכנים היימישן זיך,
ווי אין שטעטל דעם קליינעם.

דער לאַנגער איציק מיט די שאַרפע קינבאַקן,
איז אין פוילן פינף יאָר געזעסן הינטער קראַטן.
נאָך דער אַרבעט האָט ער ליב
אַ מאָלצייט אַ זאַטן.
פיינט האָט ער דעם בייז־וואָרטשענדיקן פאָרמאַן,
וואָס טוט דאָס בלוט פון די גרינע אַרבעטער צאַפּן.

דער געלער שמעון מיט די ברילן
פון שאַרף־גראָבן גלאָז, צינדט
דעם ברען פון גלויבן
מיט זיינע ווערטער:
טייערע חברים, נאָך אין אונדזערע טעג
וועט געשען: אַז אונדזער מאָרגן
וועט זיין אַ גרין פעלד מיט אַ הימל העל און ראָז.
מיט אַ שאַרפער זעג מען דאַרף
פון דער אַלטער וועלט אָפּזעגן
די צעפוילטע ברעטער...

דער קליינער ראובעלע — דער געניטער שוסטער,
ברענגט תמיד זיינע קאַמפּס־חברים פון וואַרשע
פאַר אַ מוסטער: בלוט זיי פאַרגיסן
פאַרן נייעם, גערעכטן וועלט־סדר:

פאַרן סאָציאַליזם, וואָס
וועט אונדז געבן וויסן,
באַקוועמע דירות
און שיינע וואַרעמע קליידער.

ביי דער פריילעכער באַשעלען
פלאַמט דאָס טונקל־שמאָל צאַרטע געזיכט.
זי רימט איר ראובעלען, אַז ווי אַן אַרבעטער
ער טוט זיין הייליקע פליכט.
זי לאַכט און רייצט מיטן פייכטן גלאַנץ
פון אירע העל־ברוינע אויגן:
חברה, מיט ראובענען וועל איך חתונה־האָבן,
ווייל דעם סאַק פון מיינע גלוסטיקע ליפּן
וויל ער זויגן...

הימיש, האַרציק איז ראובעלעס קול.
גלויביק זיי שלינגען
די טרוימערישע ווערטער פון זיין מויל.

זיי די גלויביקע פון זייער לויזן
ווינציק און קליין, שפּאָרן
די לעצטע פּאָר סענט, און האַלטן אויס
אַ יידישע אַרבעטער־שול אין דער ענגער הויז
פון זייער קולטור פאַראיין.

היימישער און ליבער ווערן דוהדן
די אַרבעטער שטיבער וואו טרוימען פון האָפן
וועבן פאַר זיי אַ מאָרגן פון טעג
ליכטיק, פריי און אָפן.

זומער אין קעמפּ ניט געדאגהט

צווישן בערג הויך און גלייך
פערצן אינדזלען אין אַ טייך.

אויף לאַנקע, באַנק און שטיין,
אַן אַרבעטער־עולם זיצט
און הערט זיך איין
צו דוהדס רעפעראַט וועגן די נביאים,
וואָס האָבן באַגערט אַ פרייע וועלט,
אָן אונטערדריקער, אָן מלחמה, אָן פּיין,
אַ וועלט וואו איטלעך איינער זאָל
זיין פריי און האָבן עסן צו זאַט.

דעריבער אַ ליכטיקער שטראַל
אויף אונדזער היינט־געדעכטן וועג,
איז פון די נביאים
דאָס מעכטיק, מאַנענדיק געשאַל,
וואָס אונדזער היינט
דאָס געשטאַלט פון נעכטן,
אין זיין טרוים באַהאַלט.

הערצו האָט פון שנאה די שווערד
אומעטום מיט יידיש בלוט
פאַרפלעקט די ערד.
הערינבער פון אונדזער עבר
די הייליקע שפורן,
טאָרן קיינמאָל נישט ווערן פאַרמעקט.
די דורותדיקע טרוימען פון אונדזער פאָלק
הענגען, ווי שימערדיקע שטערן
אויף זילבערנע שנורן.

דער עולם האָלט אַז דוד
איז צו נאַציאָנאַל.
דער יידישער נעכטן איז ביי אים
דער איינציקער טיף־לויטערער קוואַל.

דער עולם פרעגט און פאָדערט
פון אים אַן ענטפער קלאָר און גיך.

דודן רייצט פון אַמפּערדיקער רייד
דאָס היציקע געברום.
טרויעריק, שטום
קוקט ער אויפן עולם
און שטומט.

די זון ברוינט דאָס געביין.
דער עולם אַמפּערט זיך,
אויסגעזעצט אויף
גראָז, באַנק און שטיין.

אַ בריוו פון מאַרסעל

דאַוויד טייערער,
פון תמיד איך טרינק
פון לעבן דעם ביטערן סם.

איך ליג אין אַ סאַנאַטאָריום.
פאַרנאַכט. הער איך דעם רויש
פון דער באַן, און קוק אויף
דער זון, וואָס זינקט
אויף באַרג, בוים און בלום.

יאָ, אָנגעגריפן איז מיין רעכטע לונג.
גוף גאַרנדיק און יונג
מיט פיבער איז דורכגעשליפן.

דער דאָקטאָר טראָגט
ווערטער פון טרייסט.
מאַרסעל פּאָעט, ווייס:
די פּיין און נישט די שווערע מי,
האָבן אין דיר אָנגעצונדן
דאָס פייער פון טי. בי.
די נייע מעדיצינען וועלן פאַרהיילן דיין וואונד.
יאָ, אינגיכן וועסטו צוריק
ווערן געזונט.

נאָר גאָט וואָס וואוינט אין הימל,
אויפן העכסטן גאָרן,
פאַרגינט נישט דעם מענטש
אַ פּאָר צענדליק גוטע יאָרן.

גאָטס גרעסט פאַרמעג,
איז דער מענטש געשאַפן
אין זיין געשטאַלט.

פאַרוואָסזשע פאַר מיינע יונגע טעג,
דעם טויט אין זיין האַנט
שוין ער האַלט?

וואָס טוט אונדז טויגן
אונדזער גאַנצע מי?
אַז די גרויס פון אונדזער לעבן
פון פאַרויס ווערט אָפּגעוואויגן.

איז ווי קען איך זען
די וועלט מיט ליכטיקע אויגן,
אַז מיין האַרץ מיט פיין
איז אָנגעזויגן.

יאָ, כאָטש איך טו, וואָס דער דאָקטער הייסט,
דאָך גלויב איך נישט זיין טרייסט.
וואָרים, איך ווייס:
באַלד וועט פאַרשטילט
ווערן פון שרעק די פיין.
צווישן די בערג, ביים וואַלד,
לעשט גאָט פון מיינע אויגן
פון לעבן די שיין.

דאַוויד טייערער,
דער פּאָעט מאַרסעל
נישט ער בעט,
נישט ער שעלט.

אָ, איינציק־באַגענטער דאַוויד,
קום מיך זען, איידער עס ווערט פינצטער
פאַר מיר דאָס גאָלדענע ליכט
פון דער זון.

דודס ענטפער

מאַרסעל טייערער,
לאַנג, לאַנג וועט דאָס לעבן
אין דיר נאָך פליסן.
גאָט וועט די שיין אין דיינע אויגן
נישט פאַרשליסן.

מאַרסעל מיין טייערער פּאָעט,
דער גיכער שפּאַן פון דער פרימאָרגן־באַן,
וועט זונטיק־פרי מיך ברענגען
צו דיין קראַנקן בעט.

געדענק אין וואַלד, דעם וועג גרין און גלייך,
און דעם שטייניקן ברעג
ביים שטיל־שווימענדיקן טייך.
מיר וועלן נאָך ווידער גיין
אין שאָטנדיקן טאָל,
און רעדן וועגן
דיינע האַרציק־בענקענדיקע לידער
פון אַמאָל.
דיין נאָענטער
דוד.

ביים לייריקן בעט

אין די טעג די זיבן,
האָט דער טויט מאַרסעלן
פון לעבנסבוך אויסגעשריבן...

דוד שטייט ביים לייריקן בעט
פון מאַרסעל — זיין ליבן חבר און פּאָעט.
דער דאָקטער אַ טרויעריקער

קוקט אויף דודן און זאָגט:
איר פרעגט מיך וועגן
מאַרטעלס לידער־פּאַרמעג
פון אים איז געבליבן
אַ פול פאַרשריבענער העפט,
העמד און הויזן
און אַ פּאָר אַלטע שווערע שיך.

אין דאָקטערס אויגן גרינלעך־גרוי
פייכט פון טרערן דער טוי.
פון זיין שטיל־געבראָכן קול
דער טרויער טריפט:
מאַרסעל האָט געלאָזט
פאַר איך אַ בריוו.

דעם דאָקטערס אַלט־אויסגעמאָגערט געזיכט
מיט צער פאַרצויגן:
איך האָב געזען ווי דער טויט
האָט דאָס ליכט פון לעבן
פון אים אויסגעזויגן.

אין דאָקטערס רייד
פון טרויער דאָס געוויין:
מאַרסעל האָט זיך תמיד געפרייט
מיטן פרימאָרגן, און מיט דער זון
ביים רויטן הימל־ראַנד,
דאָס ליכט פון זיין ליד
וועט קיינמאָל נישט אויסגיין
אין אונדזער ליכטיק לאַנד.

דער דאָקטער קנייטשט
זיינע געדיכטע, זילבערדיקע ברעמען:
וואָרים, אַפילו דער טויט
האָט נישט געקענט

דאָס זינגענדיקע וואָרט
פון אים צונעמען.

אין צימער פליצט דאָס ליכט
פון דער פרימאָרגן־זון.
דוד אַ פּאַרקלעמטער,
קוקט אויף אַ וואַזע,
וואו עס וועלקט
אַ בלוט־רויטע בלום...

שרעק

צווישן פלויטן און דראָטן,
שטיבלעך באַהאַלטן
אין וואַלדיקן שאָטן.

בוים אין שטילן גערויש,
רעדט צום בלויען רוים.
און דער טרויער זעגט
די זומערדיקע טעג.
און היטלער, אויגן־
צאָרנדיק, גיפטיק־גרין, ער רעוועט
פון דער סדום־שטאָט בערלין:
קריג! די גאַנצע וועלט
וועט זיך פאַר דויטשלאַנד בויגן!
זינג גערמאַניע דאָס ליד
פון מאָרד און זיג!

יידן ווערן צום טויט פאַרפייניקט.
און אַלע אומות זייַנען איינִיק:
כל זמן היטלער קוילעט ייד און קאָמוניסט,
וועט די וועלט נישט ווערן פאַרוויסט...

יידן זיינען אָן האָפן.
זיי האָבן נישט קיין אַרמיי,
קיין וואָפן.
קיינער פאַרנעמט נישט
דאָס אַנגסט־געשריי פון יידן
פאַרקלעמט אין היטלערס הענט.

די זומערדיקע טעג
ברענען אין טרויער.
דוד אויפן זאַמדיקן וועג,
זעט דעם מערדער אויף לויער.

באַרג און גאָרטן,
בוים און שאָטן,
און די זון
מיט אירע שטראַליקע ציין,
קרישלט דאָס מאָך
פון גרויען שטיין.

דודס בריוו צו דבורהן

טייערע דבורה,
טיף נאָגט פון בענקשאַפט דער ווײ.
איך באַגער זאָלסט קומען אַהער, וואו
דאָס דאָרף שמעקט מיט פרוכט און תבואה,
מיט האָניק און היי.

היטלערס שנאה־סם
פאַרגיסט ערד און ים.
ווער ווייסט, צי אויפן טאָוול
פון דער יידישער געשיכטע,
איז שוין נישט פאַרשריבן

דער גזר, אַז יידיש פוילן,
זאָל דורך דעם מאָרד־חיל
פון דער ברוינער גערמאַניע,
חלילה נישט ווערן פאַרוויסט,
ווי די גרויסע קהילות אין בבל,
פּאָרטוגאַל און שפּאַניע.

יאָר ניין־און־דרייסיק.
דער שקר פון דער דיפּלאָמאַטיע
אַרבעט פלייסיק.

היטלער סטראַשעט מיט קריג,
און טשעמבערליין ברענגט אַ פּאַפּירל, וואָס
דאַרף זיין פאַר שלום דער גרעסטער זיג...

טייערע דבורה, קום אויף אַ פּאָר טעג,
און פאַרטרייב פון מיין האַרץ די שרעק.

קום פרי, מיט דער ערשטער
פרימאָרגן־באַן.
דאָ רויטיקט שוין דער האַרבסט.

און די זון פלייצט
דאָס לויטערע ליכט
פון איר גאָלדענער קאַן.
אין בענקשאַפט, דיין דוד.

שטורעם

אין דער פינצטערדיקער טיף
פון וואַלד, שווימט די דערשראָקענע נאַכט.
דער רעגן שווענקט
די שאָטנדיקע שטיבלעך
ביים דאָרפישן שליאַך.

דער ווינט רייט
אויף בוים און שטיין,
און טראָגט פון וואַלדיקער ווייט
פון רעגן דאָס יאָמער־געוויין.
דערשראָקענע שטיבלעך,
אין פינצטערניש פאַרקלעמט.
און אויף בערג־ווענט,
אין דער נאַכטיקער וויסט,
רעגן־ווינט יאָמערט און גיסט.

געבעט

אין וואַלד היימישע הינט
האַווקען און היטן
די שאָטנדיקע שטיבער.

פלאַמיקע בלעטער,
ביי פלויטן פון ברעטער.
שטילער ווינט זשומעט.
ליב און ליכטיק אַ ציבד
פון האַרבסט דער אומעט.
און אַ ליד פון תפילה טריפט
פון דער טיף פון דודס געמיט:

....גאָט, איך דיין פּאָעט,
אין שאָטן פון דער וואַלדיקער שטיל,
פאַר מיין געבעט.
איך האָב נישט קיין ווערטער פיל.

גאָט, וויפל יאָרן
עס אזי מיר נאָך באַשערט,
באַווייליק, דאָס געבעט פון מיין ליד
זאָל ווערן דערהערט.
און דער מענטש וועמען
דו האָסט אין זעקסטן טאָג
פון זיין באַשאַף געבענטשט,
זאָל מערנישט האָבן
קיין געוועלטער און שקלאַף.
זיינע הענט זאָלן מערנישט
שאַרפן פון מלחמה די שווערד,
און מיט בלוט זאָל מערנישט
פאַרגאָסן ווערן דיין פרוכטיקע ערד.

וואָרום, וואָס איז דען
מיין באַגער?
אַז די וועלט זאָל נישט
ווידער ווערן וויסט און לער.

גאָט, אַצינד, אין שפּעט פון טאָג,
ענטפער מיר און זאָג:

איך, אין רחמים, באַוויליק,
אַז די וועלט זאָל מער נישט
ווערן פאַרטיליקט.

און איז דען צו גרויס
מיין באַגער, אַז אין אייביג
זאָל לויכטן פון פרייד
די טרער.

גאָט, מיין האַרץ אין פּיין
טרויעריק און שווער.
דיין פּנים אין שיין
צו מיר קער.

זון אויפן הימל־ראַנד
גליט דודס טריט, וואָס
זינקען אין שטויב
פון צעפּינקלטן זאַמד.

דאָס וואַסער צווישן שטיינער שומעט.
ליב און ליכטיק פון האַרבסט דער אומעט.

צוריקפאָר אין שטאָט

אויףביימער פלאַמיק־רויט,
האַרבסטיקער הימל בלויט.

אין דער שלוהדיקער שטיל,
לויפט צו דער שטאָט,
דער אָנגעפּאַקטער אויטאָמאָביל.

די ראַדיאָ שרעקט:
פון נאַצישע עראָפּלאַנען
ווערן אין פּוילן
שטעט און דערפער אָפּגעמעקט.

דוד קוקט אויפן ליכטיקן, האַרבסטיקן לאַנד.
באַר זיין געדאַנק טראָגט זיך
צו יידישע שטעטלעך
הימיש באַקאַנט, וואו
עס יאָגט אַצינד
דער נאַצישער טאַנק.

אין דער יידישער טאָגשול

אין די צימערלעך ענג און היימיש,
יידיש געזאַנג נאָך פרידן בענקט.

דער הימל פון זיין לויטערן
ליכט־קוואַל וואַרפט אויף שויבן
שטראַל נאָך שטראַל.

אין גאַס, אינמיטן רויש
פון אויטאָ־ראָד,
אַ מידער פויגל רוט
אויף צוים פון דראָט.
יידיש ליד זינגט
וועגן אַ וועלט פריי און אָפן,
און טראָגט פון טרוים
דאָס האָפן אויפן טאָג
גערעכט און גוט.

צימערלעך ענג און קליין,
פאַר יידישע קינדער אַ ליבע היים.

די יידישע־סאָוועטישע דעלעגאַציע

אַן עולם יידן שפּאַרט זיך
צו דער שוועל פון ריץ־קאַרלטאָן־האָטעל.

אין שניי הויך און העל
דער עולם וואַרט.

די זון קווועלט
איר וואַרעם ליכט
אויפן עולם, וואָס גאַרט
צו זען מיכאָעלס און פעפערס געזיכט.

פלוצלעם ווערט פון עולם
איין לאַנגע אָפענע ריי.
אַן אויטאָ גלאַנציק און גרויס
בלייבט שטיין ביים טראָטואַר,
פאַרלייגט מיט שניי.
אַ נידעריקער, ברייט־פלייציקער מאַן
האָצקעט און הוידעט זיך
אויף אַ קוליע.
— שלום עליכם, יידן!
שמייכלט ער און צערטלט
מיט די רייד:
איך בין מיכאָעלס, ועמען
מען האָט אָנגעטאָן אַ שטיוול
פון גיפס ווייס ווי קרייד,
און דער פּאָעט איציק פעפער
פון שטעטעלע קאַפּוליע
גייט ביי מיין זייט.
צום נאַצי־מערדער דער האַס
אין זיין האַרצן גליט, און זיין ליד
איז מכריז ומודיע:
„איך בין אַ ייד!"
און ווי אַן אמתער באָלשעוויק,
גלויבט ער, ווי מיר אַלע,
אין אַ סאָוועטישן זיג.

שלום אַש דרייט אויס
דעם גרויענדיקן קאָפּ
און רופט זיך אָפּ:
איציקל ביסט אַ טייערער יאַט,

הלואי, עס זאָל דיר אָפּגיין גלאַט,
וואָס פּלוצלינג האָסטו אָנגעטאָן
די קרוין פון אַ יידישן זינגער,
וואָס וויל נישט, אַז עס זאָל
חלילה ווערן אָפּגעפּליקט
איין און איינציקער גרינער בלאַט
פון אייביק־לעבעדיקן יידישן בוים.
אוי איציקל, איך האָב מורא,
אַז מען וועט דיך הערפּאַר שפּעטער
שמייסן און לעבעדיקערהייט
פון דיר שטיקער רייסן...
איציק פעפער לאַכט: גרויסער שרייבער שלום אַש,
שוין צייט, איר זאָלט אויפהערן נוצן
פון די סאָוועטנהאָסער — די ליגנערישע שפּראַך.

שלום אַש האַלט פּעפערס האַנט,
און צום האָטעל זיי שפּאַנען באַנאַנד.

די זון בלענדט.
און אַרום די פּאַרזילבערטע ווענט
פון באַרג־וואַלד, די פאַרשנייטע שטאָט
שרייט און שאַלט.

דוד אַ שווייגנדיקער,
ציט נאָך די גיכע טריט
פון די אויפגעלייגטע געסט.

פּיין

אין האָטעל־קאַפּעטעריע,
ביי אַ ברייטן, קיילעכדיקן טיש
מיט מאכלים אָנגעשטעלט,
זיצט שלום אַש, אָנגעכמורעט און צערייצט

און צאָרן פון אים פליצט:
פאַרוואָס אַרט קיינעם נישט מיין פּיין,
וואָס איִיב קאַהן, ווי אַ הונט ווילד,
שטשירעט אויף מיר זיינע ציין און בילט?

פון שלום אַשס רייד פון וויטיק
צערייצט און אָפן,
פילן זיך אַלע באַליידיקט
און געטראָפן.

דוד זאָגט:
קען דען ווער אַנטאָן אַ צאַם
אויפן רשעותדיקן מויל
פון איִיב קאַהן?
וואָס אַרט אייך,
דער „פאָרווערטס", וואָס מיט שנאה שפּריצט?
אויף דער סאַמער מזרח־וואַנט אין דער יידישער ליטעראַטור
שלום אַש זיצט!
ביי שלום אַשן קילט זיך
ביסלעכווייז אָפּ דער צאָרן,
און אויפן עולם ער וואַרפט
אַ היימלעכן בליק אַ קלאָרן:
„יידן האָט נישט קיין פאַריבל,
נישט צוליב דעם,
בין איך קיין מאָנטרעאָל
געקומען צו פאָרן.

היטלערס מאָרד־חיל טראָגט זיך
איבער איירָאָפּע ווי אַ בליץ,
נאָר נישט זיינער וועט זיין דער זיג.
דער נאַצי וועט די מפּלה כאַפּן
אין רוסלאַנד, פונעם באַלשעוויק".
שלום אַש איז פאַר דודן
די קרוין

פון דער יידישער ליטעראַטור,
און קיינער וועט קיינמאָל
נישט קענען, אַרום אים
פאַרציען פון חרם — די צוים.

אויף די שויבן
מיט די גלאַנציקע ציכן
פון שניי, גליטשט זיך
די זון און שטילט
דעם וויי.

דער אינטערוויו

אין גרויס־באַלויכטענעם אויפנאַם־זאַל,
הערט מען קוים
דאָס דרויסיקע אויטאָ־געשאַל.
אויפן בופעט אין שימערנדיקן שיין
שטייען פולע
פלעשער וואָדקע און ווייַן.
מיכאָעלס וואָס וויגט זיך
אין דער הויכער, ווייכער שטול,
קוקט אַ פאַרמרה־שחורהטער
אויף דודן און מורמלט
צו זיך אַליין:
אחינו בני ישראל
אויף דער זייט ים,
נאָר ביזנעס ליגט
זיי אין זינען.
זיי באַנעמען גאָרנישט,
אַז איידער מירן דעם זיג
געווינען, קען דערווייל

דאָס גאַנצע הויז פון ישראל
אַוועק מיטן פלאַם.
מיכאָעלס קרעכצט:
היטלער דאָרטן ברענט, שיסט
און שעכט און דאָ?
קלאָגט מען זיך נעבעך
אויף אַ טאָג פאַרכמורעט און גראָ.
טייערע יידישע שוועסטער, ברידער,
זאָלט איר מיר געזונט זיין,
און כסדר זיך מערן,
אוי, ווי מיר איז דערווידער
די באַנקעטן מיט די געבראָטענע טשיקנס
און טרערן.
יידישע ציינער דאָהי קענען זיך
נאָך אַלץ נישט אָנזעטן,
און האַלטן אין איין סמאַטשקען
דעם זאַפט פון פעטע
אויסגעפרעגלטע ביינער.
אונדזער איציק פעפער
רוט נישט קיין מינוט,
אין בלוט פון זיין ליד קלאָגט היינט
דאָס צעבראָכענע יידישע געמיט.

איציק פעפער שילדערט
די גרויל פון נאַצי־מערדער,
און אַקעגן אים זיצט
אַ רעפּאָרטער פון אַן ענגלישן בלאַט,
קייט שטיקלעך שאָקאָלאַדע,
און פון זיין מויל גליטשן זיך
די פראַגן גרינג און גלאַט:
מיסטער איציק פעפער,
ווי געפעלט אייך עפּעס
אונדזער קאַנאַדע?

איציק פעפער קוקט
צום דרויסן דעם בלאַסן
און ענטפערט ערנסט און געלאַסן:
אונדז איז באַקאַנט
אייער גרויס און שיין לאַנד.
אין שטח, אין געשטאַלט,
איז די קאַנאַדער לאַנדשאַפט
ענלעך צום גרויסן,
מעכטיקן סאָוועטנפאַרבאַנד.

נו, און ווי עס האַלט אויפן פראָנט?
דער נאַצי־מערדער פון אונדזער לאַנד
וועט ווערן פאַריאָגט.
אויף אונדזער ערד
האָבן די הונען
דעם טויט שוין געפונען.

דער רעפּאָרטער גיסט זיך אָן
אַ גלאָז וואָדקע פון אַ פולער פלאַש
און שמייכלט כיטרע, פאַרשייט:
אָבער דער נאַצי איז דאָך
פון מאָסקווע גאָרנישט ווייט...
מיסטער פעפער, איך פאַרזיכער אייך,
איך וועל גאָרנישט אויסמעקן
פון אייערע רייד, אַז אויפן פראָנט
שוין צום בעסערן עס גייט,
און אין די טיפע שנייען
פון פראָסטיקן רוסלאַנד
היטלערס חיל וועט
בלייבן שטעקן.

פעפער דערווידערט:
איך האָב געזאָגט,

פון אונדזער לאַנד
פון באַרג און נידער,
וועט דער נאַצי ווערן
פאַריאָגט.
נישט דער פראָסט,
נישט דער שניי.
היטלערס חיל וועט פאַרטיליקט
ווערן בלויז פון דער רויטער אַרמיי.

איציק פעפער אַנגעלענט
אויפן ווענטל פון דער שטול,
רעדט צו זיך אַליין:
פון רעפּאָרטערס, פון זייערע
כיטרע פראַגן און פאַלשע רייד,
איך בין שוין מיד און דול.

דער שמועס מיט איציק פעפער

ביי איציק פעפערן שטאַרצן
די קינבאַקן, ער רעדט
צו דודן און וויזט אים
אויפן עולם ביים בופעט,
וואָס טרינקט בראַנפן פון
פולע גלעזער, און פאַרבייסט
מיט סענדוויטשעס קליין און געשמאַק.
נו, דוד, חברל פּאָעט, קאַמיש
איז דער גבירישער עלעמענט,
גראַד אין אים צום שטאַרקסטן
דער פּראָגרעסיווער גייסט ברענט...
אַדרבה, זעט, ווי אונדזער אומגליק
גייט אים אָן. דער גביריאַק
איז גרינג אויף רייד

און מיינט, אַז אַזוי
קעמפט ער אויך
פאַרן פאָלק מיט דער רויטער פאָן.

דוד פרעגט פעפערן שטילערהייט:
פאַרוואָס האָט זיך אויסגעגאָסן
אַזאַ ווייסטער צאָרן אויף ציגנבערג,
מאַקס עריק און משה קולבאַק?
און פאַרוואָס האָט מען
איזי כאַריקן דערשאָסן?
איציק פעפער מורמלט:
די זון האָט אויך אַ פלעק.
אוי, ווי עס איז דאָ הייס!
און זיין שטערן באַדעקט זיך
מיט דינע טראָפּנס שווייס.

פעפער אַ דערשראָקענער
קוקט אין אַלע זייטן:
נאָכן קריג וועט זיך אַלצדינג
צום גוטן בייטן.
איז האָט רחמנות, און פרעגט
מיך דאָ גאָרנישט מער.
איינפירן סאָציאַליזם
איז זייער און זייער שווער...
פעפער אַן אויפגערודערטער
רוקט די גרויסע, ברייטע ברילן
און מורמלט: איך מוז זיך
אַביסל אָפּקילן.
און ער שפּרייזט אַוועק
צום טונקעלן קאָרידאָר,
צו האָמעוועען אין זיך
די שרעק, וואָס דאָס
האַרץ זיינס פאַרבאָרגט
שוין צענדליקער יאָר...

דער בריוו פון שלום אַש

פּראַסטיק, פּריש און לויטער
דער פרימאָרגן דער רויטער.
שאַרפע שײַן שימערט
אויף די שויבן,
און בלענדט
אויף די באַמאַלענע קאַפּעטעריע־ווענט.
שלום אַש אויפגערעגט
מישט אַן ענגלישן בלאַט
און פרעגט:
פאַרוואָס לאָזט מיך דער „פאָרווערטס"
נישט צורו?
פאַרוואָס טשעפּעט מען
מיר שוין ווידער צו
דעם בלבול פון שמד?
מען באַוואַרפט מיך
מיט בלאָטע און קויט,
מען ליאַרעמט:
שלום אַש געשמדט
און רויט.

שלום אַש מישט דעם בלאַט.
אויפן טיש שמעקן
הייסע טעפּלעך קאַווע צוויי.
דוד שווייגט.
אים איז פּיינלעך, וואָס
ער ווייסט נישט, ווי אַזוי
צו שטילן אין שלום אַשן דעם וויי.
דוד אין פּײַן, זעט דורך דער שויב
דעם באַרג, וואָס שימערט
אין שנייאיקן שײַן.

גאַר אומגעריכט
צעשמייכלט זיך שלום אַשס געזיכט
און ער ברומט צופרידן:
אין אייער בלאַט שרייבט זיך,
אַז שלום אַש איז אַ גרויסער מייסטער,
וואָס שילדערט קלאָר און מיט גרויס טאַלאַנט
זיינע יידן נישט נאָר
פון פוילן, נאָר אויך
ווען יידן זיינען געווען
אַ פאָלק אין זייער אייגן לאַנד.

דוד דערפרייט, געפינט
איצט פאַר אַשן
ליבע, ליכטיקע רייד:
דעם יידישן לייענער, וועמען
איר דערהויבט, זוכט נישט אויף
זיין שלום אַשן קיין פרעמדע לויב.
אייער יעדער ניי בוך
איז ביי אים אַ וואונדערלעך געשאַנק,
וואָס ער נעמט אויף מיט ליבשאַפט
און דאַנק.

אין שאַרפן מאָרגן־ליכט
לייטערט זיך שלום אַשס געזיכט.
מיט אַ וואַרעמען בליק
ער באַטראַכט אים און זאָגט:
איך האָב אייערע לידער געלייענט
ביז שפעט אין דער נאַכט.
זיי רעדן צו מיין געמיט.
אין זיי גליט דער גלויבן
אין אונדזער פאָלק, און אינעם
אַרבעטער, וואָס רייסט זיך
פון דער נידער.

נאָט אייך דעם בריוו,
וואו איך שרייב וועגן
אייער ליד „דער טאַטע“.
איר האָט זיך אייער
אייגענע ריכטונג.
יידיש־סאָציאַל איז אייער
גאָט־געבענטשטע דיכטונג.

אַ שטראַל צינדט
די אותיות אויפֿן מאַרגנבלאַט.
און שלום אַש מיט זיינע רייד
וועגן יושר־מאָנענדיקן ליד
פֿאַרן מענטש פֿון אָרעמען גראַד,
טריפֿט טראָפּנס ליכט
פֿון פֿרייד אין דודס געמיט.

דודן דאַכט זיך,
אַז די זון מיט איר
זילבער־שנייאיקן שיין,
טרינקט פֿון רייד דעם וויין,
און שפּרינגט אויפֿן באַרג־שפּיץ
שיכור פֿון פֿרייד.

אין פּאַרק

העלע רוימען
שלינגען גרויען רויך
פֿון קוימען.

דוד שפּרייזט אין דער שלווה
פֿון צעזילבערטן פּאַרק.
שיַין פֿון שניי בלענדט
פֿון די באַרג־ווענט.
ליכטיק און קלאָר
דערליידיק, צעשטראַלטער אָרום.

אויפן פּאַפּיר־בויגן
אין שלום אַשס בריוו
בלויט די קרומלעך
צעצויגענע שריפט.

אין דער פּראַקטיקער זון
דער רויטער,
דער ווײַן פון יידיש
פליסט היימיש און לויטער.

פון אַמאָליקער ווײַטער וואָר,
ווײַן פון היימישן יידיש פליסט
ליכטיק און קלאָר.

אַשס ווערטער קלעטערן און קומען,
און האָניק־זיס איז דער זאַפט
אויפן גומען.
אויף אַ בוים פאַרגליווערט און גראָ,
קראַקעט אַ הונגעריקע קראָ.

אין טאָל שטיל און ליידיק,
דוד לאַכט הויך און פריידיק.
ער שפּאַנט מיטן פּראַקטיקן
זון־פלאָם פון פאַרנאַכט,
וואָס גליטשט זיך
אויפן שאַרף־גלאַנציקן
אייזיקן שטאָל.

די מאַסן־פאַרזאַמלונג

אין פול־געפּאַקטן זאַל
הילכט מיכאָעלס׳ צאָרן־געשאַל :
היטלערס מאָרד־חיל
צעטרעט און פאַרוויסט
דערפער און שטעט.

איך האָב נישט קיין ווערטער
איבערצוגעבן די גרוילן:
יידן פון לענדער פאַרשידן
אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן
פון דייטשלאַנד, סאָוועטנפאַרבאַנד און פוילן.
גערמאַניע פאַרדאָרבן!
אויף די שלאַכט־פעלדער
פון אונדזער לאַנד
וועט דאָס היטלעריסטישע חיל
ווערן באַגראָבן.

יאָמערדיק געוויין
זיינען שלום אַשס
ווערטער פון פּיין:
יידן, גרויס איז אונדזער בראָך.
הייליקע יידישע קהילות
אין פוילן זיינען שוין אַש און פּאָרך.

איך גלויב, צום גערמאַן
וועט זיין ווינד און ווי.
אַלע זיינע האַרמאַטן און טאַנקען
וועלן ווערן פאַרזונקען
אין טיף־רוסישן שניי.
היטלער וועט האָבן
די זעלבע מפּלה, ווי
פּרעה מלך מצרים, וואָס
איז מיט זיין חיל און רייטוואָגנס
אין ים געוואָרן דערטרונקען.

שלום אַש קערט זיך צוריק
צו זיין אָרט.
אין זיינע אויגן שימערן טרערן.
מיט אַ צעבראָכן געמיט ער מורמלט:

איך דער קליינשטעטלדיקער, קוטנער ייד,
וויל זיין אין פייער מיט מיינע יידן
אויף דער ברענענדיקער בריק.
אוי, גאָט דערבאַרעמדיקער,
וואָס וועט פון מיינע יידן ווערן.
ווער ווייסט צי עס וועט בלייבן
אַ שארית ישראל אין היטלערס
מאָרד־טאָל.

אין זאָל פול און געדיכט
שטראָלט דאָס ליכט
אין עלעקטרישע גלאָזן.
איציק פעפער שאַלט:
שוועסטער און ברידער,
אויפן געניאַלן סטאַלין און אויף
אונדזער רויטער אַרמיי
קען מען זיך פאַרלאָזן.

דער מערדער — דער גערמאַן
איז אויפגעשטאַנען
צו פאַרטיליקן אונדזער שטאַם.

מיר וועלן נקמה נעמען
פון די הונען!
מיט זייער רוצחיש בלוט
פול וועלן ווערן שטאָט און שליאַך,
טייך און ברונעם.

עס הילכט דער זאַל.
דאָס ליכט שטראַלט.
פעפער שאַלט, און צאָרן
צינדט זיין צעפּיבערט געזיכט.

און שלום אַש אַ צעבראָכענער מורמלט:
„היטלער הרשע אויף ישראל לויערט" —
און פון זיינע אויגן טריפן
די טרערן פון טרויער.

אָפּפאָר

פאַרנאַכט.
די זון — אַ רויט־צעגליטע פאַן.
דוד און דבורה באַגלייטן
מאַרדושין און שלום אַשן
צו דער באַן.

שלום אַש קרעכצט:
רבונו של עולם,
מיין גאַנץ לעבן
נאָך שבת־קודש
איך לעכץ.

ווי איז שלום אַשן —
אויף די עלטערע יאָר
האָט ער גאָר דערלעבט
צו זען דאָס גרויסע אומגליק,
וואָס איז צו זיינע פוילישע
יידן געשען.

שלום אַש בויגט זיך
צו דודן און זאָגט:
איך קען שוין אין ערגעץ
נישט געפינען מער קיין רו.
פאַרוואָס ווערן מיר שוין
טויזנטער יאָרן געפּלאָגט?

איך בין אַן אַלטער ייד
מיט אַ צעבראָכן געמיט.

רבונו של עולם,
יידן זיינען אַמאָל פון שפּאַניע
קיין פּוילן געלאָפן.
האָט זיי איצט ווידער
דאָס אומגליק געטראָפן.

דאָס האַרץ זאָגט מיר,
מיר וועלן זיך
שוין מערנישט זען.
זאָלט איר וויסן,
אַז מיט אייך
איז מיר אין מאָנטרעאַל
היימיש געווען.

אין וואָקזאַל קוקן אַלע
אויפן הויכן מאַן
מיט די טרויעריקע,
שימערדיקע אויגן,
און פעסטן שפּאַן,
וואָס טראָגט אויף די אַקסלען
אַ ברייטע, ווייסע שאַל.
אַש אַקעגן דער שפּיגלוואַנט
זעט איצט אויס — אַ פאַרוואָגלטער ייד
פון אַ היימיש־פּוילישן קאַנט.

די באַן וואַיעט
און וואַרפט שטריק פון רויך
אין דער שאָטנדיקער הויך.
די באַן לויפט און אַנטרינט
אין געוויין פון שנייאיקן ווינט.

דודס רייד צו אַ וויינענדיק מיידל

אַ מיידל מיט אַ פּאָרטרערט געזיכט
לייענט אַ בריוו ביים לאָמפּן־ליכט.

— מיידל, פאַרוואָס איז דיין פּנים נאַס ?
דער באַרג שווימט אין טויאיקן רויך.
און די שטערן אין בלויען הימל־פּאַס
מיניען צו דיר פון דער הויך.

— ליבער מענטש, דער פרילינג גרינט
אויף דער וועלט.
יונגע בלעטלעך אויפן בוים שוידערן
און שושקען זיך מיטן ווינט.
איך וויין און איך לייען אַ בריוו
פון מיין געליבטן אויפן שלאַכט־פעלד,
וואָס קיינער ווייסט נישט וואו
זיין יונג געביין געפינט זיך אַצינד.

— מיידל, די אותיות אין בענקשאַפט
לויכטן מיט די לויטערסטע באַגערן.
דעם בריוו מיט דער בלויער שריפט
פאַרטריף נישט מיט דיינע טרערן.

— מיידל, בלייב נישט אַליין
מיט דער שרעק און געוויין,
שטעל זיך אין דער מעכטיקער ריי
פון די, וואָס אין זייערע הערצער
ברענט פון ליבע דער ווי.

— מיידל, גיב מיר דיין האַנט,
און לאָמיר שפּאַנען באַנאַנד
אויפן וועג מיט די, וואָס
שמידן די טעג פון מאָרגנדיקן פרידן.

— מיידל, צוזאַמען און דורך אונדז
וועלן אויף דער וועלט
די ציילן פון פרידן ווערן אויפגעשטעלט.

— מיידל, נישט מיד און נישט שוואַך
וועט ווערן אונדזער גאַנג,
ביז פון פרידן דאָס געזאַנג
וועט נישט שאַלן אין יעדער שטאָט,
און אויף יעדן שליאַך.

מען שווייגט

יידן זיינען אין געטאָס,
אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַרשפאַרט.
און די יידישע פירערשאַפט
שווייגט און וואַרט.

ס׳רוב קהל־פירער, וואָס
זיינען פון יאָרן לאַנג
צו שתדלנות געוואוינט,
קלאַמערן זיך אויך איצט
ביים זעלבן געדאַנק:
אַוודאי איז דאָס שווייגן שווער,
נאָר שטילערהייט וועט מען אויפטאָן מער.

גאָר אַ מיעוט טענהט:
אַז מען זאָל אַרויס
אין אָפענעם דרויסן,
און מיט ספרי־תורות
אין דער האַנט
אויפרודערן דאָס גאַנצע לאַנד.

דוד האַלט: מיט יאָמער־געוויינען
זאָלן יידן אויף די רעלסן ליגן
די אייגענע געביינען.
זאָל די וועלט זיך דערוויסן,
אַז מיליאָנען יידן
טוען די נאַציס פֿאַרברענען,
שעכטן און שיסן.

ביינאַכט, שווידערט ער
אין דער פֿאַרגליווערטער פֿינצטערניש.
אים דאַכט זיך: אין פּוילן,
אַ פֿייערדיקער הימל איבער
אַלע יידן קראַכט.
ער ליגט אין פּיין צעפּליקט,
און שטאַרט צו דער לבנה,
וואָס קלעטערט אויף די
פּראָסטיקע סלופּעס
פֿאַרצויגן מיט דראָטן־שטריק.

צווייטער טייל

אויפן וועג קיין פוילן

חורבן

בערלין צעשמעטערט —
אַ חרובע שטאָט
פון ציגל און ברעטער.

אַלע פרייען זיך מיטן זיג.
פעלקער ווילן באַוואָרענען
עס זאָל מער נישט זיין
קיין קריג.

יידיש־פוילן איז אָפּגעמעקט.
דער שוידער פון יידישן אומגליק
פאַר דער גאַנצער וועלט
איז איצט אַנטפּלעקט.

העכער זעקס מיליאָן יידן
אין פייערן פאַרשוואונדן.
אין יידישע הערצער
זיינען די טרויערן אָנגעצונדן.

יידישע אויגן פול מיט געוויין,
קלאָגן אויף יידישע קהילות
אָן אַ מצבה־שטיין.
נישטאָ קיין שטעטל,
נישטאָ קיין קברים.
אין דער וויסט ווייגען
פאַרבלוטיקטע בלעטער
פון הייליקע, יידישע ספרים.

איינער אַ געראַטעוועטער
האָט צו דודן געשריבן:
„פון דיין פאַרצווייגטער משפחה
איז קיינער נישט געבליבן“.

די לבנה טריפט שײַן פון טרויער
אויף דער ערד דער בלויער.

נאַכט.
דודס האַרץ — אַ פולער טרערן־ברונען.
ער טראַכט פאַרן קיין פוילן,
אפשר איז כאָטש איין קרוב
פון די קוילן און גאַז־קאַמערן אַנטרונען...

ביים פאָרט

ביים פאָרט וואַרט דוד
אויפן טאַטנס געזעגן־וואָרט.
דוד פרעגט:
טאַטע, איז אָט דער וויסטער גזר
פאַר מצוות און מעשים טובים
דער שכר?

טרויער פון טאַטנס אויגן שפּאַרט.
דער טאַטע האַמעוועט דעם צער.
באָרד און פאות — זילבערנע פאַסן.
דער טאַטע שטאַרקט זיך,
און ענטפערט געלאַסן:
„מיין זון, יידן זיינען חלילה נישט
איין־אַליין אין דער וועלט.
אין יעדן וואָרט פון דער תורה הקדושה,
דער בטחון אייביק קוועלט.
משיח וועט דאָך מוזן קומען.
וואָרים, ביזן האַלדז
איז דאָס וואַסער שוין צוגעשוואומען".

פון טאַטנס אויגן
פאַלן טרערן:
מיין זון, גאָט זאָל דיר
אַ גליקלעכן וועג באַשערן.

אויפֿן שיף

נאַכט.
אין פֿינצטערדיקן הימל
אַלע שטערן שטאַר און בלינד.
דודן דאַכט זיך: דאָס שוידער־געשריי
פֿון געקוילעטע ייִדן, טראָגט
דער צעכוואַליעטער ווינט.

דוד אויפֿן געלעגער וואַך,
ליגט און טראַכט:
אויף פּוילישער ערד
נישטאָ מער קיין ייִדיש הויז.
און איבערן שארית־ייִדן
הענגט נאָך אַלץ
די געשאַרפֿטע שווערד.

ביים טאַטן אין טעג פֿון צער,
איז גאָט זיין איינציקער אָנשפּאַר.
דער טאַטע גלויבט:
משיח וועט זיך אומגעריכט באַווייזן,
און אַלע ייִדן וועלן מיט אים
קיין ארץ־ישראל שפּרייזן.

און דוד איז געבראָכן און אַליין.
פּיינען און שטראָפֿן
האָבן אין זיין געביין
פֿרי־פֿאַרברענט די פֿרייד פֿון האָפֿן.
אין זיין ליד צינדט זיך
מערנישט פֿון גלויבן דאָס ליכט.
נאַכטיק, בלינד פֿינצטערט
פֿון הימל דאָס געזיכט.

דער פרומער פּאַסטאָר

דודס שכן אין קאַבין —
אַ פּאַסטאָר גרוי, הויך און דין.
פרומלעך, איידל און שטיל
ער גיט דודן צו פאַרשטיין:
גאָט אונדזער פאָטער
בלויז ער אַליין ווייסט
פון שטראָף דעם ציל.
ער זיפצלט זיסלעך
און מישט די בלעטער
פון נייעם טעסטאַמענט:
דייטשלאַנד וועט נישט
ווערן געשענקט, וואָס
זי האָט זעקס מיליאָן יידן פאַרלענדט.
אָבער יידן דאַרפן נישט אומעטום
זיין פול, און שטענדיק און אין יעדן לאַנד
פאַרכאַפּן די ערשטע שטול.
שוין צייט, אַז דזשיזוס —
אונדזער האַר זאָל
אויך פאַרן אויסדערוויילטן פאָלק
ווערן דער פעסטער אָנשפּאַר.
דערפאַר וועט גאָט
פון שארית ישראל
ווערן דער רעטער,
און זיין גנאָד וועט רוען
אויף אייך אין אַלע
אייערע וואוין־ערטער.
דער פּאַסטאָר זיפצלט
צופרידן און פרום.
דוד קוקט אויף אים
טרויעריק, שטום.

דער בריוו אַהיים

מיט דער בענקשאַפט, וואָס
גראָבט טיף אין געביין,
שרייבט דוד אַ בריוו אַהיים:
טייערע דבורה:
אויף דער שיף, וואָס
האַלט אין איין פאָרן,
שליידערן זיך די וואַסערן
אין ווילדן צאָרן.

פאַרכטיק זיינען די נעכט,
ווען עמעצער אין די הייכן,
האָט פאַרגעסן אָנצוצינדן
דאָס ליכט אין די רערן
פון די העלע, שימערנדיקע שטערן.
דעמאָלט דאַכט זיך,
אַז די שיף וועט קיינמאָל
קיין פאָרט נישט גרייכן.
נאָר אָט — דער ים שטילט זיך איין.
די שויב פון מיין קאַבין
צינדט זיך אין גאָלדענעם שיין
פון באַגין.
אין אָט דער ליכטיקער שעה,
וואָלסט געדאַרפט זיין מיט מיר
אָט־אָ־דאָ. וואָרים דיין ליבע
וואָס איך באַגער, ריין איז זי
ווי אין קוואַל פון אויג די טרער.
קוש אונדזערע זין און זאָג זיי,
אַז אין מיין ליבשאַפט
צו אייך טרייסט איך געפין.
דיין דוד.

אַ וואָך אין לאָנדאָן

עס רוישט אין גאַנג
לאָנדאָן — די ריזן־כּרך.
נאָענט, היימלעך
איז דער קלאַנג
פון דער ענגלישער שפּראַך.

אויף פיל גאַסן רייען
פון צעשמעטערטע געבייען.
עסן איז אויסגעטיילט
אויף קאַרטן.
איז דער עולם שוין
געוואוינט געדולדיק וואַרטן.
אין לאָנדאָן בלאַנקעט
דוד אַרום אַ וואָך,
ביז די פּוילישע וויזע
ווערט אים באַווילִיקט,
צו זען דעם גרויסן בראָך,
וואו מיליאָנען יידן
זייַנען געוואָרן פאַרטיליקט.

מיטן עראָפּלאַן,וואָס
ראַנגלט זיך מיט די ווינט־כוואַליעס
אין דער הויך, פאַרשווינדט
לאָנדאָן — די שטאָט
פון נעפּל און רויך.

אין וואַרשע

וואַרשע פון באָמבעס צעשטויסן.
אַ הייסער ווינט קייקלט
דעם זאַמד־שטויב אינדרויסן.

מיט גלאָז און ראָד,
מיט ציגל און ברעט
פאַרוואַלגערט איז
די גאַנצע שטאָט.

אין נעפל פון זאַמדן־שטויב,
פלאַטערט אַ טויב.

צווישן רואינען קלאַפּן
און קלינגען האַמער און רידל.

ביי אַ חרובער מויער אַ בעטלער,
קלאָגט אויף אַ פידל אין טרויער:
ברידער פּאָליאַקן, אין אונדזער געליבט לאַנד,
מיר וועלן אויפשטעלן צוריק
יעדע צעבראָכענע וואַנט,
יעדע צעריסענע בריק.

די רוצחישע דייטשן
וועט גאָט אין זיין צאָרן געפינען.
פון זיין שטראָפנדיקער האַנט,
וועט קיין איינער פון זיי
נישט אַנטרינען.

גוטהאַרציקע ברידער פּאָליאַקן,
וואַרפט אַ פּרוטה אין מיין טעלער,
און איר וועט זוכה־זיין זען,
ווי איבער פוילן וועט אינגיכן
אויפשיינען דער טאָג דער העלער.

אין פלאַמיקן פאַרנאַכט,
גאָלדיקט אַ יעזוס־סטאַטוע
אויפן געזימס פון
אַ צעבויגענעם קלויסטער־דאַך.

עס קלאַפּן, עס קלינגען
זעג, האַמער און רידל.
רויטע שטראַלן שפּרינגען
אויף די סטרונעס
פון בעטלערס פידל.

אַ פאַרהאַנג פון זאַמדן־רויך
הייס און געדיכט, הענגט
אין דער הויך, און פאַרדעקט
דאָס בלוי פון הימלדיקן געזיכט.
פון בעטלערס בעטנדיקע אויגן
די טרערן רינען:
די דייטשן וועלן פון גאָטס צאָרן
נישט אַנטרינען.

אין שווידער פון חלומות

אין האָטעל־צימער אַ שטול, אַ טיש,
אַ פּאָרטרעט אויף אַ קייט
און אַ בעט ווייס, ווייך און ברייט.

די שויבן שווענקען זיך
אין פייער פון פאַרנאַכטיקן שײַן.
דוד ליגט אַ מידער אויפן געלעגער.
אַלע זיינע גלידער
דורכגעזעגט אין פּיין.

דער חלום פאַרמעקט
דעם וועג אַהיים.
צווישן בערג פון שטיין,
ער ראַנגלט זיך
מיט דער זון, וואָס
זינקט אויפן פלאַקערדיקן
הימל־ברעג.
אין בויך פון וויסטן טאָל,
ער ציט די מידע טריט,
אין הייסן זאַמד, וואו
דעם צייכן פון אַ וועג
ער קען נישט געפינען.
ער וואָגלט,
ביז עס וועקט אים אויף
אַ בריערנדיקער שטראַל
פון הייסן באַגינען.

אויף דער וואַרשעווער געטאָ

די זון מיט איר העלער שײַן,
בויערט טיפער אין אים די פּײַן.

דודס פּיס מיד און שווער,
זינקען אין שטויב
פון דער וויסטער לער.
לעכער, גריבער.
נישטאָ קיין צייכן
פון קיין שטיבער.
צווישן דאָרן און צעקרישלטן ציגל
וואַלגערט זיך אַ צעבראָכן וויגל.
אין די זאַמד־שטויבן בלישטשען
שטיקער פון צעפּלאַצטע שויבן.

זון אין בלויע רוימען
גאָלדיקט דאָס דראָט
פון צעריסענע גערטאָ־צוימען.

אַ צעבויגענער לעפל,
אַ פאַרזשאַווערטע פאַן.
וואַקלדיק און שווער
איז דער שפאַן.
די געטאָ לער, וויסט און שטום,
רינגלען אַרום רייען
נייע, רויט־ציגלדיקע געבייען.

דוד בלייבט שטיין
ביים געטאָ־מאָנומענט,
און ברעכט אויס אין אַ געוויין.

אויפן באַן

אויף דער באַן, וואָס רעדלט זיך
קיין טישעוויץ — זיין געבוירנשטעטל,
פאַרשרייבט דוד די גרוילן
פון יידישן חורבן אין מדינת פוילן.

די באַן רעדערט דורך
דערפלעך, פעלדער,
לאָנקעס און סעדער.
ווייסער רויך פון טרערנדיקן טוי
זילבערט אין בלוי פון באַגינען.
פּאַליאַקן רעדן הויך און צופרידן,
און ווייזן: זעט אין די שטעטלעך
נישטאָ מער קיין יידן.

שוין אַ מעת־לעת,
און די באַן רעדלט זיך נאָך אַלץ
קיין טישעוויץ — זיין געבוירנשטעטל.
ער עסט און פילט נישט קיין טעם
אין די רעפּטלעך ברויט מיט קעז.
דוד קוקט דורך דער מאָרגן־שויב
דער בלויער און פאַרשרייבט
אין טרויער:
דער נאַצי איז געוואָרן פאַרטריבן,
נאָר אין דערפלעך, שטעט און שטעטלעך
איז פון יידן קיין זכר נישט געבליבן.

אין מאַידאַנעק

פרימאָרגן. עס גליווערט די שטיל.
אומעט פון קלויסטער־גלאָק
פאַרקלינגט דאָס הינטישע געביל.
פון קאַלטן ציגל־קוימען
שפּאַרט נישט קיין
אַשיקער רויך
צו די רוימען.

אַ קול טרערט:
גוטע מענטשן הערט,
דאָ זיינען פאַרברענט געוואָרן
יידן פיל.
אָפּמעקן פון פּוילישער ערד
יידן און פּאָליאַקן —
דאָס איז געווען היטלערס ציל.

איר זעט:
פון אָט די לעכערלעך פון סופיט

האָט געהאָגלט מיט הייסע,
קליינע, קיילעכדיקע גאַז־אַרבעסלעך.
דער איוּוּן גליט און אַן עס־עס־אָפיציר
קוקט, לאַכט און פאַרשרייבט,
ווי מענטשן קאָרטשען זיך,
און בייסן פון וויטיק
דאָס אייגענע לייב — — —

אין דער זוניקער בלוי
דער הימל הויך און קלאָר.
מאַרגנוויינט טאַנצט
אויף בינטלעך פרויען־האָר.

שטוב פון שטיין,
אין דער שטילקייט
שטאַרט.
דורכן קאַלטן ציגל־קוימען
שטום־געוויין שפּאַרט.

אויף וואָלענע טליתים
ביי דער קאַלט־גרויער וואַנט,
גליווערט אויף בלוט־פלעקן
דער ווייכער, וואַרעמער גלעט
פון אַ פרומער יידישער האַנט.

פּיוּול פריד, געוועזענער רעדאַקטאָר
פון דער „בעלמער שטימע",
שלייכט מיט וואַקלדיקע טריט.
זיין שווערער שטעקן
שאַרט אין שטויביקן זאַמד,
און עס אַנטפּלעקט זיך
אַ ווייסער קנאָכן פון אַ האַנט...

פּיוול מיט יאָמער־געשאַל,
שלייכט אין שטויביקן זאַמד,
און שעלט גאָט, וואָס
מיט פּייער אין האַנט,
האָט ער אויפגעבויט
פאַר רוצחים אַ וועלט,
און געפּורעמט דעם מענטש
לויט זיין געשטאַלט.
און אין זעקסטן טאָג
דעם מערדער געבענטשט.

פּיוול אָנגעשפּאַרט
אויפן שווערן שטעקן
קוקט און קלאָגט
אין צער:

אוי, יידן, די טירן האָט מען פאַרהאַמערט.
מיין פרוי און טאָכטער זיינען געוואָרן פאַרברענט
צווישן די אָנגעגליטע ווענט
פון אַט דעם שטייניקן קאַמער.

יידן, גאָט ווי זיין מענטש
איז פאַרדאָרבן.
פאַרוואָס זיינען די נאַציס,
ווי די בכורי מצרים
נישט אויסגעשטאָרבן?!

אויף די צוימען
פון שאַרפן דראָט
היפּעט די זון.

אַ ייד מיט
אַ גרוי, שפּיציק־פאַרריסענער באָרד,

טראָגט טלית און תפילין אין אַ קײשעלע פֿון שטרוי און
כליפּעט: װײ איז מיר און װינד,
אױפֿן דאָזיקן אָרט האָט דאָס פֿײער
אױפֿגעגעסן מײן װײב און קינד.
יידן, גרױס איז אונדזער בראָך,
פֿאַרשטערט איז אונדזער שבת און װאָך.
יונג און אַלט, זין און טעכטער,
אַלעמען האָט אױסגעקױלעט
דער נאַצי, דער שעכטער.

יידן, אַ פֿלאַש װאַסער
איך טו טראָגן.
װאַשט זיך די הענט,
זײט זיך מטהר
און בײ אָט די װענט
לאָמיר קדיש־זאָגן.
װאָרים נישט גאָט,
נאָר דער מענטש
איז געװאָרן פֿאַרדאָרבן.
גאָט מיט זײן דערבאַרעמדיקער האַנט
װעט אױפֿבױען אונדזער חורבן
אין אונדזער הײליק לאַנד.

פּײװול יאָמערט אין פּײן:
אַפֿילו איצט קענט
איר אָן גאָט נישט זײן!
דאָס אומגליק האָט קײנעם נישט אױסגעמיטן.
אױף די שטאַנגען מיט
דראָט־שפּיצן איז דער טױט
דאָ טאָג און נאַכט געריטן.
פֿאַרװאָס האָט אונדזער אל רחום וחנון,
די נאַציס נישט פֿאַרברענט מיטן פֿײער
פֿון זײנע בליצן?

יידן,
הללוי־ה — זינגט צו גאָט אַ לויב
פאַרן נאַציישן רויב.
זעט, קינסטלעכע רויזן,
היטן, העמדער און הויזן,
קעמעלעך, ציין־בערשטלעך,
טליתים, תפילין,
וואַליזעס, בינטלעך פרויען־האָר,
ווי און ווינד צו אונדזערע יאָר!
גאָט פון בראשיתדיקן נעכטן
אין הימל פאַרבאָרגן,
האָט נישט אָפּגעשטעלט דאָס שעכטן.
וואָס קען ער אונדז שוין געבן
אין פינצטערן מאָרגן? . . .

דער ייד מיט דער באָרד פאַרריסן און גרוי
האַלט אין האַנט דאָס קיישעלע פון שטרוי
און כליפּעט: איצטער נאָכן אומגליק
דאַרפן אַלע יידן גיין באַנאַנד.
יידן, לאָמיר זיך שטאַרקן,
לאָמיר דעם יאוש פאַריאָגן!
לאָמיר נישט דערלאָזן, אַז
דאָס רעשט־ביסל־יידן
זאָל פון צער זיך אַליין דערשלאָגן . . .

ביי די באַרג־ווענט פון יידן־אַש
גיסט דער ייד וואַסער אויף די הענט.
און פון קדיש דער טרויער
שווימט אין דער שטומער וויסט.

— — — — — — — — — — — —

פרימאָרגן.
עס שטוינען פאַרסודעטע וואַלדיקע ווייטן.
אין די הויך־העלע רוימען
עראָפּלאַנען רוישן און רייטן.

אין חורבן שטעטל

מאַרגנגלי. לאַנקעס און פעלדער
שמעקן מיט זון און מיט בלי.
אַ שטאַל, אַ פּלויט,
אַ שטוב און אַ גאַנעק.
דוד טראָגט אין זיך
די שרעק פון מאַידאַנעק.

ביים וואַלדיקן ברעג
זאַמדיקט זיך דער וועג.
און דער אויטאָבוס לויפט
קיין טישעוויץ, זיין געבוירנשטעטל,
וואו עס איז הייליק געווען
פון יעדן ספר אַן אויסגעריסן בלעטל.

דער אויטאָבוס קייקלט זיך
און שלעפּט די שטראַלן־שטריק
פון דער לאַנגער, האַלצערנער בריק.
פאַרשוואונדן דער וואַסער־שטראָם.
נישטאָ קיין שטוב, קיין קראָם.

אין דער וויסט פון אַרום,
זעגט אַ פליג די פאַרגליווערטע שטום.
פלאַש, ציגל, אַש און גלאָזן.
אַ הונט בילט. אַ דערשראָקענע ציג מעקעט,
און שפּרינגט צווישן פאַרגעלטע גראָזן.
עס ווינטיקט אַ הייסער שטויב.
אויפן קלויסטער־טורעם בלענדט
אין זון אַ שויב.

היינט איז תשעה־באָב:
וואו זיינען די יידן?

אויף חורבן ירושלים
אַלע זיבן הימלען
אין צאָרן הײנט זידן.

קראָען קראַקען דערשראָקן.
אין שול, אין חסידים־שטיבלעך
זיצן אַוודאי די ייִדן אין זאַקן.

דוד דערזעט דעם גאַנצן גרויל:
נישטאָ מער די שול מיט די געמעלן
פון חצוצרות, שבטים מיט דגלים
און מיטן לויתן, וואָס האַלט
דעם עק אין מויל.

אונטער די הימלען, וואָס
העלן, נישטאָ מער דאָס בית־מדרש,
די חסידים־שטיבלעך
מיט די אויסגעריבענע שוועלן.

די זון אין רויט צינדט זיך פײַערדיק
אויפן הויכן, שטײַניקן קלויסטער־פּלויט.
אויפן וואַלד־וועג זאַמדיק און גרוי
פירט אים אַ ווײַנענדיקע, פּוילישע פרוי

צו אַ גאָרטן מיט קאַרטאָפל און קרויט.
נײַע, נידעריקע שטיבלעך פון רויטן ציגל
רײַטן אויפן ברוין־ליימיקן היגל.
ווי אַמאָל, שושקעט זיך דער ווינט
מיט די ביימער אין וואַלד.
ביים פּאַשע־פעלד, אין שטיין־זאַמדיקן טאָל,
וואַסער קלאָר און קאַלט
פון דער קרעניצע קוועלט.

די פרוי ווײנט און דערציילט:
אין שבועות 1942 ווערן די ייִדן
אין גרופּן צעטיילט.

אויסגעמאַטערטע, טעג אָן אַ שטיקל ברויט,
טרייבן זיי די נאַציס אַהער, צום גאָרטן
פון קאַרטאָפל און קרויט.

די נאַציס מיט הערצער פון שטיין,
רירט נישט קינדערישע טרער,
און פון עלטערן דאָס יאָמער־געוויין.
אָט דאָ, אין הייפל, ביי דער אַלטער שטוב,
גראָבן יידן פאַר זיך אַליין דעם טויטן־גרוב.
„מיעשטשאַנעס" און פויערים,
פון נאָענטע דערפער אָנגעפאָרן,
שכורע פון שנאה זיי פרייען זיך
און שרייען: „בראַטשי", הערט,
מער קיין יידעלעך וועלן שוין נישט געבאָרן ווערן
אויף דער פויליש־קאַטאָלישער, הייליקער ערד.

פאָליאַקן אין שנאה שרייען אין צאָרן:
יידעלעך, איר פאַרדינט די בראָך!
אויף אונדזער האַר יעזוס האָט איר אָנגעטאָן
די קרוין פון שטעכיקן דאָרן.
יידעלעך, אויסגעגנאָגט האָט איר
דעם מאַרך פון אונדזער יעדן קנאָך.

שכנים־פאָליאַקן פרייען זיך און לאַכן:
יידעלעך, מער קיין געשעפט וועט איר
מיט אונדז נישט מאַכן.

אין די יידן־רייען,
אויסגעשטעלט געדיכט און גלייך,
די נאַציס שיסן.
די יידן פאַלן מיט די פנימער
צום וואַסער־ברעג,
און זיי פאַרגיסן מיט זייער בלוט
דעם שטראָם פון טייך.

דערנאָכדעם, פויערים באַלאָדן
מיט שווערע זעק זינקען
אויפן זאַמדיק־וואַלדיקן ליפּאָוויצער וועג.
און די „מיעשטשאַנעס״ — אויך זייערע הענט
זײַנען פול מיט רויב:
פון אַ קנוילעכל־פאָדעם ביז אַ העמד,
פון אַ שפּיגל ביז אַ גאַנץ־געבליבענע שויב.

ווייִן, מענטש, ווייִן.
דאָ ליגט פון דײַן שטעטל
דאָס הייליקע, יידישע געבײַן.

דוד דערקאָנט נישט דעם ווילד־פאַרדאָרנטן וועג.
דער מאַרק־טאָל דערמאָנט אים
אין יאַריד־טעג פון אַמאָל.
אים דאַכט זיך, אַרום פּאַשע־באַרג
טראָגט זיך דאָס געברום פון הויכע, פויערישע פורן,
און דאָרפישע מוידן מיט סטענגעס און שנורן פּאַרצויגן,
שימערן מיט די הייס־צעצונדענע אויגן.
און דער פעטער זלמן אין חסידים־שטיבל,
אָנגעטאָן אין טלית און תפילין שטייט
ביים אָרון־קודש און מורמלט:

גאָט ברוך הוא, אומעטום
שוועבט דײַן הייליקע רו.
שווער איז פאַר יידן
דאָס גלות־פּוילן.
זיי זיך מרחם, און טו דײַן פּנים
פון אונדז נישט פאַרהוילן.
מיר האָבן נישט קיין פעסטונג־מויערן,
אונדזערע ליקלעך און געסלעך
שטומען און טרויערן.
אין אונדזערע אַלטע, אָרעמע שטיבלעך

שלייכן די שוואַרצע שאָטנס פון שרעק.
אונדזערע שכנים — די נוצרים
מיט מעסערס און העק לויערן אויף אונדז
ווי נאַכטיקע רוצחים.
רבונו־של־עולם, באו מים עד נפש.
מיט יידן אין פוילן האָלט עס שמאָל.
פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך
קאָן חלילה בלייבן איין גרויסער,
וויסטער טאָל.
גאָט ברוך הוא, שיק שוין דעם גואל,
שענק אונדז שלווה און רו.
כל־זמן האָסט נאָך יידישע קהילות,
באַצייטנס פאַרנעם דאָס געוויין
פון זייערע הייסע תפילות.

אין שבועות, יאָר 1942,
דער פעטער זלמן, צווישן דער יאָמערדיקער עדה
איינגעקלעמט, פאַרדעקט דעם נאַקעטן קאָפּ
מיט די דאַרע, ציטערנדיקע הענט:
רבונו־של־עולם, זיינען דאָס
די סופן פון טויזנטער יאָרן
האָפן?
אין דער איצטיקער אימהדיקער שעה,
ביסטו דאָך זיכער מיט אונדז דאָ.

איז דאָך מעשי ידיך להתפאר,
איז דערבאַרעם זיך אויפן הייליקן קהל
און לאָמיך איין־אַליין זיין דיין קרבן טהור.

דעם פעטער זלמנס לייב
צעלעכערט פון קוילן.
חרוב דאָס יידישע שטעטל
אין גאַנץ פוילן.

דוד לאָזט זיך גיין
צום אַלטן, הייליקן אָרט.
ער וויל נאָך איינמאָל דאָרט
אָנקוקן פון זיין עלטערן ברודער
דעם מצבה־שטיין.

מיטן זיס־קילן ריח
פון צייטיקע פרוכט
אָנגעזאַפּט איז די לופט.
אַ פּויערישער וואָגן קלאַפּט
אין שטייניקן טאָל, און וועקט
די לעבעדיקע טעג
אין שטעטל פון אַמאָל.
מויער פון רויטן ציגל
צינדט זיך אין שפּיגל
פון טרויער.

אין שטילן מאַרק,
פרומלעך־פאַרקלערט
שפּרייזט אַ גלח
אויף מצבה־שטיינער,
און ציט דעם דופט
פון דער לופט דער ריינער.

אויף צעאַקערטן
בית־הקברות־פעלד,
פלוים אויף בוים
פלאַמט און קוועלט.
אַ טויב שוועבט און שלינגט
קערנדלעך זון־גאָלד
אין צעפינקלטן שטויב.

סאַק פון פלוים
בלוטיקט אויפן
דראַטנצוים.

דוד אין טרויער פאַרקלעמט
וואָגלט אין דער ווייסטער פרעמד;
אין זילבערנע טויען,
פון קיינעם נישט באַוואַכט,
ליגט דאָס צעשאָסענע שטעטל
ביים גרויען שליאַך.

דוד טרעט און טרערט:
יידן־שטאַם
פון יעקב איש־תם,
אומעטום, אויף יעדן מזבח
ביסטו די געשאָכטענע לאַם.

אויף דער געבוירנערד, וואו
דאָס יידן־שטעטל איז געוואָרן צעשטערט,
אַרט קיינעם נישט די טרער, וואָס
פון זיין אויג שפּאַרט.

דער הימל באַצויגן
מיט בלוי.
דודס טריט אַנגעזויגן
מיט דער זילבערנער קילקייט
פון טוי.

— — — — — — — — —

נאַכט.
שאָטנס שווימען אויפן שטילן שליאַך.
דער אויטאָבוס לויפט צוריק
צו דער לאַגער, לובלינער בריק.

אין דודס זכרון
ווערט ווידער געבאָרן
דער פרייטיק פאַרנאַכט
אין שטעטל פון אַמאָל:

זון־שטויב
בלענדט אויף דער שויב.
די מאַמע קוקט צום
צעפלאַמטן וואַלד,
אין רויט־צעלויכטענעם טאָל,
און שעפּטשעט פרום:
עס איז שוין באַלד שקיעת החמה.
דער שבת קודש שוועבט שוין
אין שטוב אַרום.

שאָטנס אויף דער שוועל
לייגן זיך שווערער, געדיכטער.
מיט געבעטן פון תחינות
געלייטערט אין גלויבן,
צינדן זיך ליכטער
און מאַכן ליכטיק
אין שטעטל די שויבן.
דער שבת־קודש דער ליבער
נידערט אויף די יידישע שטיבער.

אַמאָליקע, שטעטלדיקע יאָרן
קלאָרן אין פּיין פון זכרון.
דער אויטאָבוס זעגט און שלינגט
די שאָטנס אויפן וועג.
אויפן שטעטל חרוב, לער
שפּאַרט פון אויג די טרער.

— — — — — — — — — —

דוד קערט זיך צוריק פון פוילן

הארבסטיקער רוים דער בלויער
וועבט שטילן טרויער.
בלאַט אויף בוים
מיט זון
און זומער זאַט.

דער וויטיק ווינט
פון דודס ווערטער,
וואָס באַשרייבן
יידישע שטעט און שטעטלעך,
וואָס זיינען ביזן גרונט
געוואָרן צעשמעטערט.

דוד האַלט אין איין דערמאָנען,
אַז קיינער וועט זיין אייגן געבוירן־שטעטל
אין פוילן מער נישט דערקענען.
ער שרייבט:
קיין שום פרט פון חרובן יידישן לעבן
אין פוילן,
טאָר נישט ווערן פאַרהוילן.
נאָר אין מויל פון זיין פען,
איז נישט פאַראַן אַזאַ וואָרט,
וואָס זאָל קענען איבערגעבן,
וואָס זיינע אויגן האָבן דאָרט געזען.

און ער שרייבט און זאָגט:
יידן,
אונדזערע שונאים ווילן,
אַז מיר זאָלן זיך אַליין
דערטרינקען אין טרויער־געקלאָג.

יידן, מיר דאָ זיינען
דער לעצט־געבליבענער שטאַם
פון אונדזער חורבן
מעבר לים.

אייביק איז אונדזער שורש,
יעדער ייד דאַרף היינט ווערן
אַ גייסטיקער יורש.

יידן, גלויביקע־איינגעשפּאַרט
מיר מוזן אויפהאַלטן און היטן
די יידישע אייגנאַרט.
די שטאַרץ פון יאוש
שווער און שוואַרץ,
מיר מוזן אַראָפּקייקלען
פון אָנגעטרערטן האַרץ.

דער רוים דער בלויער,
האַלט אין הימל־הויט
די צעפלאַקערטע זון, וואָס
פאַרבט בלאַט און בוים
אין בלוט פון האַרבסטיקן טרויער.

דער זון — דער בכור

אריה דער בכור, טראָגט
אין זיין הויכן, גלייכן געביין
צוואַנציק ליכטיקע יאָר.
ווייכע, וואַרעמע שיין
שימערט פון זיינע
שוואַרץ־געדיכטע האָר.

אויפן געזיכט רונד געשניטן
צו דער מאָס,
זיצט פּאַריסן, אַ קליין־געטאָקטע נאָז.
פון זיינע ליפּן
דין און שמאָל
פליסט שטיל און היימלעך
זיין האַרציק קול.
און זיינע אויגן
אין העלן ברוין שטוינען
און זוכן דאָס ליכט
פון פרייד אויפן בלויען פלוין
פון די פאַרסודעטע רוימען.

אין אַ מערב קאַנאַדער שטאָט
פּראָסטיק און פרעמד,
איז אריה אַ מעדיצינישער סטודענט
און פון זיינע בריוו אַהיים
לויטער קוואַלט די בענקשאַפט
פון זיין יונג־טרוימערישן געביין:
טייערע טאַטע־מאַמע,
איך שרייב אייך אין דער נאַכטיקער שפּעט,
ווייל כמעט אַ גאַנצן טאָג
שטודיר איך אין אוניווערזיטעט.
איך בין פון לערנען זייער צופרידן,
מיינע טעג זיינען אינטערעסאַנט און פאַרשידן.

אַז מיר פאַרבענקט זיך שטאַרק
נאָך אייך, לייען איך לידער
פון טאַטנס קאַנאַדער בוך,
און די זון גאָלדיקט
אויפן טוי פון גראָזן־טוך.

טאַטע, אין דער יידישער
ליטעראַטור,
באַגערסטו, אַז די היגע
יידישע יוגנט, זאָל זיין
פון דורות די המשכדיקע שנור.
עס איז אָבער ווייטיקדיק־וואָר:
אַז פאַר דער גרעסטער צאָל
יוגנט פון מיין דור,
דאַרף ערשט ווערן אַנטפּלעקט
אונדזער הערלעכער אַמאָל.
דער נישט־יידישער אַרום, וואָס
רייצט און שאַלט
רייסט אַוועק אונדזער יוגנט
פון אייגענעם לויטערן קוואַל.
דאָך גלויב איך, אַז אין יאָרן שפּעטער,
גרייט וועט זיין אַ נייער דור,
וואָס וועט ווערט זיין
צו טראָגן די פרייד
פון דורותדיקער ירושה
אויף אונדזער היימיש־קאַנאַדער ערד.

טאַטע געוויס ביסטו גערעכט:
מען דאַרף תמיד שטיין אין געפעכט
פאַרן וועג פון מאָרגן, וואָס
כאָטש ער איז פאַר אונדז פאַרהוילן,
זאָלן זיינע טעג
זיך טראָגן אָן מלחמה־גרוילן.
טאַטע, אויך איך געהער
צום טרוימערישן דור,
וואָס באַגערט, אַז
דאָס יידישע פאָלק
פון תמיד צווישן
פעלקער פאַרשידן, זאָל

אויף שטענדיק און אומעטום
בלייבן דעם יושר געטריי,
און אונדזער קאַמף פאַר פרידן,
זאָל זיין פאַר דער פרייד,
אַז אַלע מענטשן זאָל גוט זיין
אין אַ וועלט איבערגעבויט אויפסניי.

זייט מיר געזונט.
מורא־האָבן, אַז יידיש לעבן
וועט דאָהי פאַרשווינדן
איז נישטאָ קיין גרונט.

יאָ, דאָס ליכט מיטגענומען
פון אייער הויז, צינדט אין מיר
פון פרייד דעם ברויז.
אין בענקשאַפט
אייער זון
אריה.

דוד שרייבט אַ בריוו צום זון

שאָטן שושקעט זיך
מיט דער נאַכטיקער שטיל.
ווערטער אין קלאָר־בלויער שריפט
שנירלען זיך אויף די בלעטער
פון זיין האַרציק־אָפענעם בריוו:

מיין טייערער זון אריה,
דאָס האַרץ געלייטערט אין פיין,
דאַרף תמיד זיין גרייט און אָפן
צו דורות יידן דערהויבן אין שיין
פון גלויבן און האָפן.

מיין זין, דאָס וואָרט
ווײנט אין מיין האַרץ.
דער הימל איבער אונדז
איז אָפּט אַ גליענדיקע שטאַרץ.

קיין ייד וויל נישט זיין
קיין פרעמדער אין די לענדער,
וואו ער זיצט.
דאָך זיינען מיר קיינמאָל
און אין ערגעץ נישט באַשיצט.

אַ דור וואָס גלויבט
אַנטרינט נישט פון דער פיין
פון פאָלק.
אין שיין פון האָפן, ער געפינט
דעם לעבעדיקן קוואַל
פון אונדזער אייביקן זיין.

מיר זיינען די טרוימער
פון פריד.
דאָך אומעטום בריט
דאָס פייער פון
שנאה צום גלויביקן ייד.
וואונדיק אונדזער וועג.
גלויב, נישט קיין אויסגעברענטע שאָטנס
זיינען אונדזערע טרוימערישע טעג.

בר כוכבאס נקמה־צאָרן
וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַרלאָרן.
אין יעדן דור רוישט אויפסניי
ר׳ עקיבאס אַנגסט־געשריי:
ישראל עם קדוש!

ר׳ עקיבא שטאַרבט אָן מורא
פאַר איטלעך פאַרבלוטיקט אות
פון דער תורה.
און די זון אויפן פלוין,
טוט אָן אויף זיין קאָפּ
פון הייליקן פייער די קרוין.

מיין זון, זע,
אין מדבר־זאַמד,
אייביק שפּאַנט משה
צום ברענענדיקן סנה.
אין אונדזער האַרץ טאָר נישט
פאַרשטילט ווערן דאָס געוויין
פון אונדזערע זיידעס, וואָס
זיינען אויסגעגאַנגען
אויף פלאַקערדיקע עקדות.

מיר זיינען נישט קיין פאָלק
פון שלאַכט. אויף יעדן אָרט
מיטן ליכט פון אונדזער
פייערדיקן וואָרט,
מיר ראַנגלען זיך
מיטן רשע אין דער מאַכט.

און זע, אויף יעדן
אויפגעגרינטן ערד־שפּאַן
אין אונדזער היים פון אַמאָל
לאָקערן אַצינד אַלע פעלקער
פון ישמעאל.

אריה, מיין טייערער זון,
עס בלוטיקן די בלעטער
פון יידישע געשיכטע־ספרים,

די ווערטער שרייען
אין שוידער פון יסורים.

דאָך גאַנץ איז דער בוים.
דער גלויבן קוואַלט.
דער טרוים פון פרידן
אין האַרצן שטראַלט.

אריה מיין זון,
ליב־ליכטיק זיינען
דיינע רייד.
דיין טאַטע, וואָס
האָפט צו זען ביי דיר
גליק און פרייד
דוד.

אין די נאַכטיקע רוימען
פראָסטיק און הויך,
צינדן די שטערן
העלע טרוימען.
און אין שנייאיקן רויך,
בלענדט אין אייזיקן פּאַנצער
דער בוים ביים פענצטער.

אין שול און אין שטוב

עס שטילט דער קלאַס.
און דער ווינטער־טאָג
קאַלט און קליין
טראָגט פראָסט און שניי
אויפן גאַס.
דודן שטאַרקט דער טרוים

אַז אין דער יידישער אַרבעטער־שול
זיינען שוין מסתמא פאַראַן תּלמידים,
וואָס וועלן נישט לאָזן אָפּפליקן
די יונגע צווייגן פון יידישן בוים.

נאָר אין שטוב, אין דער נאַכטיקער שלווה,
זעט זיך דוד ווידער
אויפן קאַרטאָפל־פעלד,
ביים הרוגים־גרוב.
וויסט און הויל
שטומט דאָס שטעטל
פון ציגל, דראָט און קויל.
און ווידעראַמאָל
טרעט ער אין פּרצס געבוירנשטאָט —
אין זאַמאָשטש, וואו טויזנטער
איז געווען פון יידן די צאָל.
דודס טרויעריקע טריט
שלאָגן אויפן ברייטן, שטיינערנעם ברוק,
און אים דאַכט זיך, אַז פּרץ
שפּרייזט דאָ ווי מיט יאָרן צוריק:
ווינטער נאַכט ווייס און וויסט
גיסט אין זיין זכרון
דעם שרעק און דעם טרויער
פון חרוב־געוואָרענע יאָרן.

א.

ווינטער פאַרנאַכט, צווישן שטיבער מיט שויבן
וואָס בלאַסן, שפּאַנט יצחק לייבוש פּרץ
אויף די זאַמאָשטשער גאַסן.

אין איינגעשטילטן מאַרק־געווימל
פלעמלט אַ לאַמטערן און פינטלט
צום הימל אָנגעשאָטן מיט זילבערנע שטערן.

אויפן הויכן טורעם־זייגער
שאָטענען די ווייזער,
און זיין ברומענדיק קול
וועקט אין מאַרק־טאָל
די קילע, קעלערדיקע קראָמען
מיט די נידעריקע, געמויערטע הייזער.

שאָטנס לויפן דורך די טונקעלע הויפן.
יידן פאַרטראַכט און פאַרטרויערט איילן
פאַרביי דער חרובער פעסטונג־מויער,
וואָס שרעקט מיט די פאַרמאָכיקטע,
קרישלענדיקע זיילן.

אַ פאַרשפעטיקטער פויער קנאַלט
מיט דער בייטש און יאָגט
צום אייזערנעם טויער.
אין בית המדרש, אין שטיבלעך,
וואו די טרייסט איז טיף און אָפן,
זיינען יידן אַצינד אַנטלאָפן
פון מאַרק־טאָל, פון שרייען און שעלטן,
פון שווערן פרנסה־עול,
פון ווינטיקע קעלטן.

די חלבנע ליכט צאַנקען און צישען
און זקנים, זיפצנדיק פרום,
מעשיות פון פאַרצייטן
האַלטן אין איין מישן
אַרום די לאַנגע, צעקאַרבטע טישן.
און אויגן לויטערן זיך, און טיף
איז דער גלויבן: אַז גאָט
היט יעדן ייד און ער וועט
פון פינצטערן גלות אַרויסהויבן.
אויס מאַרק, אויס ווימלען.

שלום שטערן

זיי שוועבן אַצינד אין ליכטיקע וועלטן,
און עס זיינען די הימלען — זייערע בלויע געצעלטן.

פאַרשלאָסן בריק און טויער.
אוועקגעשוואומען שרעק און פויער.
געסלעך טונקלען און שטומען,
און איבער אָפענע גמרות,
יידן מיט צעווינטלטע בערד
ניגונען און ברומען אומעטיק־פאַרקלערט.

דאָס פנים בלענדט.
שאָטנס, ווי בייטשן,
פלעכטן זיך אויף די ווענט.
יידן ניגונען און זוכן
אין ספרים קלוגע, קלאָרע טייטשן.
און ביז נאַכטיקער שפעט,
דאָס געבראָכענע געמיט
פון יעדן יידן רעדט דורך
מעשה און משל, דורך שכל וסברה,
דורך אַ פרשה חומש מיט רש״י,
אַ פרק משניות, אַ בלאַט גמרא.

און יוחנן וואַסערטרעגערס
הויכער, פאַרטראַכטער שאָטן
שפאַנט אויף דער וואַנט
אין ברייטן, לאַנגן טלית־קטן.

שטיל און האַרציק ער ברומט אַ זמר,
און עס קוויקט דאָס קאַלטע וואַסער
פון זיין טיפן, האָלצערנעם עמער.

און די דראַטווע־ציער און נאָדל־נייער,
די רימערס און דאַרפסגייער

זיצן ביים אויוון, אַרום טישן
מיט פּיס סקריפּענדיק קרום,
און רעדן צו גאָט דורך תהלים־ניגון
נאָגנדיק און פרום.
— — — — — — — —

ב.

ברומענדיקע זייגער־גלאָקן
האַלטן אין איין ציילן
די שעהן פון יצחק לייבוש פּרצס
בלאָנדזשען צווישן געדרייטע דורכגענג,
ווי דורך טונקעלע, פאַרצייטיקע היילן.

פּאַמעלעך, פאַרטראַכט זיין גאַנג.
אַ שטיבל אָרעם און ענג,
ווייַ פון דורות ברענגט
דאָס בענקענדיקע געזאַנג.

נאָר אָט, אויף אַ גליטשיקער שוועל,
אַ פרוי שרייט און שעלט.
פּרץ בלייבט שטיין,
און עס ציט אים צו אַ יאָמערלעך געוויין
פון אַ יינגל אויסגעדאַרט און קליין,
וואָס שוידערט אין קעלט,
און כליפּעט אויס, אַז דאָס
טרייבט אים די בייזע שטיפמאַמע
פון טאַטנס הויז.

דאָס יינגל יאָמערט:
די הייזערגייער דערלאַנגען מיר קלעפּ,
ווען איך קאָרטשע זיך הינטערן אויוון,
אויף די נידעריקע, אויסגעוואַרעמטע טרעפּ.
זומער, שלאָף איך אָט דאָ ביים פּלויט,
און דער טאַטע, אַליין אַ הונגעריקער,

וואַרפט מיר, דורכן פענצטער אינדערפרי
אַ שטיקל ראַזעווע ברויט.

פּרצס פּנים מיט צער פאַרצויגן,
און ער ווישט די טרערן
פון יינגלס הונגעריקע אויגן.

פּרץ נעמט אים פאַרן האַנט,
און דאָס יינגל אין די ברייטע,
צעריסענע שיך שפּאַנט
אַ פריילעכער אויף דער ווייסער,
שנייאיקער ציך.
דאָס יינגל אין דער גאַרקיך
ווערט זאַט, און פאַרדרימלט
אין די שיך, אין צעריסענעם כאַלאַט.

שטיל אין הויז.
דאָס יינגל זעט אין חלום,
זילבערנער טוי טריפט
פון אַ בעכערדיקער רויז.

די בריק איז אויפגעהויבן, פאַרשלאָסן.
די שויבן מיט שטערנשיין פאַרגאָסן.
דאָס יינגל שמייכלט, און זיס
איז אין חלום דער קילער טוי
פון דער בעכערדיקער רויז,
ביז די נאַכט לעשט זיך אויס
און פרימאָרגן־זון בלענדט
אויף טורעמדיקן הויז...

ג.

אין די זומערדיקע זונען
אָפן דער אייזערנער טויער.
די הונען יאָגן די יידן
צו דער פעסטונג־מויער.

דער נאַצי־רוצח
מיט שאַרפע שפּיצן
פון שפּיז און פלאַם
פאַרטיליקט ביזן
וואָרצל דעם שטאַם.

נישטאָ שוין קיינער.
אויפן בית־הקברות
ברענען יידישע ביינער.
נאַכט. אין גאַסן שטיינערדיק, שטום
דער טורעם־זייגער ברומט.
אין דער ליידיקער שטאָט,
פאַרפלאָנטערט אין צווימענדראָט,
שפּאַנט יצחק לייבוש פּרץ
צו אַ פאַרבלוטיקטער וואַנט.

שטיינערנע געוועלבן, טונקעלע גאַסן,
טיפע, געדרייטע הויפן,
נאָר מען זעט נישט מער
קיין יידן לויפן.

נאַכט. ווינטן וואָיען, וואַרפן אין פלויטן
און שיילן פון טרוקענע קאַלעכן
די פאַרסאַזשעטע הויטן.

אויף פאַרבלוטיקטע שליאַכן,
וואָס שטרעקן זיך
אויף ווייטע, וויסטע מיילן
קיין קאָמאַרעוו, טישעוויץ,
לאַשטשעוו, שעברעשין
ביז די קאַלכאויוונס אין לובלין.

און אויפן שטאָטישן שליאַך
פון מצבה־שטיינער און ציגל

קלעטערט די נאַכט,
און דער ווינטערדיקער שאָטן
בלעטערט שמות און הוידעט
אַ קינדעריש וויגל, פאַרטשעפּעט
אויף פאַרזשאַווערטע דראָטן.

און הענט שטאַרן אַרויס
פון יידן־קברים אויף פעלדער,
הינטער ביימער, הינטער בריקן
אין וואַלדיקע ווענט.

און צווישן אַש און פּראָך
שפּאַנט יצחק לייבוש פּרץ
איין אַליין אין חרובן לאַנד,
און יאָמערט זיין געוויין
אויפן אימהדיקן בראָך.

פּרץ בלאָנדזשעט צווישן
חורבן און דאָרן,
און עס ברענט אין זיין האַרץ
פון נקמה דער צאָרן:
גערמאַנער, הער, אויסגעטריקנט
אין דיין האַרץ איז די מענטשלעכע טרער.
אַזוי זאָל ווערן דיין לאַנד
טרוקן, וויסט און לער.
און פאַרן ברענען יידיש געביין,
שטיין זאָל ווערן פון דיין היים.

נאַצישער שעכטער,
זאָלסט מער נישט הערן קיין פריילעך געלעכטער,
און דאָס פּלאַפּלען פון קינדער אין וויגן.
און אויסגעראָטן זאָלן ווערן
דיינע שטאַמען, פאַר דיין סמען,

און פֿאַר דיין שפּאָטן, ווען
אין די גאַז־פֿלאַמען האָבן געשריגן
טאַטעס, מאַמעס, זין און טעכטער.

יצחק לייבוש פּרץ יאָמערט
און שפּאַנט צו דער פֿאַרבלוטיקטער וואַנט.
די ליידיקע, שטיינערדיקע שטאָט
נאַטיכק, דערשראָקן און שטום.
דער טורעם־זייגער לאַנג און טרויעריק
האַמערט און ברומט.
ווינטער־נאַכט וויס און וויסט,
גיסט אין זיין זכרון
דעם שרעק און דעם טרויער
פֿון חרוב־געוואָרענע יאָרן.

##ביים שיין פֿון די געבענטשטע ליכט

פֿרייטיק צונאַכטס.
די שויב שאָטנדיק, בלאָ.
דוד אַן אויפֿגעלייגטער טראַכט:
שבת — דו מיט דיין ליכטיקער רו,
אויך אין מיין הויז ביסטו דאָ.
שיין פֿון די געבענטשטע ליכט,
שפּיגלט זיך אין בלוט
פֿון רויט־זיסן וויין.
דער טיש שמעקט מיט חלה
געפֿלאָכטן און פֿריש,
און מיט דינע פֿעדימלעך רויך,
וואָס ציען זיך פֿון דער הייסער יויך.

דבורה מאַמעדיק, צאַרט
רעדט צום יינגערן זון:

איך בין נישט פרום,
נאָר שבת איז דער צייכן
פון יידיש־דורותדיקן לעבנסאַרט,
און אַ ייד — אַ ראַדיקאַל
דאַרף שעפּן פון דער טיף,
פון אייגענעם פאָלקס־קוואַל.

בנימין מיין זון,
נאָך טאַטע־מאַמעס היים
טוט איטלעכס קינד בענקען.
און איך האָף, אַז אין דער שיינקייט
פון שבת
ווערסטו תמיד געדענקען.
דער שבת אין געמיט,
בענטשט אין הויז
די ליכטיקע פריד.

דבורהס געזיכט
צינדט זיך אין שיין
פון די ברענענדיקע ליכט.
די שויבן שאָטנדיק־בלאָ,
פעדימלעך רויך
גלייך און גראָ,
ציען זיך
פון דער הייסער יויך.

דבורה איז קראַנק

דוד איילט אַהיים.
דער ווינט מיט שאַרף־פּראַסטיקע ציין
שרייט און פּליקט פון די אַלטע שטיבער
דעם קרישלענדיקן שטיין.

פון זונס כליפּען אויפן טעלעפאָן:
די מאַמע איז אין שפּיטאָל,
דאַכט זיך אים, אַז דער ווינט
מעקט אָפּ דעם שנייאיקן וועג,
און טראָגט אים איבער אַ טאָל
פון אַן אייזיקן תהום...

דוד יאָגט אַריין אין קיך.
דער שניי טאָפּיעט
פון זיינע שווערע ווינטער־שיך.
דער זון דערשראָקן און בלאַס
שפּרייזט אָן אַ ציל
און וויינט:
די מאַמע האָט געקראָגן
שטאַרקע ווייטיקן וואַשנדיק
דעם דיל.
דער דאָקטער אַליין
האָט די מאַמען אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט,
און נאָך היינט באַנאַכט
וועט זי ווערן אָפּערירט.

אין שפּיטאָל

דער היימישער דאָקטער באַרואיקט:
געווים, אַן אָפּעראַציע איז נישט
עפּעס אויפן הויט אַ קראַץ.
איך גלויב דער אַפּענדיקס
איז נישט געפּלאַצט.
לויטן ווייטיק אין דער רעכטער זייט בויך
איז דער פיבער נישט צו הויך.
זאָרגט נישט. זי וועט זיך נויטיקן
אין אַ ביסל בלוט.

איך בין זיכער, אַלץ וועט זיין גוט.
דבורה האַלב פאַרדרימלט,
האַלב־וואַך, מישט אין פיבער
די שפּראַך:
דוד מיין ליבער, גיך און געשווינד
שלעפּ מיך אַרויס פון פיבערדיקן ווינט,
וואָס שלינגט אין די שטאָט
מיט אַלע שטיינערנע שטיבער.

אוי דוד, וואַש און רייב מיין פּנים
מיט אַ קאַלטן שוואָם.
און אויף מיין לייב לאָז לויפן
אַן אייז־קאַלטן וואַסער־שטראָם.
דוד, שטייסט דאָך לעבן מיר,
צום פראָסטיקן דרויסן
עפן די טיר...

די נוירס מיט אַ לאַנגער נאָדל
פּליסט אַריין אין אירע גלידער
פון שלאָף די רו.

דבורה מורמלט:
דוד, דו מיין ליבסטער,
האַלט מיך פעסט, וואָרום
איך פאַל אין אַ טיפער נידער...

אין וואַרט-צימער

דאָס לעמפּל מיט זיין
רויטלעכן שיין שלינגט
אין לאַנגן קאָרידאָר
דעם פּיין פון קראַנק־געוואָרענע יאָר.

אין וואַרט־צימער דוד און בנימין פאַרטוליעט
אין דער אומהיימלעכער שטיל
פון נאַכטיקן שאָטן,
שטאַרן מיט דערשראָקענע אויגן
אויף די פאַראייזיקטע סלופּעס
פאַרצויגן מיט צוימען און דראָטן.

שאָטנס און שעהן
פויזען און דראָען.

שעהן אין שרעק
לענגער פון טעג.

פּלוצלעם טוט אַ בלענד
אַן עלעקטריש לעמפּל
אויף די נאַכטיקע ווענט.
דעם דאָקטערס שמייכלענדיקע אויגן
אַ גוטע בשורה טראָגן:
וואָס זיצט אירביידע אַזוי
דערשלאָגן?

אין דבורהס שיין־געפורעמטע גלידער,
דער קוואַל פון לעבן קוועלט ווידער.
איך וואָלט אויך געשריבן לידער,
אַז אַזאַ ווי דבורה זאָל זיך
אין מיר פאַרליבן...

דער הימל הוידעט זיך
מיט די צעצונדענע שטערן.
דוד קען נישט פאַרהאַמעווען
דעם פלייץ
פון די פריידיקע שטערן.

— — — — — — —

אין פייער פון פיבער

אין דבורהס אויגן בליצט
דער שאַרפער גלאַנץ
פון היץ.

דאָס בעט אויפגעהויבן,
מיט אַ פאָרהאַנג פאַרשטעלט.
דבורה אין קאָלדרעס פאַרטוליעט,
ליגט און שוידערט פון קעלט.

העל־ווייס שויבנליכט
ציטערט אויף איר
אָנגעצונדענעם געזיכט.

זי קוקט אויף דודן און וויינט:
איך גלויב מער נישט דעם
דאָקטער וואָס זאָגט שוין ווידער:
אַז אין נאָך אַ פאָר טעג
וועט די אינפעקציע אַריבער.

איך פיל אַלע מיינע גלידער
ווערן מיר צעזעגט
אין פייער פון פיבער.

דוד האַלט איר גליענדיקע האַנט
און זאָגט: היינט באַנאַכט
וועט אַ ספּעציעלע פּליי־מאַשין
ברענגען פון ניו־יאָרק אַ נייע וואונדער־מעדיצין.
דער נייער מעדיצינישער געפין
איז אַ נס, וואָס וועט פאַרלעשן
די בראַנד אין איין מעת לעת.
דער דאָקטער וויל,
אַז זאָלסט וויסן:
אַז נאָך די ערשטע
צוויי פילן וועט די מאַטעריע
וואָסערדיק און ווייס
פון דיר נעמען פליסן.

אין דבורהס אויגן שווימען
די טרערן:
איטלעך איינער האָפט,
אַז פאַר זיין גוף מיט גאַנצע גלידער
לאַנג לעבן וועט געגעבן ווערן.
מיר איז אויף זיך אַליין אַ צער,
וואָס דער טויט האָט זיך איינגעשפּאַרט,
אַזוי פרי די פרייד פון אונדזער
ליבע צו צעשטערן.
מיר דאַכט זיך:
אַז די לאַנגע ווינטער־נאַכט,
געוויקלט אין שנייאיקע טיכער,
טראָגט טויט אין געוויין
פון ווייסן געוויכער...

דוד האַלט איר גליענדיקע האַנט
און זאָגט: דער דאָקטער פאַרזיכערט,
אַז מיר וועלן נאָך יאָרן־לאַנג
זיין באַנאַנד.

דבורה בעסערט זיך

דער נס געשעט:
דבורה כאַפּט זיך אויף גאַנץ פרי
און שמייכלט:
עס ברעכן מיך שוין
מער נישט די קני.
אין בעט איך ליג,
ווי אין אַ וואַרעמע וואַנע
פון ווייסן קעז...

דבורה וואַרפט פון זיך אַראָפּ
די קאָלדערעס און זאָגט:
עס איז מיר מער נישט קאַלט,
און דער פיבער שפּאַלט
מיר מער נישט דעם קאָפּ...

אין געשטוין זי קוקט
צום בלוי פון הימל־רוים.
פון קלויסטער־גלאָקן,
שלאָגט מער נישט פון אומעט דער וויי.
העל און היימלעך
שימערן אויף די שויבן
די אייז־ביימלעך, וואָס לויכטן
אין די זילבערנע זאָקן
פון שניי.

דעם פּעטער שלמהס תהילים

די טרער פון פרייד שיינט
אין פעטער שלמהס בליק.
און מיט רייד ליב און ליכטיק,
ער גיט דבורהן צו פאַרשטיין:
וואָס געווען איז נישט וויכטיק.
אַבי ביסט שוין צוריק אין דיין היים.
וויס, עס איז אַ גאָט פאַראַנען,
וואָרים דער זכות פון שבת קודש
איז דיר בייגעשטאַנען.
דבורהלע, די לייט
פון דער היינטיקער וועלט
חוזקן פון די פרומע.
ווייל זיי אַלע פעלט
דאָס אמתע ליכט פון אמונה.
אַ מענטש דאַרף זיין
גוט און גלויביק,
אַנישט איז זיין לעבן
קליין און שטויביק.
גאָטס הילף איז קיינמאָל
נישט צו שפּעט.
אין אַן עת צרה,
נאָר צום אויבערשטן
זאָל מען קומען מיט געבעט.
און איך האָב נישט אויפגעהערט האָפן,
אַז פאַר מיין תהילים־זאָגן, וועלן די טויערן
פון רחמים זיין אָפן.
וואָרים, אין גן עדן איז פון אייביק דאָ
צו געפינען אַלע וואונדער־מעדיצינען.
מיט די טרערן, וואָס מען טוט
ביי תפילה פאַרגיסן,
אַלע זיבן הימלען

קען מען אויפשליסן.
און גאָט אין זיין גרויס גנאָד
שיקט אַ שליח, וואָס טריפט אַריין
דאָס ליכט פון לעבן אין דאָקטערס
אַלע רפואה־פלאַשן, די בייזע קרענק
פון גוף אויסצוואָשן.
דבורהלע, גרויס איז גאָטס נאָמען.
געבענטשט זאָל זיין דיין אַהיימקומען.

דער פעטער זאָגט:
דבורהלע, די מומע האָט געשיקט
פאַרן גאַנצן שבת־טאָג
וויין, חלה, פלייש און פיש.

דבורה שמייכלט און ווישט
די שימערדיקע טרערן
פון איר אויסגעבלייכט געזיכט.
דער פעטער האַלט אַ פול קיישעלע
אין האַנט.
זיין בליק שיינט און ער דערמאָנט:
דבורהלע, דער קורצער פרייטיק
איז היינט.
פאַרגעס נישט צו צינדן
די ליכט אין צייט.

דבורה זאָגט: פעטער, גאָט
זאָל אייך און דער מומען
געבן לאַנגע יאָר.
און זי דערלאַנגט דעם פעטער
אַ הייס גלאָז טיי,
מיט מאַן־קיכלעך אַ פּאָר.

דבורה שמייכלט פריידיק
און קוקט אויפן שניי, וואָס בלאָסט
אויף דער ליידיק־פאַרשטילטער גאָס.

אַ בריוו פֿון זון

טייערע טאַטע־מאַמע:
איך פֿריי זיך זייער, וואָס
די מאַמע איז שוין געזונט.
מאַמע, עס, טרינק און רו,
וועט דיין פּנים ווידער ווערן
פֿריש, רויט און רונד.
דער עיקר, זאָרג
מוז פֿון האַרצן
ווערן פֿאַרטריבן.

לאָזט נישט דאָס לעבן
זאָל ווערן אין טרויער צעריבן.
זאָל אייער געמיט שטענדיק
זיין אויפֿגעהויבן.
און דאָס לעבן וועט זיין,
ווי דער זאַפֿט
פֿון פֿולע טרויבן.

יאָ, אַז מען איז יונג געשעט,
אַז מען פֿאַרליבט זיך אין אַ מיידל
מיט וועלכער מען לערנט
אין זעלבן אוניווערזיטעט.
אינגיכן וועט איר אַליין
זען איר אויסזען מיט אַלע
אירע איידל־שמייכלענדיקע שטריכן.

איר ווייסט גאַנץ וואויל,
אַז אַפֿילו פֿון פֿרעמד־ווייטן כּרך,
דאָס מויל פֿון מיין פּען
באַהאַלט נישט פֿון טאַטע־מאַמע
קיין שום זאַך.

בלויז אַ ביסל מאָל איך דאָ אויס
פאַר איך איר שיין געשטאַלט:
זי האָט אַ שוואַרץ־געדיכטן קאָפּ האָר.
ווי איך, איז זי הויך, גלייך
און יונג אין יאָר.

דער שאַרפער פורעם
פון איר פול און פריש געזיכט,
איז געגליכן צו אַ געשליפענעם שפיגל,
וואָס שטראַלט אין ראָזן שיין
פון ווייך־וואַרעמען מאָרגן־ליכט.
מיר געפעלט, וואָס זי איז אַ מיידל

אָן אָנשטעל, אָן געשאַל —
צאַרט און שיין.
אין איר האַרץ קוועלט
די ליבע לויטער־ריין.
אירע פאַרליבטע אויגן
פייכטן גרינלעך־גראָ.
נאָך אַזאַ מיידל
איז אין ערגעץ נישטאָ.
וואָס וועט פון אָט
דער ליבע זיין?
די שטערן, וואָס סודען זיך
אין דער גרין־נאַכטיקער שטיל
וויסן פון ליבע דעם ציל...
זייט מיר געזונט.
הייליק איז פון ליבע
דער בונד.
אייער זון
אריה.

דערמאָנט

יונג־גאַרנדיקע אויגן
אין די בלעטער פון דער גמרא
איינגעזויגן.
אומעט פון גמרא־ניגון
בענקט און זוכט אין הימל
דעם פאַרהוילענעם וועג
צו גאָטס היים.
שיין פון אינדערפרי
ציטערט אויף דער שויב,
און צינדט פון דער
פאַרחלבטער מנורה
די מעשענע קני.

דאָס שטעטל פאַרטוליעט
אין זיסן שלאָף פון באַגינען.
אומגעריכט עפנט זיך
די בית־מדרש־טיר,
און דער טאַטע טרעפט דודן
שפּינען שורות אין אַ שיר.

דער טאַטע בויגט זיך איבער,
לייענט און שמייכלט:
„גאָט, די גאַנצע וועלט
איז דיין הייליק היכל.
אין אויפבלוי פון באַגין,
ווען איך געפין דיינע טריט
שימערן אין ווייסן שיין פון מאָרגנטוי,
פאַרנעם די תפילה געלויטערט
אין פיין".
דער טאַטע זאָגט:
די גמרא פאַרמאַך.
לאָמיר אַרויסגיין אַביסל שמועסן
אויפן שטילן, דאָרפישן שליאַך.

דעם טאַטנס רייד

אין דער גרינער שטום
ליכטיקט דער דאָרפישער אַרום.

נידעריקע שטיבלעך
גאָלדיקן אין גלי
פון דער פרימאָרגן־זון.

אין וואָלדיקן טאָל,
צווישן געשאַרפטן שטיין
בלאָנדזשעט אַ וואַסערל
קיל און ריין.

אויף דער לאָנקע פּאַרטוליעט
אין רו, אַ מרוקענדיקע קו
שלעפּט מיט אירע הערנער
די גאָלדענע צעפּ.
פון דער פלאַמיקער זון.

דודס יונג־טרויעריק געביין
שטאַרקט זיך אין טאַטנס
פרום־האַרציקע רייד.
„בלויז דער אויבערשטער אַליין
ווייסט דעם תוך און תכלית
פון פּיין און פרייד.
אַ זון וואָס פאַרלאָזט
טאַטע־מאַמעס הויז,
טאָר נישט פאַרלירן די בריק
צום דורותדיקן צוריק.
געדענק, ווען יונג זיינען די טעג,
ווערט טיילמאָל דער נעכטיקער, דורותדיקער וועג
קליין און ענג.

אויף רעדער פון ליכט
מען רייט
צו אַן אומבאַקאַנטער, אויסגעחלומטער ווייט.
דעריבער דאַרף מען געהיטן זיין
נישט ווערן פון שורש אָפּגעשניטן.
און דו, וואָס פאַרלאָזסט זיך
אויף גאָט, מעגסט פרעגן:
צי זיינען אַלע זיינע וועגן
פול מיט רחמים און גנאָד?
נאָר קיינמאָל דערלאָז נישט,

אַז דיין האַרץ זאָל פון ספקות
ווערן צעפליקט.
און תמיד צו דער בריק,
אויסגעלייגט פון דורות,
קער זיך צוריק...

געדענק, גאָט איז אומעטום.
ער רוט אַפילו אין דער שטיינערנער שטום.
דעריבער, אין פרייד און חס ושלום אין צער,
איז גאָט ברוך הוא — אונדזער איינציקער
אָנשפּאַר".

ביידע טרעטן
אין ווייסן טייך פון טוי.
אַ הירש אין געשטויך,
טרינקט אין וואַסערל
דאָס קלאָרע בלוי
פון הימל־רוים.

זוניקער אינדערפרי
וויקלט מיט זיינע שטראַלן
די ביימערישע קני.

רעדער קייקלען זיך,
און טראָגן אַ שווערן, פויערישן וואָגן.
דער טאַטע און דוד שלינגען
די לופטיקע קילקייט
פון די צעבליטע סעדער.

דער טאַטע דאָהי

דער טרויער אויפן חרובן שטעטל
זעגט דעם טאַטנס גלידער.
גאַנץ פרי מיט זיין תהילים־זאָגן

פאַרפלעקט ער מיט זיינע טרערן
יעדן בלאַט אין אַלטן ירושה־סידור.
שבת שטאַרקט ער זיך
איבערן טרויער.
זומער, ווען אויף די שויבן
פון הויכן, רויט־ציגלענעם מויער
רינען די רויטע ליכט־טראָפּנס
פון צעשטראַלטן באַגינען,
שפּרייזט ער צו אַ חסידים־שטיבל,
וואו פאַר אַ פּאָר מנינים יידן
פון לענדער פאַרשידן,
מיט ווערטער פשוטע און קלאָרע,
איז ער מסביר אַ פרשה חומש
און אַ בלאַט גמרא.
ער האַלט, נאָר דורך גלויבן
קען מען יידן פון טרויער
אַרויסהויבן.
זיצט ער גאַנצע נעכט,
און מיט
אַ שריפט קליין און קלאָר

שרייבט ער
מעשות וועגן צדיקי הדור.

זומער גאַנץ פרי
האָט דער טאַטע ליב צו גיין
מיט דודן און שמועסן
וועגן חסידות און אויך
פון יידישן לעבן, וואָס
ענדערט זיך דאָהי.
דער טאַטע און דוד פירן
הויכע שמועסן און שפּאַצירן
אין דער זון־זומערדיקער גאַס,

צווישן שטיבער, וואָס שיינען און שטומען,
צווישן גערטנדלעך, וואו בינען
זעגן און זויגן דעם זאַפט
פון די פלאַמיקע בלומען.

דער טאַטע אויפן שפּיטאָל־בעט

דער טאַטע פון זיין גלייכער הייך,
קוקט אויף יעדן איינעם וואָרעם און ווייך.

דער טאַטע נישט אַלט אין יאָר,
נאָר די באָרד ברייט און געדיכט
לויטערט שוין לאַנג מיטן ליכט
פון געזילבערטע האָר.

אַ פאַרמוחטער שפּרייזט ער שטענדיק
מיט דער גמרא אונטערן אָרעם.
זי האָט אים געשטאַרקט
אין פּייַן, אין שטורעם.

פּלוצלעם לייגט מען דעם טאַטן
אַריין אין אַ שפּיטאָל־בעט,
און אין ווינטערדיקע אינדערפריען
נעפּלדיק און גרוי,
צו דודן אין טרויער,
ער רעדט וועגן זיך אַזוי:
„דער מענטש איז געגליכן
צו אַ בוים אין בליען.
אין די פּרוכטיקע יונגע יאָר,
איז אַלץ פאַרשטענדלעך און קלאָר.
שפּעטער אין האַרבסט,
דאָס פעלד אָן טוי.
דער ווינט פּליקט
די פאַרוויאַנעטע בלעטער.
און די וועלט אַרום איז נעפּלדיק און גרוי.

מיינע פיס וואַקלען אויפן לעצטן שטאַפּל.
פאַר מיינע אויגן די גאַנצע וועלט צאַפּלט.
איך בין מיט שרעק
נישט אַנגעגאַסן.
וואָרים פאַר דער געפייניקטער נשמה,
פאַר איר איז אין הימל
דער טויער נישט פאַרשלאָסן.

מיין זון, אַלע דיינע שירים,
מיטן גנאָד פון גאָט,
אין דיין האַרץ טוט
זיך שפּינען.
צו זיינע אויסדערוויילטע
ער רעדט אין בלויען ליכט
פון באַגינען.

גאָט לאָזט זיך דערקענען
צו איטלעך איינעם,

אין וועמענס האַרץ
די הייליקע בענקשאַפט
טוט ברענען,
גאָט דאָס גוטע פון מענטשן באַגערט.
יעדן טאָג ער צינדט פון זון דאָס ליכט,
און ער פאַרבינדט הימל מיט ערד.
דעריבער מיין זון,
אין גאווה דעם קאָפּ
קיינמאָל נישט פאַרהויב.
וואָרים, וואָס איז דער מענטש ?
ערד און שטויב.

אין ברויז פון ווינט,
גאָטס קול ברומט,
מיט זיינע זינגער,
גאָט סודעט זיך
אין דער נאַכטיקער שטום.

דעריבער מיין זון,
זאָלן דיינע שטילע טריט
דיך פירן זאָלסט ליב־האָבן
דעם יגיע־כפּים,
און דעם פּשוטן ערלעכן ייד.
מייד אויס דעם פּרומאַק, וואָס
טראָגט אַ לאַנגע זשופּיצע
מיט אַ גראָבן גאַרטל.
וואָרים, מן הבקר עד הערב
רק ער שטאָפּט גאַרנישט־קאָסטנדיקע
מצוות אַ פולן זאַק...

מיין זון, דו ווייסט,
מיין לעבן איז געווען
טרויעריק און האַרב.

שלום שטערן

אַצינדער אײדער
איך שטאַרב, זאָל
ווערן דערמאָנט:
אַז איך בענטש דאָס קאַנאַדער לאַנד,
פֿאַר איר עפֿענען פֿאַר מײַנע מידע טריט
פֿון פֿריד און שלוה די טיר.

זאָל דאָ קײנער נישט װיסן
פֿון פּײַן.
די טײַכן זאָלן זײַן
קוואַליק־רײַן,

און דער הימל צעבלױט
אין העלן שײַן.
יאָ, איך שטאַרב אָן געװײן.
געלױבט איז גאָט, װאָס
מיר איז באַשערט,
אַז מײַן געבײן זאָל רוען
אין דער רו פֿון דער היגער
הײמיש־געוואָרענער ערד".

פֿײַכטער גלאַנץ בליצט
אין טאַטנס אױגן.
פֿון גרױס היץ,
ער האַלט די ליפּן
אין אײן זױגן.

די נוירס פּליסט
פֿון אַ לאַנגער נאָדל
װײס־װאַסערדיקן שטאָף.
און דער טאַטע זינקט
אין אַ קאָשמאַרן שלאָף.

נאַכטיק־שפּעט.
דער טאַטע צאַפּלט
אויפן ווייסן בעט.
דער באַגין גרויט.
דער טאַטע זינקט
אין תהום פון טויט...

רויך פון קוימען.
דער ווינט טראָגט
צו דער פאַרהוילענער הויך,
דאָס הייסע אַש
פון אויסגעברענטע טרוימען.

די מאַמע באַוויינט דעם טאַטן

דער מאַמעס פּנים מיט טרערן פאַרגאָסן:
גאָט דערבאַרעמדיקער,
פאַר מיינע געבעטן
האָסטו אויף דיינע טויערן פון רחמים
אויפגעהאַנגען אייזערנע שלאָסן.

רבונו של עולם,
ווי לאַנג וועט נאָך דיין שווערד
טריפן דער סם פון טויט
אויף דיין ליכטיקער ערד?

רבונו של עולם,
פאַרוואָס טוסטו דעם מענטשן
אין שאָטן פון טויט פאַרוועבן?
פאַרוואָס לעשסטו אויס
ביי די ערלעכסטע און פרימסטע
דעם אָטעם פון לעבן?

מיין אברהמען האָסטו
אין פּיינען אויסגעפּרואווט.
איצט האָסטו מיר איבערגעלאָזט
זיין אויסגעברענטן גוף.
אויך דער צדיק, וואָס
מיידט אויס דעם וועג
דעם קרומען, פאַרגייט
פאַר דער צייט.

גאָט דערבאַרעמדיקער,
אין גן־עדן שמעקן די נשמות,
ווי אין אַ גאָרטן די בלומען.
גאָטעניו, די הייליקע נשמה
פון מיין מאַן האָסטו באַגערט.
פינצטער איז פאַר מיר אַצינד
דיין ליכטיקע ערד.

פאַרוואָס קומט מיר
אויף דער עלטער
אָט דער וויסטער גזר?
פאַרוואָס זאָלן מיינע לעצטע טעג
זיין לאָגלען אָנגעגאָסן מיט צער.

אברהם, אין גן־עדן,
אין דער שלוה פון גאָטס גאָרטן,
שוועבן שוין דיינע טריט.
פאַרגעס נישט, אַז איך בין
איצט אין מיין עלנט איין־אַליין.
פאַרנעם דאָס געוויין
פון מיין צעבראָכן געמיט.
יאָ, דאָרטן מיט דיר,
וועט מיר ליכטיק־ליב זיין.

איך וועל הערן דיין תורה־לערנען,
און מיין האַרץ וועט נישט וויסן
פון קיין פּיין.

מיט זילבערנע פּעדים
די פּראַסטיקע שויבן פאַרצויגן.
די מאַמע קלאָגט,
און דער רעגן פון טרערן
פליִיצט פון אירע אויגן.

שבעה־טעג

די ווייטע, פאַרלאָשענע יאָרן
פון שטעטל ווערן ווידער געבאָרן
אין דער מאַמעס זכרון.
זי האַלט אין איין דערמאָנען
דעם רויטן מאיר מיט די פולע
צוויי וואַסער־קאַנען.

פרייטיק באַגינען וואָרט
אויף אים דער טאַטע
ביים פּלומפּ און זאָגט:
ר׳ מאיר, ביים רבונו של עולם
איז זייער אָנגעלייגט
אייער וואַסער־טראָגן,
אייער דאַוונען און תהילים־זאָגן.
עס איז אָבער נישט וואויל,
וואָס איר האָט נאָך היינט
גאָרנישט געהאַט אין מויל.
פון פולע עמער אַ פולן פאַס
האָבן ליב די ווייבער
פון די רייכע קרעמער.

שוין גענוג פֿאַרצויגן
מיטן לעדערנעם פּאַס.
אין מיין שטוב האָט מיין גיטל
שוין גרייט אַ הייסן גרויפּן־זופּ,
אויך איז פֿאַר אייך פֿאַראַנען
אַ פּלעצל, אַ פֿריש שטיקל ברויט,
און אין דער שיסל אַ גוט ביסל דרויב.
ר׳ מאיר, עס ווערט שפּעט,
אָט האָט איר אַן אַדערויף,
און זאָל אייער באַשעלע
קויפֿן אויף שבת אַן עוף.

ביים געגרייטן טיש טרינקט
מאיר וואַסער־טרעגער הייסע טיי
פֿון דער פּולער, בלוי־בלעכענער קוואָרט.
און געדיכטע טראָפּנס פֿאַלן און פֿינקלען
אין פֿלאַם פֿון זיין רויטער, לאַנגער באָרד.
נאָכן בענטשן ווערן זיינע אויגן
מיט טרערן אָנגעצויגן:
ר׳ אברהם, מיר איז גרינגער
מיט די קאַנען אַרומצוגיין,
ווייל איר לערנט
מיט מיין ברוכלען אומזיסט.
די וועלט האָט אַ קיום
און ווערט נישט וויסט,
ווייל איר און אייער גיטעלע
שטאַרקן פֿון באַעוולהטע דעם שפּאַן,
און אייך באַרירט דער פּיין
פֿון אָרעמאַן.
דער טאַטע נעמט אים איין
מיט גוטע רייד:
ר׳ מאיר, גאָט האָט געוואָרפֿן
אויף אייך פֿון חסד דעם שיין.

פון אייער ברוכל
ווערט איר האָבן
אַ סך כּבוד און פרייד.
ער איז אַ ייִנגל — אַ שטיקל סאַמעט.
ער איז דאָך שוין מיין דודלס מלמד...

די מאַמע כליפּעט:
כּביכול אַליין האָט
אַוודאי געעפנט
פאַר מיין אברהמס נשמה
פון גן־עדן דעם טויער.
אָבער איך וועל שוין
דאָס לעצט ביסל יאָר
אַרומשפּאַנען אין טרויער.

דוד אין די שבעה־טעג

זיבן טעג שאָטענען
אין טרויער.
טיף אין געביין
בויערט דאָס געוויין.
אין דער ווינטער־גאַס דער גרויער,
שבעה — זיבן טעג
שאָטענען אין טרויער.
און אין דודס זכּרון
קלאָרן
זיינע ווייטע, שטעטלדיקע יאָרן:
אין שטעטל שבת. זומערדיק און העל.
די מאַמע מיטן אָפענעם טייטש־חומש,
זיצט אויף דער הויכער, הילצערנער שוועל.
אין דער הויכער מויער פון רויטן ציגל,
שימערט אין שיין די ברייטע שויב.

און איבערן בלעכענעם, בליאַסקנדיקן דאַך
שווימט אַ טויב, וואָס פעכערט
מיט די פליגל און פלאַטערט
אין די שטראַליקע זיילן
פון זון־גאָלדענעם שטויב.

די שבת שטיל
שווימט אין שטעטל.
און אויף דער לאָנקע
גראָזיק, קיל,
לייענט דוד פאַר זיין מיידל
אַ ליבע־ליד פאַרשריבן
אויף אַ געווירעט בלעטל.

הערט זיין מיידל
און איז פול מיט פרייד
און זי זאָגט:
איך וויל וויסן דעם האַפט
פון דיינע פאַרליבטע רייד.
וועסט גיין מיט מיר
צו דער יונגער ציגיינערין,
פאַרוויקלט אין דער געוועבטער
פאַרבן־שאַל, וואָס וואַרפט
קאָרטן אין שאָטן
פון דער געהויקערטער שטאַל...

דוד לאַכט:
גלויבסט אין אַ קאָרטן־וואַרפערין,
וואָס טראָגט אין האַרץ טרויער,
ווי די נאַכט טיף און שוואַרץ.

די יונגע ציגאַנקע אין דער שאַל,
וויגט זיך אין שאָטן

פון דער חורבה־שטאָל
און זאָגט:
בחור, דיין געליבטע
זע איך אין די קאָרטן.
מיידל, קוק, דאָ פרירן טרערן
אויף אַ וועג פאַרלאָרן אין שניי.

מיידל, יונג איז דיין קאָפּ.
נאָר דיין פאַרליבט האַרץ
איז פול מיט וויי,
ווי מיט וואַסער דער טאָפּ.

איך זע אין דער קאָרט:
דיין געליבטער וועט פאַרוואָגלט ווערן
אין אַ ווייט אָרט, ערגעץ צווישן
הויכע בערג, וואו עס רוישט
תמיד אַ וואַסער־פאַל.
און אין דער ווייטער וועלט,
וועט ער שטענדיק בענקען
נאָך דיר און נאָך דעם וואַסער־קוואַל,
וואָס בלעזלט אין גרין פון היימישן פעלד.

דיין געליבטער האַנט אין האַנט,
וועט מיט דיר נישט גיין
אין פרעמדן לאַנד...
אין די קלאָרע, זומערדיקע פאַרטאָגן,
וועט די בענקשאַפט דיך טראָגן
צום וואַלדיקן היגל, וואו
דער קאַשטשאַל מיט זיינע גאָלדענע שפּיצן
גליט אויפן ליכטיקן וואַסער־שפּיגל.
און מיט דיין האַרץ, וואָס ברייט
אין טרויער, וועסטו ביים ביימער־טויער
זוכן זיינע פאַרשוואונדענע טריט.

שבת אין שטעטל זומערדיק־העל.
פון דער זוניקער טיף
די שטילקייט קוועלט.
די מאַמע מיטן אָפענעם טייטש־חומש
זיצט אויף דער הויכער, הילצערנער שוועל.
וויסטע וואָר. עס חלומען שוין מער נישט
אין שטעטל יענע ווייטע יוגנט־יאָר.
די ציגיינערין אין דער קאַלירטער שאַל
פליסטערט שוין מער נישט,
אַז די ליבע לויטערט זיך אין האַרץ,
ווי דאָס וואַסער אין גאָלדענעם זאַמד־טעלער
פון קוואַל.

שבעה — אויף דער אָבל־שטול,
דודס האַרץ
מיט טרערן פול.

שורות פרייד

דער פרילינג־פרימאָרגן
ברענגט אַ בריוו פון זון צו טראָגן:
טייערע טאַטע־מאַמע,
אין אונדזער שיינער, יידישער שריפט
גייט צו אייך היינט מיין גרויסע פרייד.

איך בין דאַכט זיך מיר נישט־רעליגיעז,
נאָר דאָס זון־ליכט אין פרילינג
איז פון לעבן דער נס.
אין דער שטאָט פון רויך און אויטאָ־ראָד,
ליכטיק־היימלעך די בלויע בינטלעך בעז
אויף די באַטויאיקטע ביימלעך.

אויך די ליבע איז פון לעבן
דער וואונדער
זי לויכט מיט איר פרייד
פאַר יעדן באַזונדער.

טייערע מיינע,
אין האַרץ פון דער ליבע
ווערט די כלה גערימט.
די דאַטע פון אונדזער חתונה
איז שוין אויך באַשטימט.

דער בעל צו מיין שמחה דער גרעסטער,
ברענגט מיין ייִנגערן ברודער,
און אויך דאָס מיזינקעלע —
די קליינע שוועסטער.

אייער זון, וואָס קומט
צו אייך מיט באַרוישטע רייד
פון דער ליבע, וואָס ליכטיקט
צו אים מיט איר יונגער פרייד.
אריה.

מען פאָרט צו דער חתונה

די באַן שניידט זיך
אין דער טיף פון דער ווייסער נאַכט
און שלינגט די גרויע שאָטנס,
וואָס פאַרוועבן דעם שליאַך.

אין האַרץ — אין קוואַל
פון ליכט און וויי,
שטילט אַצינד פון שווערע טעג
דער פּיין.

שלום שטערן

אויף די הויכע סטויגן היי,
ברענען די שטערן אין טרויער
פון אייגענעם שיין.

פאַרט די משפּחה
מעת לעתן צוויי.
דערפלעך וועקן זיך
מיטן האָנען־געקריי.

עס בלענדן אין וואַלד
די צעצונדענעביימער.
עס רויטיקט דער טייך,
וואָס שלייכט צווישן
די מאָכיקע קני פון פעלדזן־שטיינער.

דער הימל ווערט העכער און העלער.
די טויען פון באַגינען
פּערלען זיך און רינען
פון די גרין־בלעטערדיקע טעלער.

די באַן
וויל די ווייטקייט איבעריאָגן.
אויף די פענצטער ברייט און לאַנג
שלאָגט דאָס רויטע פייער פון פאַרטאָג.

די באַן לויפט אין טעלער
פון די גרינע טאָלן,
די באַן קלעטערט באַרג־אַרויף,
און עס קרעכצן
אַלע זיינע בליציקע שטאָלן.

דער באַרג גרוי און הויך,
שווימט אין טוי
פון ווייסן וואָלקן־רויך.

פאָרט די משפחה
מעת לעתן צווייַ.
אין פרימאָרגן
וועקן זיך דערפלעד
מיטן האָנען־געקריי.

די באַן סאָפּעט און שאַלט.
אין רויטן שיין
רוישט דער וואַלד.

קומט די משפחה אין דער שטאָט
פון דער ווייטער „וועסט".
זון און כלה און אַלע מחותנים
באַגעגענען זיי, ווי טייערע געסט.

די חתונה

פון ראַביי אין צערעמאָניאַלן טראַכט
גליטשן זיך די ווערטער
געמאָסטן און גלאַט:
איבער חתן־כלה גאָט וואַכט,
ווען די ליבע שרייבט
אַריין אין זייער לעבן
אַ נייעם בלאַט.

חתן־כלה, וואָס טראָגן
פון ליבע דעם וואונדער,
גייען קיינמאָל
נישט באַזונדער.

דער ראַביי מיט אַ פּנים
ברייט און רויט,
פאַרזיכערט מאַן־און־ווייב,
אַז אין דער הייליקער ליבע
דער הימל שטענדיק בלויט.
חתן־כלה, לעבט לויט
דער יידישער מאָראַל,
ווען אייער ליבע
שטענדיק ריין זיין,
ווי דאָס וואַסער אין
אַ קלאָרן קוואַל.

טייערע חתן־כלה,
אייער יחוס איז פון
הויכן גראַד,
איז חתן, זאָג־זשע
מיר נאָך די ווערטער
פון „הרי את!“

דער ראַביי מיט ווערטער
גלעטנדיק און ווייך,
בענטשט דאָס יונגע פּאָר
מיט גליק און לאַנגע יאָר.

מחותנים קושן זיך,
וויינען נחתדיק און ווינטשן זיך,
אַז גאָט זאָל געבן
די קינדער זאָלן האָבן
אַ געזונט און גליקלעך לעבן.

אַ קרובה פון כלהס צד
קושט חתן־כלה און ווינטשט:
גאָטעניו, דאָס יידישע הויזגעזינד
זאָל מער נישט זיין, ווי אין ווינט
אַן אָפּגעריסענער בלאַט.

אירע לאַנגע שוואַרצע האָר
ווינטלען זיך.
די קרובה האָלדזט חתן־כלה
און ווינטשט:
גאָט זאָל בענטשן אייער בונד,
און אייך שענקען געזונט,
און די שיין פון גליק
אויף לאַנגע יאָר.

אין אירע טרויעריק־פאַרטראַכטע
אויגן פינטלען טראָפּנס טרערן:
שוין צייט דאָס פאָלק ישראל
זאָל זיך פּאָרן און מערן!

דאָס קאָלירטע ליכט אין זאַל
בלענדט און פאַרבלויט
דאָס צאַרטע, שמאָלע געזיכט
פון דער יונגער קרובה
אין דער גרין־געהאָפטענער שאַל.

אין לוסטיקן רויש

פּויק און טאַץ ברומען.
אַרום טישן, וואָס שמעקן
מיטן שאַרפן ריח
פון ווייַן און בלומען.
פרויען זיפּן זיס־ברענענדיקע געטראַנקען,
און דורך די רויט־אָנגעשמירטע ליפּן
די גלוסטיקע ציין בלאַנקען.

אויגן פייכטן אין גלי פון גלאַנץ.
שוועבנדיקער פוס אין ווירבל־טאַנץ,
רייצט און גיסט די גלוסט
אין די ווייסע האַלב־אויפגעדעקטע בריסט.

אין טשאַד פון סיגאַרעטן־רויך,
אין זיסן ברי פון פּאַרפיומען־גערוך,
שלאָגט הויך צום טאַקט
קנאַפּל פון שוך.

עס פינקלען פולע ווייַן־גלאָזן.
מעשענע טרומייטן בלישטשען
און בלאָזן.
און צווישן בלענדנדיקע ווענט
מיט העל־בלויע קאָלירן,
פלאַטערן פרויען־פיגורן
אין שטייף־פאַרצויגענע קליידער,
אַרומגעגאַרטלט מיט דין־געוועבטע שנורן.

דער אָרקעסטער הילכט
אין ווילדן געברום.
די קרובה אָפּגעריסן
פון עולם אַרום, זיצט
ביי אַ טיש אָפּגעזונדערט און אַליין,
און פון איר אײדל־לענגלעך געזיכט,
זי ווישט די טרערן פון געוויין.

דוד זעצט זיך ביי איר טיש
און פרעגט: פאַרוואָס
זענט איר אַזוי פאַרטרויערט?
פייכטער, פולער ווערט
איר פאַרטראַכטער בליק,
און באַצערט זי קרעכצט:
אוי, מיר יידן הוידען זיך
אויף אַ צעבראָכענער בריק.
געוויס איטלעך איינער
נאָך אַ שיין און פרידלעך לעבן
לעכצט.

נאָר פון מיר דער טרויער טוט זיך
קיינמאָל נישט אָפּ.
אין תהום פון גרויל
אָפּט איך זינק אַראָפּ:
קיין מאַידאַנעק איז געוואָרן
פאַרטריבן מיין גאַנצע משפחה
און ביים פוילישן שכן
איז פאַרבליבן אונדזער געמויערט הויז
מיטן הויכן, אייזערנעם גאַנעק.
פרילינג. עס שמעקט דאָס בעז.
אין אויוון צו גיין איז
שוין געווען מיין ריי
געשען איז אַ נס:
אין לאַגער באַוויזט זיך
פלוצלעם די רויטע אַרמיי.

אוי, אין רייפן פון שרעק
זיינען פאַרקלעמט
מיינע טעג.
דאָהי, אַפילו מיין מאַן,
וועמען איך האָב זייער ליב,
קען נישט באַגרייפן:
אַז פון אַ סטעליע זאָל גיסן
הייס וואַסער, און וואַרפן
געלע גאַז־אַרבעסלעך,
ווי פון אַ דראָטענער זיפּ.
יאָ, די יידן דאָהי זיינען
גייסטיק־פוסט.
רייד־ווערן איז די איינציקע גלוסט.
אין זייערע רייכע, גרויסע שטיבער,
איז קיין זכר פון יידישן שטייגער
נישט פאַראַנען.

זייערע קינדער ווילן וואָס
גיכער פאַרגעסן,
אַז פון יידן זיי שטאַמען.
ס׳רוב פון דער יידישער יוגנט
האָט פיינט
אונדזער נעכטן
און אונדזער היינט.
אין זכרון דער טרויער —
אַ פלאַש פול מיט
ברענענדיקן אַש.

איך בין די פרוי
פון באַרימטן לאָיער אייזיק זיגל.
מיין איינציקער אָנהאַלט,
דאָס פיצל קינד אין וויגל.
מיין זכרון — אַ גרויליקער פנקס
פון געדענקען.
איך הער:
אין דער ערדיקער טיף
די בלוטן שטראָמען
און דערמאָנען:
דעם גערמאַנישן רוצח
קיינמאָל נישט שענקען!

דאָס ליכט בלענדט
אין זאַל.
פרוי זיגל טוליעט זיך
אין דער ווייס־געהאָפטענער שאַל.
דער אָרקעסטער ברילט,
און גיסט דאָס פייער פון גלוסט
אין די רונד־רייצנדיקע
פרויען־בריסט.

טאַנצנדיקע פּיס
בויגן זיך און וויגן.
אין דודן ווײַנט
פון קדיש דער ניגון.

צוריק פון דער חתונה

איבער אַן עפּלבוים
אין פולן בלי
בלויט דער קילער אינדערפרי.
דוד טראַכט:
איבער אַלע מענטשן אין הימל וואַכט.
פאַרוואָס־זשע ראַנגלט מען זיך
און מען שעכט זיך צוליב מאַכט?

די זון צינדט די הימל־רוימען.
פון אַ פאַרמער־שטיבל קלעטערט
צו דער העלער הויך
דער גרויער רויך פון קוימען.

די באַן סאָפּעט און שאַלט.
אין שרעק רוישט
דער גרינער וואַלד.

איבערן ווייץ, וואָס גאָלדיקט
אין דער שטרוי, ליכטיקט
אַ הימל אין בלוי.
דוד טראַכט:
קיינער פאַרשטייט נישט פון טרויער די שפּראַך.
דער מענטש וואָס זשומעט און מעסערט
מיט זיינע טיפסטע פלי־מאַשינען
דעם שליאַך פון די טיפסטע הייכן,
וועט פון אייגענעם טרויער נישט אַנטרינען,
אַפילו ווען ער וועט דעם ווייטסטן שטערן גרייכן.

פייגל רוען אויף צוימען פון דראָט.
אין אַ ווייסן וואָלקן פון טוי
שווימט דער עפּלסאָד.

אַ פאַרמער־מיידל אָן אַ הוט, אָן אַ שוך,
פאָכעט מיט אַ רויט־געבלימלטן טוך.
אַ צעגרינט ביימל ציטערט
אין דער הויט פון דינעם קאָרע־זאָק.
דאָס פאַרמער־מיידל שמייכלט אין ווינט,
וואָס פלאָטערט איר בלאָנדן לאָק.

אויף די פרימאָרגנדיקע וועגן
פלייצט פון זון דער גאָלדענער רעגן.

אַ וואָלד, אַ פעלד,
אַ באַרג, אַ בריק.
די משפחה פאָרט
פון דער חתונה צוריק.

אָוונט אויפן באַן

די זון אויף אַ צווייגן־שטאַנג,
זעגט מיטן גאָלד פון איר פייער
די צעוויגטע זאַנג.

הויך העלט דאָס ווייץ
אויפן בויך פון טויאיקן פעלד.

דוד טראַכט:
מיליאָנען מענטשן קען
קאַנאַדע דערנערן.
פאַרוואָס־זשע פלייצן
פון אַזויפיל הונגעריקע די טרערן?

דוד טענהט צו גאָט:
ווי אַזוי קענסטו געאַכפּערט ווערן,
אַז דו קומסט נישט
מיט רחמים און גנאָד צו די, וואָס
זייערע הערצער זיינען טרויעריק
און פול מיט טרערן.
ווי אַזוי קען איך דיר פאַרגעבן,
פאַר דיין געבן דעם רוצח היטלער
דעם אָטעם פון לעבן.

גאָט אין הימל, דיר קומט
אַ משפט אַ האַרבער,
פאַר דיין שיקן אויפן זינג־פויגל
דעם פאַרצוקנדיקן שפּאַרבער.
האָסט באַשאַפן דעם פּאָעט,
אַז ער זאָל אין יעדן לאַנד
גאַפן אויף די וואונדער
פון דיין האַנט.
איז וואָס־זשע איז זיין שכר?
אין זיין האַרץ ברענט תמיד
די פייער־קויל פון צער.

אַ פויגל אויף אַ צווייגן־שטאַנג
הוידעט זיך
אין די שטראַלן־שטריק
פון זון־פאַרגאַנג.

שאָטנס אויפן שליאַך
שלינגען דאָס פייער
פון פאַרנאַכט.
אין דודס האַרץ גראָבן די מחשבות,
ווי אין אַ פינצטערער שאַכט...

אין געבעט

לבנהדיקער טרויער
לויכט אויפן בלוי
פון טייכיקן שליאַך.

די באַן שניידט
די דערשראָקענע שאָטנס
אין דער וואַלדיקער נאַכט.
אָ גאָט, איך ווענד
מיין געבעט צו דיינע
אויסגעשטערנטע הימל־ווענט:
פאַר מיינע בעטנדיקע סטראָפן,
דעם טויער פון רחמים
האַלט שטענדיק אָפן.

אָ, הער מיין געוויין,
און לאָז מיך נישט אַליין!

די באַן לויפט אין טעלער
פון די גרינע טאָלן.
לבנה קלעטערט אויף דער בריק
פאַרצויגן מיט בליצנדיקע שטאָלן.

דריטער טייל

בנימין און סעלמא

דער ייִנגערער זון

בנימין שלאַנק, בויגעוודיק און דין,
העל און גרין שימערן זײַנע אויגן,
וואָס טרוימען דאָס שלעכטס
פון דער וועלט אָפּצוטרײַבן.

דער רײַכער אַלץ פאַרמאָגט,
און דער אָרעמאַן טראָגט זיך
אַרום מיט אַ ליידיקער קאַן.

וואָס איז דאָס פאַר אַ מלוכה־פּיר,
וואָס פאַרשליסט פאַרן פאָלק
פון שפע די טיר!

דעריבער דאַרף מען
פאַר דער וועלט אַ נײַע ראַם.
יושר און רחמים זאָל מען טראָגן
פאַר די מענטשן פון יעדן שטאַם.

בנימין בויגעוודיק, שלאַנק און דין,
זײַנע אויגן שמייכלען אין שימערדיקן גרין.

דאָס האַרץ אין גלויביקע ווערטער,
גאַרט נאָך די גרויסע טעג
אין מאָרגנדיקן שפּעטער.

ווער?

אָפּגערוקט פון שטאָטישן ברויז
זיצט איצט דוד אין אַן אייגן הויז.

אין גאָרטן שפּאַצירט דער פרימאָרגן דער שיינער,
און שמעקט דעם ריח פון דער לופט דער ריינער.

נאָר פּאָר זיין ליד, וואָס איז מיט טרערן אָנגעגאָסן
דער טויער פון פרייד איז פאַרשלאָסן:
וואָרים אַ דור יידן יונג און אַלט,
פאַרמעקט זיין אייגן יידיש געשטאַלט.

די זון מיט אירע גאָלדענע ציין,
זעגט די שטאָט פון דראָט און שטיין.

און אין דער שלוה פון אינדערפרי,
דוד פרעגט זיך אַליין:

וועל איך זיין דער לעצטער יידישער זינגער דאָ?
לעשן זיך שוין טאַקע די הייליקע ליכטער
אין די גלויביקע יידישע ווערטער?
וועל איך טאַקע זיין דער לעצטער
פון אַ דור יידישע דיכטער?

וועל איך זיין דער לעצטער יידישער זינגער?
איז ווער וועט ציילן די האַרציקע יידישע ווערטער
אויף די פינגער?
אין ווענעמס האַרץ וועט נאָגן דער אומעט
פון גלויביקע, פאַרליבטע לידער, וואָס
האָבן זיך געטראָגן פון אָרעמע וואַרשטאַטן,
אין געזאַנג פון די טרוימערישע שוועסטער און ברידער?

ווער וועט נאָך יענע יונגע טרוימען בענקען?
ווער וועט דעם עלנט פון דעם ליידיק־געוואָרענעם שטעטל
געדענקען?

אין וועמענס זכרון וועט שווימען דער טרויער
אויף די אָפּגעמעקטע, יידישע קהילות אין פּוילן?
ווער וועט וויינען מיט די יידישע קדושים,
אויסגעגאַנגען אין גאַז־טשאַד פון גליענדיקע קוילן?

ווער וועט זיך אין אַ יידיש ליד פרייען
מיטן אויפגיין פון באַגינען?
ווער וועט פאַרגאַפּט מורמלען יידישע ווערטער,
ווען די זון פאַרנאַכט טוט אַנטרינען?

אָ, ווער וועט אין דער נאַכט דער שפּעטער
זינגען מיט יידישע ווערטער, ווען דער בוים,
אָנגעטאָן אין קלייד פון טויאיקע בלעטער,
ווינטלט און סודעט זיך מיט די העלע שטערן,
וואָס בלענדן אין בלוי פון טיפן, טייכיקן רוים.

ווער וועט באַוויינען די יידישע פּאָעטן
פון מיין דור, פאַרשניטן יונג,
אין ליכטיקן בלי פון טרוימערישע יאָר?
ווער וועט באַוויינען די יידישע פּאָעטן
פון מיין דור מיטן חלום פון אַ העלע וואָר?

ווער וועט לייענען, ווי פון אַ סידור
די תפילות פון זייערע לידער?
ווער וועט אין יאָרן שפּעטער
הייליק האַלטן זייערע שטיל־זינגענדיקע ווערטער?

ווער וועט קומען צו זייערע מצבה־שטיינער,
און דעם חלום פון זייער יונג־אויסגעבערענט לעבן
באַוויינען?

דער יידישער שטייגער — אַ צעבראָכענע ראָם.
בין איך טאָקע דער לעצטער
פון אַ ליכטיק־צעזונגענעם שטאָם?

אין דודן רעדט דער וויטיק:
דאָס יידישע ליד איז דאָ
קיינעם מער נישט נייטיק!

איז ווער וועט זינגען
פון יידיש דאָס געזאַנג?
ווער וועט פאַרנעמען
פון יידיש דעם לויטערן קלאַנג.

אין דער גרינער שטום,
ברענט רויט די בלום.

אין גאָרטן, צווישן די ווינטלדיקע ביימער,
שפּאַצירט דער פרימאָרגן דער שיינער.

סעלמאַ

אין בנימינען דער טרוים פון ליבע קוועלט.
אים געפעלט אַ סטודענטין פון אַן אַלט ענגלישן יחוס־שטאַם,
וואָס וויל איבערברעכן פון פאַרגליווערטן שטייגער די צאַם.
דעם פאָטער דעם פרומען פראָטעסטאַנט
זי שטראָפט: דיינע עלטערן — אָרעמע פאַרמער
זיינען ליידיק געקומען אין היגן לאַנד.
און דו וואָס האָלטסט די „ביבל“ אין איין לייענען,
ווילסט נישט הערן פון דיינע אָרעמע אַרבעטער
דאָס הונגעריקע וויינען.

פון זייער שווערער פּראַצע אין דיינע קראָמען,
דאָס געלט אין דיין האַנט טוט שטראָמען.
אויב ווילסט רו אין דיין הויז געפינען,
זע, דיינע אַרבעטער זאָלן ביי דיר
אויף פּרנסה פאַרדינען.

דער פּאָטער זאָגט איר צו:
איך וועל זיך וועגן דעם באַמיען,
אַבי די רו אין מיין הויז
זאָל זיך נישט אַרויסציען...

פון סעלמאַס האָר ליכטיק, לאַנג און געדיכט,
שלאָגט דער פריש־שכורדיקער ריח
פון יונג־מיידלישע יאָר.
די ליבע מיט איר לויטער ליכט,
שטראַלט פון איר ראָז־רייצנדיק געזיכט.

דער קלאַנג פון איר גאַנג לייכט און לוסטיק
דער געבוי פון איר געביין דיק, גלייך און גלוסטיק.
אין פייכטן גרוי פון אירע זאַמדיקע אויגן,
שימערט פון פרייד דער טוי.

אויפן שיפל

אין אַ קינדער־קעמפּ,
אין דער וואַלד־ווילדערניש דער שטומער,
בנימין און סעלמאַ אַרבעטן אַ גאַנצן זומער.
אין דער פרי, איבערן טייך ליכטיק, בלוי
הענגט די פאַרע, ווי ווייסער טוי.

אין גאָלדענעם שיין שלייכט דאָס שיפל
אויפן טישטעך פון בלויען טייך.

בנימין גראָבט מיטן רודער דאָס וואַסער־בלוי.
בערג־ווענט שימערן אין רויך פון מאָרגן־טוי.

סעלמאַ טוליעט זיך צו בנימינען און פליסטערט:
צו דיר מיין איינציקער ליכטיק און גוט,
די ליבע זינגט אין מיין בלוט.

בנימין זאָגט:
אין דער שטיל פון פאַרטאָג
איך און דו.
דאָס האַרץ טראָגט די פרייד
פון זיין מיט זיך אַליין אין רו.

רייך און לויטער
פון ליבע דער ווייַן.
דאָ אין מאָרגן־שיין,
קענען מענטשן זיך ליב האָבן
און וואַרהאַפטיק זיין.

באַרג און וואַלד שטומען
אין דער גרינער רו.
סעלמאַ פליסטערט:
בנימין טייערער, איך און דו...

פרייטיק צו־נאַכטס

ביי די געבענטשטע ליכט
אין שיין דעם ריינעם,
דער מאַמעס אויגן
שימערן און וויינען:
רבונו של עולם,
די פעלקער שוין ווידער
שנאהדיק זידן
קעגן דעם שארית יידן.

גאָט דערבאַרעמדיקער,
שיק מער נישט קיין געוויטער
אויף ישראלס שלאַבעריקע ריטער.

דו אברהם מיין מאַן,
צום כסא כבוד קלעטער.
פֿאַר אונדזערע קינדער, פֿאַר מיר
און פֿאַר כל ישראל זיי אַ גוטער בעטער.

רבונו של עולם,
דער שבת קודש זאָל אונדז ביישטיין.
פֿאַרנעם דאָס געוויין פֿון דיינע הייליקע ספרים.
שיק אונדז גיך דעם גואל המשיח.
די מתים פֿון די קברים וועלן אויפשטיין.
ובשיר וברינה וועלן מיר
אין הייליקן לאַנד גיין.

אין דער נאַכט דער בלויער,
הויערט אויף דעם שבת־טיש
דער מאַמעס טרויער.

פֿאַרליבטע צוויי

בנימין איז אַ פֿלייסיקער סטודענט.
זיין געמיט ליכטיקט, זינט ער האָט
סעלמאַן אין אוניווערזיטעט דערקענט.

ווינטערדיקע פֿרייטיק־צונאַכטסן,
אין גאָס פּראָסטיקן די שניי־סטויגן.
סעלמאַ קומט צו גאַסט,
און טרערן שטייען אין אירע אויגן:
מיין טאַטע וויל מיר פֿאַרווערן צו נעמען
וועמען מיין האַרץ טוט באַגערן.

אין שימערדיקן ווייַן,
שווימט די טרער פון פּיין.

דבורה רעדט איר אויס:
סעלמאַ, גאָט וועט דיך, ווי אברהם אבינו
אַרויסציען פון דיין פּאָטערס הויז.
און אַז וועסט אַ יידישע טאָכטער ווערן,
וועט דער אויבערשטער דיר באַשערן
ווען דיין האַרץ טוט באַגערן.

אין העלן שיין פון די געבענטשטע ליכט,
לייטערט זיך סעלמאַס געזיכט.

פון שבתדיקן טיש
ווערט דער טרויער אָפּגעווישט...

דער שמועס

שבת־פרי.
אויפן בלויען הימל־שליאַך,
וועקט זיך פון טיפן שלאָף
די לאַנגע, חלומדיקע ווינטער־נאַכט.

דוד פּאַרטיפט אין דער יידישער געשיכטע:
טרויער, ווי פון וואָלקנס געדיכטע שטראָמט,
פון דער הייליקער יידישער שריפט.
דער שבת־קודש
אומעטיקט אויפן געדעקטן טיש.

דוד מישט די בלעטער און הערט
בנימינס האַרציק־באַזאָרגטע ווערטער:
טאַטע, איז אין דיינע אויגן גוט,

די ליבע צו סעלמאַן, וואָס
בענקט אין מיין בלוט.
מיר דאַכט, אַז דו האָלטסט
דאָס נישט פאַר רעכט.
איך מיין, האָסט מורא,
אַז מיט מיין ליבע
דעם שטאָם איך צעברעך.

דוד: מיין זון,
אין שטילן פרימאָרגן, רעד פון די געפילן
אין דיין יונג האַרץ פאַרבאָרגן.
בנימין: טאַטע, וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן?

דוד: אייערע טרוימען טראָגן
שווערע וואָגן.
סעלמא מיט איר יונגן ברויז,
קומט צו דיר פון אַ הויז
מיט אַ פרעמדן לעבנס־פיר.

בנימין: טאַטע, דאָס איז אונדז
שוין לאַנג באַוואוסט.
נישט פון ברויז די גלוסט,
נאָר די ליבע אין פרייד דערקענט,
טראָגט דעם ליכטיקן טרוים
אין אירע הענט.

דוד: מיין זון, נישט וועגן דעם
זיינען אַצינד די רייד.
אין אייער שפּעטער עס גייט:
וואָס וועט זיין, ווען איר ביידע
וועט צעוואַרפן פון יידישן שטייגער
דעם דינעם צוים?

וועלן אייערע קינדער נישט זיין
קיין אַראָפּגעריסענע בלעטער
פון יידישן בוים?
וועסט אויף זיך אַליין
ברענגען פּיין, אויב
אין האַרץ פון דיינע קינדער
וועט נישט לויכטן
פון יידישע דורות דער שיין.

מיין זון, אייער ליבע הייליק און ריין.
דעריבער דאַרפט איר וועגן דעם
איצט קלערן.
איר וועט דערמיט פאַרמיידן
פון אייער היים טרויער און טרערן.

בנימין: אויך וועגן דעם טוען
מיר זיך פאַרשטיין.
אונדזערע קינדער וועלן פון יידישן פאָלק
קיינמאָל נישט אַוועקגיין.
סעלמאַ זאָגט: אַ האַרץ, וואָס טראָגט
פון ליבע דעם הייליקן שיין,
ברענגט דעם ליבסטן נישט קיין פּיין.

וואָר, נישט תמיד איז דער מענטש
איבער זיך אַליין דער געוועלטער.
אויך דאָס לעבן איז נישט שטענדיק
אַ בליענדיקער גאָרטן, וואָס ליגט
אין דער זומער־זון אַ צעהעלטער.

איך בין זיכער:
סעלמאַ און איך
וועלן האָבן אַ היים,
וואו דיר און דער מאַמען
וועט ליב זיין אַריינצוגיין.

דוד: ווילסט דווקא וויסן און הערן:
איך און די מאַמע האָבן סעלמאַן
זייער גערן.

אין קיך, אויף שויב און דיל
שוועבט די שבתדיקע שטיל.

די חנוכה־סעודה

שניי אויף דער שויב
זילבערדיק געדיכט.
עס ציטערט דער דינער שיין
פון די מנורה־ליכט.

געזאַנג און געלעכטער אויסגעמישט,
יום־טוב ליכטיקט אויפן טיש.
דוד איז שוין מער נישט
קיין פאַרוואָגלטער עמיגראַנט.
אייגן איז אים דאָס היגע לאַנד.
זילבערנער שימער אין זיינע האָר.
דאָס ליכט פון טרוים
פליסט אין זיינע בענקענדיקע יאָר.
אין ליכט פון דער מנורה קוועלט די שיין.
דוד טראַכט:
דער פּיין פון יידישן וואָגל — אַ מעשה נורא.
דאָך יעדער דור זעט די זון העלט
אויף אונדזער שליאַך...

לידער און געלעכטער אויסגעמישט.
פרייד פון יום־טוב זינגט אַרום באַזעצטן טיש.

אין געשליפענעם גלאָז
געבלימלט און ראָז
רויטיקט דער וויין.
אויסגעזילבערטע שויב גלאַנצט
אין פּראָסטיק־ווייסן שיין.

זאָלן עלטערן ווערן באַקאַנט

צווישן פאַררעגנטע גאַסן
פאַרצויגן מיט דראָט,
טאָפּטשעט דער פרילינג
אין דער פאַרבלאָטיקטער שטאָט.

אין איינעם אַזאַ פרייטיק־צונאַכטס,
פליט מיט סעלמאַן די פרייד אַריין:
מיין טאַטנס רייד האָבן היינט
פאַרלאָשן אין מיר דאָס פייער פון פיין:
איטלעך איינער איז דאָ אַן עמיגראַנט.
שוין צייט מיט בנימינס עלטערן ווערן באַקאַנט.
מיין שטוב איז נישט קיין פאַרבאָרגענע נעסט.
זאָלן די אָנגעלייגטע געסט
קומען מאָרגן צו גיין,
וועלן מיר זיך דורכרעדן און בעסער פאַרשטיין.
זאָל אייך נישט אַרן,
אויב ער וועט זיך
מיט אייך שפּאַרן.

די מאַמע וואָס שטייט
תמיד אויף מיין זייט
וועט אַרויסציען די שאַרפן
פון זיינע שטעכיקע רייד.

דוד זאָגט:
סעלמאַ טייערע, איך האָף,
אַז נאָך אונדזער באַזוך
וועט דיין טאַטע דערזען,
אַז פאַר אַלעמען הענגט
די זון אין אַ בלויען טוך.

און דער שבת טראָגט
פרידן אין זיין האַנט
צו דער משפחה, וואָס
זיצט פריידיק באַנאַנד.

אין סעלמאַס הויז

אויף די פענצטער,
אויף די פּאָלירטע טרעפּ,
דרימלען ברייטע בלומענטעפּ.
אין אַ ליכטיקן צימער
מיט געמעלן פול,
כמורעט מיסטער קינג
אין אַ גרין־פּלושענער שטול.
ער רעדט גיך און הויך,
און פון זיין ליולקע שווימען
דינע, גרויע פעדימלעך רויך:
ליבע, חשובע געסט,
דער שטיין פון דורות פרעמדקייט
דאָס האַרץ פּרעסט.
לאָמיר ביי אַ געשמאַקן גלעזל וויין,
אין אַן אָפענעם שמועס אַריין:
יעס, יידן זיינען מיר פרעמד און וויט.
זיי זיינען פאַרריסן און פאַרשייט.
נאָך אַזויפיל יאָרן פון פיין,

שלום שטערן

הערן יידן זיך אַלץ נישט איין
צו דער בשורה פון נייעם טעסטאַמענט.
אין דער בייבל שטייט דאָך געשריבן:
„ירושלים וועט ווערן פאַרברענט,
און ישראל פאַר זיינע זינד,
וועט פון הייליקן לאַנד ווערן פאַרטריבן".

דער ייד ווידערשפּעניק, פאַרעקשנט און האַרט,
האָט זיך מיט כיטרעקייט אין אונדזער לאַנד אַריינגעשפּאַרט.
דער ייד לעבט נישט באַשיידן.
ער וויל פאַרשלינגען אַלע פאַרגעניגנס
און אָנזעטיקן זיך מיט אַלע ערדישע פריידן.
יעס, אונדז קריסטן טוט פאַרדריסן, וואָס
די יידישע יוגנט, ווי אַ מוטנער שטראָם
וויל אין ריינעם, קריסטלעכן טייך זיך אַריינגיסן.
פייער פליסט אין מיין סעלמאַס יונגע בלוטן,
און זי קירעוועט זיך
אויף אַ וועג אַ נישט־גוטן.
עס העלפט נישט פון געבעט די טרער.
בנימין איז איר איינציקער באַגער.
איך האַלט נישט, אַז דער שידוך קען געראָטן,
דער וועג איז פאַרצויגן מיט שטעכיקע דראָטן.
איך וועל מיין טאָכטער אויף אַ וויטע רייזע שיקן,
וועט זי אפשר די ליבע צום יידישן בחור
פון האַרצן אַרויספליקן...

דוד אין געצוימטן צאָרן רופט זיך אָפּ:
מיסטער קינג, איר האָט אַ קלוגן קאָפּ,
נאָר אין אייער האַרץ ברענט נאָך אַלץ
פון אַלטער שנאה דער דאָרן.
פאַרוואָס זענט איר פאַרקלעמט?
אייער סעלמאַ האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט
אין קיין פרעמד...

מיסטער קינג,
אין אייער ליכטיקן געדאַנק
מעקט פון שנאה די שרעק,
און פאַרשעמט נישט מער פון ליבע
דאָס הייליקע געשאַנק.

מיסטער קינגס בריעמען
גרוילעך־געדיכט,
בלענדן אין בלוילעכן שיין
פון שאַרפן שויבנליכט.

אין שטילן צימער
מיט געמעלן פול,
אומעטיקט מיסטער קינג
אין דער גרין־פּלושענער שטול.

ביים טיש

מיסעס קינג אין אַ פּלאַטערדיקע זיידענע שאַל,
פאַרבעט די געסט אין העל־באַלויכטענעם זאַל.
מיסטער קינג לאַנג און דין,
שפּרייזט פאָרויס גיך און גרינג.

די זון לעקט דעם רויטן ווייַן אין די גלאָזן.
מיסעס קינג רעדט היימיש־צוגעלאָזן:
מיין פרענק מיינט נישט קיין שום שאָדן.
פאַרזוכט פון מיין אייגענעם געבאַקענעם פלאָדן.
גוט וואָלט געווען, ווען מיין מאַן זאָל שווייגן,
און די יונגע פאַרליבטע קינדער קיין שטיינער נישט לייגן.
צעבראָכן זיינען
די צוימען פון שטיין און שטאָל.
גאָט צו דאַנקען, מיר לעבן
שוין מער נישט אין פינצטערן אַמאָל.

מיסעס קינג שמייכלט הימלעך:
לאָמיר מיט ליבשאַפט וואַרעמען
די צווײ שײנע, יונגע ביימלעך...

מיסעס קינג טרייסלט
מיט דער קרוין פון אירע
רויטע, געדיכטע האָר,
וואָס צינדן זיך אין גלי
פון רייפע, רייצנדיקע יאָר.

אין אירע אויגן שוואַרצלעך־בלוי,
לויכט דער גלאַנץ פון קילן טוי.
ווי סעלמאַ איז זי גליך און גראַציעז,
און איר אַרט נישט, וואָס
איר טאָכטער איז נישט רעליגיעז.
דאָס ווייכע, וואַרעמע ליכט
ציטערט אויף איר ראָז געזיכט.

מיסעס קינג לאַכט אויפגעלייגט און פריידיק.
צו פרי האָט מיין מאַן פון בענקען זיך אויסגעליידיקט.
פון ליבע די איידעלע געפילן
אין זיין האַרץ שוין מער נישט שפּילן.
פון זיין נעכטן ער האָט שוין
ווייט אָוועקגעשפּאַנט.
איז זאָל דאָס איצט אים
ווערן דערמאָנט:
די ליבע איז ביי אים
נישט געווען קיין הוילע נוס.
אין זיין יונגן בלוט לויטער
איז געווען די פרייד
פון זיסער גלוסט.
זאָל זיך מיסטער קינג דערמאָנען,
ווי ער פלעגט אָן אויפגערוישטער
צו מיין עלטערנס הויז שפּאַנען.

אמת, ער איז געווען שיין און יונג.
גרינג און גלוסטיק האָבן זיך
געגליטשט די ווערטער
פון זיין גלאַטיקער צונג.

איך האָב געשוויגן ווען
מיין מאַמע האָט געשריגן:
צו וואָס טוט דיך טויגן
אַזאַ הויכער יונג
מיט אַזוינע זינדיקע, זאַמדיקע אויגן?

מיסטער קינג פאַרוועבט
אין אַ טוך פון בלוילעכן ליולקע־רויך,
לאַכט לוסטיק און הויך:
און מיין מאַמע האָט
געהאַלטן אין איין טענהן:
איך וויל נישט זאָלסט
מיט בעטין אַרומשפּאַנען!
די מויד האָט טאָקע אַ גלאַט־ראָזלעכע הויט.
נאָר זי איז אַ פייער־בראַנד,
זי האָט גאָרנישט קיין שאַנד.
גאַנץ פרי לויפט זי אַרום
אויף דער לאָנקע אין אַ קליידל
פאַרשאַרצט ביז איבער די קני.
געדענקסט, וואָס עס איז געשען,
ווען מיין מאַמע האָט דיך דערזען
אין קורץ־פאַרריסענעם קלייד?
זי האָט געטאָן אַ געשריי:
פרעד, נעם די מויד
און גיי!...

בעטי טייערע, איך שעם זיך גאָרנישט
מיט אונדזער היימיש־דאָרפישן טאָל,

און מיט די סודות פון אונדזער ליבע,
אין די טעג פון אונדזער יונגן אַמאָל.

פונדעסטוועגן מעגסטו מיט מיר איינשטימען,
אַז קיין ענגלאַנד, צו אונדזערע קרובים,
זאָל סעלמאַ זיך דורכשווימען...

טיי, טאָרט און וויין,
פון פאַרשעמט־זיין,
דער ווײ שווימט
אין העל־בלוילעכן שיין.

פאַרקלעמט

נאַכט.
ווייסע שאָטנס ליגן אויפן גאַס און
וויגן דאָס לבנהדיקע זילבערנע פאַס.
דבורה זאָגט:
מיסעס קינג איז צוגעלאָזן, היימלעך,
און איבער סעלמאַן און בנימינען
זי וואַכט, ווי איבער צוויי
צעפּרילינגטע יונגעביימלעך.

נאָר איך בין פאַרקלעמט,
ווייל מיסטער קינג האָט
אונדז ווי געטאָן און פאַרשעמט.
איצטער טו איך שוין פאַרשטיין,
פאַרוואָס סעלמאַ האָט נישט ליב
די שלוה אין מיסטער קינגס מויערל פון רויטן שטיין.

זי איז יונג אין יאָרן,
זאָל זי פאָרן, און זען
די ברייטע וועלט.

סיי ווי וועט זי בויען איר היים,
ווי איר געפעלט.
אין דודס האָרץ דער טרויער טרערט:
פאַרוואָס איז ביי מיסטער קינג
סעלמאַס ליבע פאַרווערט?

נאַכט.
אין בלוי פון די הימל־שויבן
שימערן די שטערן, און שלינגען
דאָס קאַלטע זילבער
פון די שנייאיקע שטויבן.

געזעגעניש

אין די אויגן דער טרויער קוועלט.
אַזוי פאָרט סעלמאַ זען די פרעמד־ווייטע וועלט.
הויך־הילכיק אין פאָרט דער טומל.
סעלמאַ אין געוויין מורמלט:
בנימין טייערער,
פון די ווייטן, אויף די הענט
פון שטילע, געטרייע ווינטן
וועט די בענקשאַפט רייטן.
פאַר מיין טאַטן וועט ווערן קלאָר,
אַז אַלע מיינע יאָר וועסטו זיין
מיין לויטער־ליכטיקע וואָר.
אַרום זיי די משפחה שטייט.
בנימין קושט איר געזיכט,
און זיינע ווערטער טראָגן
טרייסט צו פאַרשטילן דעם וויי:
סעלמאַ טייערע,
דער קורצער צעשייד
וועט נישט פאַרלעשן
פון ליבע דאָס הייליקע ליכט.

הילכיק־הויך אין פּאַרט דער טומל.
סעלמאַ מורמלט:
בנימין, מיין איינציקער,
איך וועל ווערן דיין פרוי.
איך וועל זיין דאָס גרינע פעלד
פון ליבע, וואָס טראָגט פרייד
אין די זילבערנע טרערן פון טוי.

אָפּשייד.
סעלמאַ צו דער שיף
אַ שטאָלצע, אַ שמייכלענדיקע גייט.

אויפן שיף

דער ים דער בלויער
לעשט נישט אין סעלמאַן
דעם גלי פון טרויער.
מעת לעתן גייען אויס אין געיאָמער
פון ימיקן ברויז.

די שיף אָנגעלאָדן מיט שרעק
קייקלט זיך צו אַ וויטן בלויען ברעג.
אויפן אַכטן טאָג אין זון־ראָד
פון באַגין, געפינט די שיף
די פאַרנעפּלטע שטאָט.

אין שטאָט

פון פרייד דאָס האַרץ טרערט,
ביים ווידער באַרירן די ערד.
עס שמעקט דער זיסער ריח
פון דער פרימאָרגן־זון.

סעלמאַן איז ליב אַצינד
איר אייגענער טראָט, וואָס
ציט זיך אין געברום
פון דער ריזן־שטאָט.

אַ בריוו פון לאָנדאָן

א.

מיין טייערער בנימין,
איבער לאָנדאָן, אין נעפּל רויכיק און גרוי
טרייבט זיך אַ ווינט פייכטיק און רוי.
צווישן פאַרסאַזשעטע מויערן־ווענט
גליווערט דער קאַלט־שטייניקער פּאַרלאַמענט.
אין לאָנדאָן דער פאַרכמורעטער שטאָט
פון טראַדיציע און קולטור
ציט זיך די טעמזע,
ווי אַ שוואַרצער וואַסער־שנור.
איך קען אין וואָרט
נישט באַשרייבן די שרעק
פון לאָנדאָנער טורעם —
דאָס אָרט פון מאַכט און מאָרד.

צווישן שווערע שטיין־ווענט,
אין אַלקערן טונקל און קליין,
פאַרמשפּטע ווערן פאַרקלעמט.

שלום שטערן

די קאַמערן מיט פּאַנצערן
שפּיזן און שטאַנגען
האָבן פאַרשלונגען די יאָמער־געוויינען,
ווען מען האָט דאָ מיט אייזערנע צוואַנגען
געבראָכן פון פאַרמשפּטע די געביינען.

אין אַן אויסגעקיילעכטן קלאָץ
פרעסט מען אַריין דעם פאַרמשפּטנס קאָפּ,
און אונטער דער געשאַרפטער האַק,
פאַלט אין אַ זאַק דער פאַרבלוטיקער קאָפּ...

אויף די וואַכן, אין אַלט־מאָדישע מונדירן,
שווערן די פאַרצייטישע געווערן.
די טוריסטן לאַכן אויף אַ קול
פון קעניג און לאָרד פון אַמאָל.
זיי אַרט נישט, וואָס אויך היינט
טוט מען אין קעלערן פון מאָרד
ליכטיקע לעבנס פאַרוויסטן.

שפּעטער, אַרום טישן זאַטע,
פאַרגעסן טוריסטן קעלער און גראַטע.
איך קוק אויפן בריטישן לייב,
און אויך איך ביי טיי און טאָרט
פאַרטרייב פון זיך דעם שוידער
פון מאַטער און מאָרד.

לאָנדאָן טראָגט נאָך די צייכנס
פון מלחמה־גרויל, דאָך
איז דאָ היימיש און וואויל.

טייערער בנימין, קיינער וועט אונדז
קיינמאָל נישט קענען צעשיידן.
דיין סעלמאַ, וואָס טוט אין בענקשאַפט
יעדן טאָג מיט דיר ריידן.

אַ בריוו פון די אַלפּן

ב.

טייערער בנימין,
אַ ריזיק־הויכער אייז־פּאַס
איז „מעער דע גלאַס".

אויף די זילבערנע אַלפּן־שפּיצן
פאַרפרוירענע שטערן זיצן.

צווישן בערג פון פעלדזיקן געביין
גרויט אַ קלויסטערל פון רונד־געטעסעטן שטיין.

איבער דער פאַרגליווערטער „יונגפרוי"
אין ווייסן טרויער,
וואַכט דער נאַכטיקער הימל
דער בלויער.

איך שווענק מיינע הענט
אין די טרערן פון אייזיקן שטאָל,
און בענק נאָך מאָנטרעאָל, וואָס
רוישט ביי די ברעגן
פון טייכיקן טאָל.
דיין סעלמאַ, וואָס די ליבע
מיט איר גנאָד וואַרט
אויף מיר אין מיין געבוירנשטאָט.

אַ בריוו פון ישראל

ג.

מיין טייערער בנימין,
אַט דאָ אין ישראל
לייען איך דאָס וואָגלען פון יידן, וואָס
זיינען צעוואָרפן אין לענדער ווייט און פאַרשידן.
טרויערן געדיכטע זיינען די בלעטער
פון דער יידישער געשיכטע.

אַצינדער, יידן אַנטרונען פון יאָרן
אין גלותן פאַרקלעמט, האָבן
אויף דער וויסט פון זאַמד און שטיין
ווידער געפונען דעם פונדאַמענט
פון זייער אייביקער היים.

דעם שווערן שטיין האָבן חלוצים צעריבן.
איצטער ליאַרעמען די שונאים:
מיט דער געבענטשטער מלחמה־שווערד
זאָל ישראל פאַרטריבן ווערן פון דער ערד.

חלוצים זייענן דאָ געשטאַנען
אין זומפּ ביז די קני.
איצטער בליט דאָ דער נס
פון יידישער מי.

אויפסניי איז געוואָרן געבאָרן
לאַנד פון שטיין און דאָרן.
ערד רויט פון זון און זאַמד
איז ווידער פאַרצויגן
מיט אַ גראָזן־הויט.

די פּרוכטיקע ערד
איז מיט יידיש בלוט
דורכגעטרערט.

דער שונא וויל פאַרדאַרבן,
נאָר ישׂראל איז אויף אייביק
ווידער געקומען דאָס לאַנד
צו אַרבן.

עס איז אַ וועג באַשטאָכן
מיט שאָטנס פון טרויער.
נאָר קיינער וועט נישט
צעברעכן דעם גאַנג
פון די גלויביקע בויער.

ליכטיק זיינען די טעג
פון זאַנגען־שניט, וואָס

בענטשן מיט געזאַנג
די מיענדיקע טריט.

דיין סעלמאַ וואָס בענקט
נאָך דער קאַנאַדער ערד,
און גלויבט אַז גרויס פרייד
איז אונדז דאָרט באַשערט.

ביי דער כותל

ד.

מיין האַרציקער בנימין,
צו דער כותל פון טרערן הייליק,
פירן טריט אומרואיק און איילִיק.

אויף הויט פון שטיין
מאָכיק און גרוי
ברענט אַ שטראַל —
אַ דין־גאָלדענע שטרוי.

יידישע תפילות פירן
צו הימלען אָן פענצטער, אָן טירן.
מאָך אויף אַלטן שטיין
שלינגט דאָס געוויין:
אַז אין שלוה זאָל שטיין
די אויפסנייַ־געבויטע היים.

דיין סעלמאַ, וואָס אין געבעט
די כותל זי באַטרערט:
אַז איבער קיינעם זאָל קיינמאָל
דאָ נישט הענגען מער
די שאַרף פון דער שווערד.

זומער־רו

אין דודס גוף אָפּגעצערט און שוואַך,
בענקט דאָס ליד נאָך שטילע טריט,
וואָס שטויבן אויפֿן וואַלדיק־זאַמדיקן שליאַך.
אין אַ דאָרפֿיש שטיבל אַרומגענומען
מיט בערג פֿון שטיין,
דער הימל רויט — אַ טייך
מיט זון פֿאַרגאָסן.
פֿאַרוואָס־זשע איז די פֿרייד
פֿאַרן מענטש אייביק פֿאַרשלאָסן?

די שלוה שווימט
אויף דער גרין־ליכטיקער ערד.
פֿראַוואָס איז איטלעך איינעם
אַזוי פֿיל פּיין באַשערט?

עס ליכטיקט דאָס זאַנגען־פֿעלד.
פֿאַרוואָס־זשע פֿעלט
ברויט צו דער זעט?
דער מענטש מיטן צעבראָכענעם געמיט,
פֿרייט זיך נישט מיט דער ליכטיקער שיין,
וואָס די זון מיט אירע גאָלדענע טריט
אויף די וועגן פֿאַרשפּרייט.

ווי אַזוי קען איך דעם אָרעמען און פֿאַרשטויסענעם
מיט מיינע לידער דינען?
אַז איך קען קיין רו
פֿאַר זיך אַליין אין ערגעץ
נישט געפֿינען...

דאָס ליד פֿאַרטרייבט נישט
דעם טרויער פֿון געמיט.
מיינע טעג ווערן נישט יינגער.

איז ווער וועט אויף יידיש זיין
פון די אָרעמע און פֿאַרשטויסענע דער זינגער?

טרויער בויערט אין געדאַנק:
ערשט נישט לאַנג.

יידיש

אין שטעטל ביי יונג און אַלט
האָט דאָס יידישע וואָרט
געהיימישט אויף דער צונג.

אויף די האַרציקע יידישע ווערטער
האָט גערוט די שכינה,
ווען די טרערן פון אונזערע מאַמעס
זיינען געפאַלן אויף די בלעטער
פון דער תחינה.

יידן מיט יידיש אין מויל
זיינען גייסטיק נישט געווען הויל.

אומעטיקער גמרא־ניגון
האָט איטלעך יידיש וואָרט
שטיל־פֿאַרבענקט געגלעט.

אין פיין, אין גלויבן
האָט צו די הויכן זיך געהויבן
מיין טאַטנס יידיש־האַרציק געבעט:
— רבונו־של־עולם, אויף אונדזער לייב
איטלעך איינער טרעט.
איז טאַטע ליבער,
הבט משמים, און באַשיץ
אין שטעטל אַלע יידישע שטיבער.

דער יידישער אַרבעטער איז מיט יידיש
אין אַלע שטריכן געגאַנגען,
און אויסגעטרוימט אַ פרייע
פרידן־וועלט אין פלאַמיקע
יידישע געזאַנגען.

דער פרומער פּשוטער ייד
האָט מיטן יידישן וואָרט
געטריבן דעם טרויער
פון צעבראָכענעם געמיט.
— — — — — —
נישטאָ מער דאָס שטעטל.
ערגעץ־וואו טראָגט דער ווינט
פון אַ יידישן ספר אַ פאַרבלוטיקט בלעטל.
יידישע באַלמעלאָכעס מיט נאָדל און
שער, מיט האַמערס, העק און זעגן
שטויבן מער נישט אויף די זאַמדן
פון די אומעטיקע דאָרפישע וועגן.

פאַרשטומט פון יידישן וואָרט
דער ציטערדיקער קלאַנג.
יידישע קינדער הערן מער נישט
פון יידיש דאָס פאַרבענקטע געזאַנג.

דאָהי פון יונג און אַלט
קיין יידיש וואָרט גליטשט זיך
מער נישט אַראָפּ פון דער צונג.

אויף יידיש טוט קיינער
מער נישט גאָט בעטן.

די טרויעריק־געוואָרענע יידישע ווערטער
טוט קיינער מער נישט מיט ליבשאַפט גלעטן.

שלום שטערן

ביים ייִדישן פּאָעט
דאָס האַרץ ווערט פאַרצאַפּלט,
ווען ער הערט אַ ייִדיש קינד
אַ פּאָר ייִדישע ווערטער פּלאַפּלט.

ייִדישע פּאָעטן: אונדזערע טריט
אויף די שאַרפן פון גלאָזן.
אונדזער בלוט טריפט אויפן טוי
פון די קילע גראָזן.

דאָס ייִדישע וואָרט וויינט
ביים ייִדישן פּאָעט אין מויל.
זיין ליד באַוויינט פון חורבן
דעם גרויל...

דער ליכטיקער וואַלד,
דערמאָנט דודן אין דער באָבע שרהס
טרויעריק געשטאַלט.
אין זכרון באַוויזט זיך ווידער דאָס שטעטל,
ווען די נאַכט הויבט אָן אַנטרינען,
און אויףביימער און שויבן
שווימען די פייערן פון באַגינען.
דער רויטער מאיר מיט די פולע קאַנען
אין דער בלאָטע טאָפּטשעט.
ביים לעמפּל, וואָס קאָפּטשעט
אין קיך, שאָרכעט די באָבע
מיט די אַלט־געלאַטענע שיך,
און כליפּעט:
גאָט דערבאַרעמדיקער,
איך שרה די אלמנה בעט אויף געזונט,
אויף שלום און זעט.
וואָך איבער מיר, ווען
איך שפּריז גאַנץ פרי
אויפן דאָרפישן שליאַך.

גאָט דערבאַרעמדיקער,
פון די אָרעמע מענטשן
מיט די מיענדיקע הענט,
דו — אין גרויס גנאָד,
פאַרטרייב דעם עלנט
פון זייערע איינגעהויקערטע,
טרויעריקע פיר ווענט.

אב הרחמן, לייטזעליק מיך אין די אויגן
פון די פויערים, אַז איך זאָל זיך נישט
דאַרפן הײנט פאַר קיינעם אין תחנונים בויגן.
פאַר מיינע זיבן יתומים אין דער ענגער, קאַלטער שטוב
איך דאַרף יעדן טאָג אַ שטיקל שוואַרץ ברויט
מיט אַ קאַרטאָפל־זופּ.
גאָטעניו, הייל אין מיר יעדן וואונד,
שיק מיר שטאַרקונג און געזונט.
איך בין אָרעם, צעבראָכן און שוואַך.
די שלאַבעריקע טריט פון אַן עלנטע אלמנה
היט אויפן סכנותדיקן שליאַך.

רבונו־של־עולם, שוין צייט גאָר,
אַז משיח זאָל קומען דאָס הײנטיקע יאָר.
אָמן!

הויך איז אין פעלד פון ווייצן די שטרוי.
אויפן גרינעם טישטעך פון גראָז
לויכטן די קאַלטע פערל פון ווייסן טוי.

אין טאַנץ־האַל

א.

בלוי און בלינד ליגט די נאַכט
אויפן שטילן וואַלדיקן שליאַך.

אין דערפל שיינען די אויפגעלויכטענע שויבן.
אין טאַנץ־האַל, אין רויך פון די שטויבן,
שרייען די גלוסטן, וואָיען די פּיינען.

ראָק־און־ראָל —
געיאָמער איז דאָס גאַרנדיקע קול:
די וועלט איז מער נישט ברייט,
די ערד איז קליין.
דעם ווייטיק פון רייד
פאַרצוים מיט די שאַרפן
פון די אייגענע ציין.

יונג געביין
און עלנט־אַליין.
נישטאָ קיין ציל!
איז וויג און וואַרף זיך אויפן דיל
און העשע אין ויסטן געוויין.

די וועלט איז אָן אַ סדר.
יאָמער און רייס פון זיך די קליידער!
מענטש, זאָל די פינצטערניש
איבער דיר זיך וויגן!
די קליינע געפרוירענע שטערן
וועלן נישט צעזעגן
די שוואַרצע, שווערע שאָטנס,
וואָס ליגן אויף די וועגן.

איז, מענטש, זאָל עס דיך נישט אַרן!
פֿאַרלעש אין הימל דעם בלויען שײַן,
און גרינגער וועט דיר זײַן
די טרערן פֿון פּײַן פֿון די אויגן
אַרויסצושפּאַרן.

די וועלט איז ווילד און דול,
די וועלט איז מיט שרעק און צאַרן פֿול.
איז גוף מיט גוף צונויפֿגעקלעמט!
מיידל, טאַנץ אין בלויזן העמד!

ב.

נאַכט און שפּעט.
דוד זופּט די זיס־וואַסערדיקע קאַווע
און זעט: גאַרבדיקע צונג אין מויל —
אַ פֿייער־קויל.
גלוסטונג אין גוף — קאָכעדיקע לאַווע;
אדם — הויל,
נאַקעט — חוה.

היי, „באָדי״, דײַן באָרד געלט
פֿון דעם הייסן ציגאַרן־אַש.
זשאַלעווע נישט, גיס דעם בראָנפֿן
פֿון דער פֿולער, גרויער פֿלאַש.

היי, „באָדי״, זינג דײַן ניי, גלוסטיק געזאַנג,
נישט שעלט און נישט בענטש!
געדענק, אַ פֿאַרלוירענע זאַנג אין פֿעלד
איז דער היינטיקער מענטש!

איז זיי נישט קיין גלאָמפּ!
פֿליק אַראָפּ פֿון דער סטעליע דעם לאָמפּ,

און זאָל דער לעצטער, גאָלדענער בלענד
אויסגיין אויף דיינע גאַרנדיקע הענט.

היי „באָדי״, ביסט נישט אין קיין ווּיסטער פרעמד,
ביסט דאָ פון קיינעם נישט פאַרשטויסן און פאַרשעמט.

דאָס איז דיין היים,
געדענק, פּיס זיינען
נישט קיין שטיקער ליים.
היי, „באָדי״, וואַרף אַריין אַ דיים
אין קאַסטן פון די פּליטן,
דאָ איז פון וועלט
דער סאַמע מיטן.
דאָ זיינען מיר אין הימל,
און פון די שטערן — דער זילבערנער שימל.

דאָ ביסטו נישט קיין פרעמדער.
דאָ בריען זיך די לייבער
אין די אויפגעכראַסטעטע העמדער.
היי, „באָדי״, די וועלט וועט ווערן פאַרוויסט.
וויג זיך, וואַרף זיך,
שפּרינג אַריין אין „טוויסט״!

דאָס לעבן הענגט
אויף אַ דינעם דראָט.
אַ פּייער־ראָד העל און ראָז
ציטערט אין לאָמפּן־גלאָז.
היי, „באָדי״, טרייב אַרויס
פון ליכט דעם בלענד.
וויקל אַרום מיין גוף
טרייסל די פּיס,
מיידל, עפן דייע ליפּן,
וועל איך זופּן פון דיין מויל
זאַפּט הייס און זיס.

ייִנגל, איך בין דייִן,
אין מייִנע גלידער
ברענט פון באַגער
דער פּייִן.

ייִנגל, וויג און וואַרף זיך
פלינק און גיך.
ייִנגל, איך גלי אין גלוסט
פון „טוויסט".
ייִנגל, דריק זיך שטאַרקער צו
און ברען אין הונגעריקן פייער
פון מייִנע הייסע בריסט.
ייִנגל ליבער, אין גלוסטיקן פיבער
טאַנצן איצט אין דרויסן
די שלאָפנדיקע שטיבער.

זויג זיך אָן מיט הייסער פרייד.
דער טויט ער גייט, און פּאַר איטלעכן
גריבער ער גרייט.

איז מענטש פון שרעק שטום,
פון דער ווייטער וויסט,
קער זיך אום.

דאָס קול וויינט און ברילט.
דאָס קול וואָיעט ווילד.
און מיט גלוסט אין אַלע גלידער
קלאָגן די טרויעריקע לידער.

ראָק־און־ראָל,
די ערד — אַ פינצטערער טאָל.
מענטש, נישט געקלערט!
שריי, איידער די וועלט
ווערט צעשטערט!

נאַכט און שפּעט.
דוד פרעגט:
פונוואַנען די פלוכט?

און ער טרעט
אין שטילן, קילן שאָטן,
צווישן די פרוכט־ביימער
אין גאָטס ערשטן, אויסדערוויילטן גאָרטן.
און די שלאַנג אין גלי פון גלוסט,
וויקלט זיך אַרום אַ גרינעם קוסט...
די זון אינדערהייך — אַ פייער־קויל.

און פון באַרג שלאָגט
רויך און לאַווע.
אדם — הויל,
נאַקעט — חוה.

אדם און חוה ווערן זיך באַוואוסט.
די שלאַנג טראָגט גרויל,
און שפּריצט געלן גיפט
אין מויל פון דער גרינער קוסט...

ערגעץ בליט גאָטס
פרוכט־גאָרטן פון אַמאָל.
דער מענטש זוכט די צייכנס
פון זיינע טריט
אין דער גרינער טיף פון טאָל.
די שלאַנג היט
דעם גרין־גאָלדיקן קוסט.
אין שרעק, אין גלוסט,
יונג און אַלט
אין געשטאַלט.
— — — — —

דוד אויפֿן שליאַך,
שלייכט און טראַכט
פֿון דעם טרויער וואָס
גליט אין דער חומשדיקער שפּראַך.

פּאַמעט, עפֿן פֿון חומש די בלעטער,
און זאָל ליכטיק ווערן
דער סוד פֿון דיינע ווערטער.
ביימער שאָטענען ביי די זייטן,
איבער די בערג פֿינצטערע וואָלקנס רייטן.

אין דער נאַכט
בלוי און בלינד
גייט דער שטילער
קילער ווינט.

ליכטיקער אינדערפֿרי

דאָרפֿישע שענק
מיט די בלוי־באַמאָלענע פֿליגל,
שווענקט זיך אין שיין
פֿון בלוי־טייכיקן שפּיגל.

אין דער גרינער וואַלדיקער שטיל
סודען די בלעטער דעם טרויער
פֿון דער מאַמעס טרערנדיקע ווערטער:
האָרך מיין זון,
תמיד און אומעטום האַלט מען אונדז
פֿאַר אַן עם נכר.
שוין טויזנטער יאָרן ווילן שונאי־ישראל
אָפּמעקן אונדזער זכר.

אזן אייביק די אָבות טוען זיך
פאַר אונדז מיען.
גאָט ברוך הוא וועט איינגיכן
פון אַלע גלותן אונדז אַרויסציען.
משיח, וואָס איז תמיד אויפן וואָגל־וועג
וועט מיטאַמאָל ווערן אַנטפּלעקט.

דעריבער אין פרייד, און חס ושלום אין געוויין,
דאַרף אַ ייד געדענקען, אַז ער איז נישט אַליין.
אין אָט דעם ספּרל איז פאַרשריבן
די וואונדערלעכע מעשה פון אַ לאַמעד וואָוו,
וואָס איז אויף שיפן דורכגעשוואומען
די שטורמישע ימען די זיבן.
ער האָט געוואַנדערט אין מדבריות,
אין שטעט, אין לענדער,
און קיינער האָט נישט דערקענט,
אַז ער איז אַ וואַנדערער אַ פרעמדער.

וואַלד, שעפּטשענדיקע שטיל.
די מאַמע טאַפּט די פינטלידקע אותיות
מיט דער בריל.
אירע אויגן טרוימען און שיינען.
טרויעריק נאָגט דער ניגון
פון איר שטיל־פרומען לייענען:
לאַמעד וואָוו — אַ בעטלער
אין טרויער פאַרקלעמט,
שטויבט אין יעדער ווייטער פרעמד.
צייכנס פון משיחס טריט
אויף דער ערד, ער טוט געפינען.
נאָר משיח אַליין טוט פון אים אַנטרינען.
וועלדער און וועגן מיט דאָרן פאַרשטאָכן.
דאָס האַרץ פון טרויער צעבראָכן.

יאָרן אַנטרינען. יעדע נאַכט
חלומט זיך אים, אַז משיח
וועט זיך צו אים באַווייזן
אין ליכט פון באַגינען.
ביז איינמאָל מיד פון גיין,
ער נידערט אַראָפּ
אין אַ טאָל פון שטיין.

ווינט און וויסט.
וויי און וואָגל.
אַ רעגן גיסט.
עס קלאַפּט אַ האָגל.
און דער עלנט אין געביין
יאָמערט אין געוויין:
רבונו־של־עולם,
די יסורים זעגן אונדזער לייב.
ביי אַלע פרעמדע טייך־ברעגן
אונדזערע טרערן ריגען.
די צייכנס פון משיחס טריט
באַווייזן זיך און אַנטרינען...
אַלע הימלען שטומען.
קיינער אַנטפּלעקט נישט
דעם סוד פון משיחס קומען.

אין טאָל פון שטיין טראָגט זיך אַ קול:
לאַמעד וואָוו, דיין האַרץ אַ לאָגל געוויין.
דיינע טעג וואַנדערן און וויינען אויפן וועג.
משיחס פּיין טוסט מערן,
מיטן טרויער פון דיינע טרערן.
טרעפן משיחן דו גאַרסט,
וואָגלסט, און אויף אים דו וואַרטסט.
אין טרויער פון גיין אַליין,
זיי מער נישט פאַרשפּאַרט.

קער זיך אום אַהיים צוריק,
און פֿאַרנעם דאָס געשריי פֿון צער
פֿון אַלע, וואָס ווערן
פֿון אכזריותדיקע הערשער געדריקט.
גיי אין דער נידער צווישן די אָרעמע ברידער,
דאָרט וועט ער פֿון דיר נישט אַנטרינען.
אין גליק פֿון גלויבן זאָלסט דאָרטן
דיינע טרוימען שפּינען.

משיחן וועלן דערזען אַלע יידן,
וואָס וועבן די הייליקע שלוה פֿון פֿרידן.
אויסגעלייטערט דער אַרום.
עס שטומט דאָס קול
אין פֿעלדזן־טאָל.
דער מאָרגן בלויט אויפֿן שליאַך,
און פֿאַרמעקט דעם שאָטן
פֿון סוף־נאַכט.

פֿרילינג. דאָס בעז — בלוי.
זיינע טריט, וואָס בענקען
נאָך ווייב און קינד,
שווענקען זיך אין טרערנדיקן טוי.

אין פֿרייטיקדיקן פֿרימאָרגן
וואָך און אָפּן,
איז דאָס שטעטל אים אַקעגנגעלאָפֿן.

פֿרייטיק פֿרי.
היימיש איז דאָהי
אין מאַרק דער שטויב,
און פֿון יעדער שטוב די שויב.

היים דאָס דינגעניש ביי די שטעלן,
נאָר דער שבת קודש קושט שוין
די יידישע שוועלן.

און מיט אַ האַרץ מיט בענקשאַפט אָנגעקוועלט,
שטייט ער ביי דער אייגענער שוועל
און הערט זיין ווייב תפילהט און טרערט:
גאָטעניו, אין די גערטנער שמעקט
שוין דאָס בעז.
זאָל געשען דער נס,
אַז איך זאָל נאָך זוכה־זיין
מיין מאַן צו זען.

זיינע טריט שאָטענען אויפן דיל,
און דאָס ווייב דערקענט זיין קול,
וואָס שעפּטשעט אין דער מאָרגנשטיל:
מיטן שטויב פון וועגן פיל, איך קום צו דיר.
השם יתברך האָט דאָס געבעט פון טרערן פאַרנומען,
און לאַנגע יאָר פון געזונט און שלוה
וועט ער אונדז באַשערן.

פאַר אַלעמען גלייך
האָט גאָט זיין וועלט געבויט.
דעריבער טאָר מען נישט בלייבן שטום
צום געשריי פון פיין און נויט.

איך בין אַ ייד מיט אַלע אָרעמע יידן גלייך,
וואָס בענטשן יעדן טאָג דאָס ברויט
און דאָס קילע וואַסער, וואָס קוואַלט
פון דער טיף פון קלאָרן טייך.

איך טראָג אין זיך
פון יסורים די שפּראַך.
איך בין געווען אַ פאַרוואָגלטער ייד
מיט די טריט פאַרקריצט
אויפן זאַמדיקן גרוי פון וועלטישן שליאַך.

מיין ווייב, פון ווייטן איין־אַליין
איך ברענג צוריק די פרייד
פון ווידער האָבן אַ הויזגעזינד און אַ היים.

ווייב און קינדער ווייגען און שטוינען,
און עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי טרוימען...

לאַמעד וואָוו דערציילט

פאַרנאַכט.
דער שבת קודש שיינט דורך אַלע שויבן.
אין בית־המדרש זינגט אין בענקשאַפט
פון שיר־השירים — דאָס לעכצנדיקע געזאַנג.
דער ארון־קודש בלענדט אין די גאָלדענע שויבן
פון רויטן זונפאַרגאַנג.

אין לאַמעד וואָוו דער טרויער קוועלט.
יידן ווילן וויסן וואָס עס טוט זיך
אויף דער ווייטער וועלט.
שטייט ער צווישן עולם אינדערמיט,
און דערציילט מיט אַ געבראָכן געמיט:
דער אָרעמאַן טראָגט אומעטום
דעם שווערן יאָך.
אין יעדער מדינה האָב איך געזען
פיל אומגליק און בראָך.
דער פויער האָט נישט קיין אייגן פעלד,
אַפילו נישט קיין אייגן ברעטער־געצעלט.
מלכים און האַרן דעם ווידערשפעניקן
אין שטיינערנע קעלערן פאַרשפאַרן.
יידן מיינע, מען דאַרף נישט זוכן אין דער וויט.
אויך דאָהי, אויף די אָרעמעלייט דער רייכער רייט.
אויך צווישן יידן פעלט אַ גערעכטער סדר.

דער זאַטער צירט זיך אין זיידענע קליידער,
אין זיין שיינער שטוב, ער טראָגט ווייכע, וואַרעמע פאַנטאָפל.
און דער אָרעמאַן האָט אַפילו נישט אויף קיין זופּ קיין קאַרטאָפל.
חרוב־קראַנקע פרירן אין שטיבער מיט שויבן
פאַרשטאָפּטע מיט זעק.
אָרעמלייט ווערן פרי פון לעבן אויסגעמעקט.

גאָט האָט זיך אין די הימלען נישט פאַרבאָרגן,
גאָטס רחמים איז אין ליכט פון מאָרגנאויפשיין,
און ער וועט נישט פאַרגעבן קהל, וואָס
דערהאַלט נישט ביים לעבן די אָרעמע נפשות
אין הונגער־טאָל.
אַזוי פיל אומגליק אויף דער וועלט פאַראַן.
אין רויש פון רעגן טראָגט זיך
דאָס ביטערע געוויין פון אָרעמאַן.
מיר יידן דאַרפן וויסן,
אַז דער רבונו של עולם וויל,
אַז דאָס געפיל פון רחמים
זאָל אין איטלעך יידיש האַרץ פליסן.
און ווען אַלע אומות וועלן אָנהויבן פאַרנעמען
פון די באַצערטע די שפּראַך,
וועט דאָס זיין אַ באַוויז,
אַז אויפן שליאַך פון דער וועלט
משיח צדקנו שפּרייזט...

דער עולם באַגערט:
צו וויסן פון דער וועלט
וואָס מער.
נאָר לאָמעד וואָוו זעצט זיך
אויף זיין אָרט.
און פון זיין גרוי־געדיכטער באָרד
פאַלט אין אָפענעם סידור אַ טרער.

בערל שוסטער

אויף צומאָרגנס,
מיטן שוסטערישן געצייג
אויפֿן דאַרן געביין,
צו היימישע דערפֿער
לאָמעד וואָו לאָזט זיך גיין.

צוריק אַ שוסטער, ווי אַמאָל
מיט דראַטווע, לעדער, פּאַדעשווע,
העמערל און אָל.
דאָרף איין, דאָרף אויס,
ציט דער אומעט פֿון זיין קול
אַלעמען פֿון די כאַטעס אַרויס:

איך בין בערל אייער שוסטער.
איך האָב פֿאַר יעדן אַ שיינעם מוסטער.
שטיוול איך פֿאַרריכט
מיט דראַטווע און שטיפֿט
שטאַרק און געדיכט.

אויף בערל שוסטער הויך און דאַר,
איטלעכע אָרעמע כאַטע וואַרט.
און אויף היימישן, פֿויערישן לשון ער זאָגט:

ליבע מענטשן, איך בעט
אַ ביסל וואַסער די הענט צו וואַשן.
פֿאַר אַ פּאָר גראָשן, פֿאַר אַן איי,
אַן עוף, אַ ביסל קאַרטאָפֿל
איך פֿאַרריכט שטיוול און קאַמאַשן.

פֿאַרנאַכט ברענגט ער זיינע שווער-מאַטע טריט
צו אַ פֿויער אין אַן אָרעמער כאַטע.
דעם פּריצס שלאָס צווישן לאָנקעס
פֿון הויך-גרינעם גראָז.

דעם פּויערס פעלד מאָגער און שטייניק,
עסט דאָס הויזגעזינד קאַרטאָפל,
און פאַרטרינקט מיט געקאָכט וואַסער
פון בלעכענעם טשייניק.

פאַרטרויערט און וואַך
ליגט לאַמעד וואָוו
אויפן שטרוי־זאַק ביינאַכט.

לבנה בלענדט, און שפּאַלט
מיט איר זילבערנער האַק
די שאָטנס אויף די ווענט.

נישט באַווייקט די תפילה פון טרויער:
פאַרשפּאַרט איז פון רחמים דער טויער.
נישט באַגיטיקט דער באַגער
ער זאָל הערן משיחס טריט,
וואָס וועלן ברענגען גליק
אַלע אין קנעכטשאַפט געשמידט.

די טרער שפּאַרט:
רבונו של עולם,
איך קען נישט לעבן מער
אין צער.

שיין פון לבנה־שטיין
שטילט דעם פּיין
און לעשט דאָס לעבן
אין זיין געביין.

אויף שויב און וועגט
זילבערנער שטויב בלענדט.

דער פּויער יאָמערט דערשראָקן:
בערקע איך קען דיך נישט דערקענען,
טו אויס די ווייסע הויזן מיט די ווייסע זאָקן.

דאָס לבנה־ליכט איז פּייער
וואָס קען אַלץ פאַרברענען.
איך בין פון זעקס קינדער אַ טאַטע,
וואָס פאַרמאָגט נישט מער
ווי אָט די ברעטערדיקע כאַטע.

און נאָך בערלס נשמה וואָס
צום הימל שוין שפּאַנט,
כביכול אַליין שטרעקט אויס זיין האַנט.

— — — — — — — — — — —

דאָס פייער אַנטרינט.
און פון אויסגעשטערנטן הימל
דאָס נאַכטיקע בלוי,
רינט אויף דער לאָנקע
איינגעטונקען אין טוי.

פאַרשריבן אין פּנקס

אין פּנקס פון שטעטל
אויף אַ באַזונדער בלעטל,
לזכרון איז פאַרשריבן
דער שוסטער ר׳ בערל
איינער פון די לאַמעד־וואָוו, וואָס
האָט זיך אַליין אין וויסטע ווייטן פאַרטריבן,
איז נפטר געוואָרן יונג אין יאָרן, ווייל
זיין האַרץ, מיט טרויער אָנגעגאָסן,
האָט מער נישט געקענט דעם סוד פון קץ
אין זיך האַלטן פאַרשלאָסן.

ביים הייליקן נפטר האָט מען געפונען
אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר:
לאַחי בני העיר,

השם יתברך זאָל אייערע תפילות דערהערן,
אַז איר זאָלט פֿון רוצחישע הענט ניצול ווערן.
לאַנג וועט ברענען פֿון לעבן די קנויט,
אַז איר וועט העלפֿן איטלעך איינעם
אין נויט.

בזכות זה וועט איר האָבן
ביי גאָט די ווערט,
אַז משיח זאָל אייך פֿירן
קיין ארץ־ישראל, וואו הייליק
איז איטלעך זעמדעלע ערד.

דאָס איז די מעשה נפֿלא
פֿון איינעם אַ לאַמעד־וואָוו,
וואָס אין זייער זכות
האָלט גאָט צוריק
פֿון פֿאַרלענדונג די שטראָף.

די מאַמע רעדט

אין גאָרטן די בלום
שמעקט מיטן ריח
פֿון דער זון.
דוד וואַרפֿט קרישקעלעך ברויט
צו די פֿייגעלעך, וואָס
זיצן אויפֿן גרינעם פּלויט.

אין איר היימיש־שבתדיקן שטערן־טיכל,
פֿאַרוויקלט די מאַמע דאָס מעשה־ביכל
און פֿרום־פֿאַרטראַכט זי זאָגט:
די מעשה וועגן לאַמעד־וואָוו
אַ טיפֿן סוד אין זיך טראָגט.

דאָס איז דיר נישט
קיין באַשרייבונג
וועגן סתם אַ בשר־ודם,
דאָס איז וועגן אַ נסתר —
אַן איש תם וישר.

דער מוסר דערפון איז אַזוי:
גאָט האָט דעם מענטש
אַ האַרץ געגעבן, ער זאָל
העלפן די, וואָס אין אָרעמקייט לעבן.

דער רייכער, וואָס טוט אין חוצפה שפּאַנען,
מיינט אַז בלויז פאַר אים איז גאָטס גאָב פאַראַנען.
מיט זיין גאַנצן גאוהדיקן גלאַנץ,
וועט ער פאַרוויאַנען, ווי אין אָסיען גראָז און פלאַנץ.

פאַרהוילן זיינען פון די מעשות די ווערטער,
אין זיי ליגט באַהאַלטן דער סוד, וואָס
וואָס עס וועט זיין אין דורות שפּעטער.

די זון בלענדט און זעגט
מיט אירע העלע, הייסע שטראַלן
די שטום־שטיינערנע בערג־ווענט.

פערטער טייל

צוריק אין שטאָט

עס האַרבסטיקט

סוף אויגוסט.
דער טאָג קלענער און קילער.
דער וועג אומעטיק און שטילער.

די מאַמע זאָגט: קינדער,
אין אלול ליבער איז אין שטאָט
צווישן היימישע שטיבער.

לאָזט מען איבער דאָס בלוי פון די רוימען,
און מען קערט זיך צוריק אין שטאָט,
צו די שוואַרצע רויכן פון פאַבריק־קוימען.

אלול נאָגנדיקער און ליבער,
אומעטיקט צווישן די שטיבער.
די משפחה גייט אויפן הייליקן אָרט,
צווישן די פלויטן פון שטיין און דראָט.

אלול אויפן הייליקן אָרט

א.

אָנגעטרונקען מיט טרויער,
קומען מאַמע און זון
צום אָפענעם, אייזערנעם טויער.

אויף דער סטעזשקע שמאָל,
זאַמדיק און פייכט,
אַ ייד אַלט און קליין
שלייכט אין טאָל,
צווישן מצבהדיקן געשטיין.

אַ וועוועריקע היפּעט
און פאַרשווינדט.

אין שטילן טרויער
מורמלט דער ווינט.
די זון פון איר פייער־גלאָז
גיסט איר הייסן גאָלד
אויפן טיפן, טויאיקן גראָז.

אין חלום פון אייביקן טרויער
דרימלט דאָ די וועלט.
שטיל און ליכטיק
שטייען די ווייסע מצבות
אויפן גרינעם פעלד.

דער הימל אין בלוי —
אַ געפּאַרבטער דעקטוך געפלאָכטן
פון פעדעמער און שטרוי.
דער ייד אַלט און קליין,
זיפצט און זוכט
צווישן געשטיין.

דער ייד זיפצט:
אוי, מיין זון,
אַהער טו איך קומען,
צו זען אויף דער מצבה
אויסגעקריצט דיין ליכטיקן נאָמען.
אוי, מיין זון,
פאַר מיינע טרערן פון צער,
האָט גאָט די טויערן פאַרשפאַרט.
די זון איז פאַר מיר — אַ שוואַרצע שטאַרץ.
און די ווייטיקדיקע טרויערן
ברענען אין מיין האַרץ.
רבונו־של־עולם,
ביי דיר פאַר מיין צער
וועל איך מאָנען,

פאַר יעדן אות
פון מיין זונס נאָמען,
וואָס איז אַ זידנדיקע טרער
אין מיין פולן פּיינען־כּוס.

אוי, מיין זון,
די ערד אויף דיר
איז אַ פינצטערע טיר.
נאָר דאָס פעלד דאָ איז, ווי אַ גאָרטן.
יאָ, איך ווייס, דיין מאַמען
איז שוין וואויל.
מסתמא ערגעץ דאָרטן, אין גן־עדן,
זי זיצט מיט דיר אין אַ גרינעם טאָל,
און זי הערט פון דיין הייליק מויל
פון תורה דיין זיס־אומעטיק קול.

וואָר, זי זעט יעדן טאָג
דיין ליכטיק געשטאַלט.
אָבער פאַר דיין טאַטן,
די הימלען מער שוין נישט שיינען.
מיין גוף צעבראָכן פון פּיינען,
פאַר׳אָבל׳ט און אַלט.

דער ייד זיפצט:
אוי, מיין זון,
גראָז און מאָך
וויינען אויף דיין טאַטנס בראָך.

רבונו־של־עולם,
איך קען נישט מצדיק־זיין
דעם גזר־דין.
איך זוך און קען
נישט פאַרשטיין פון מיינע יסורים
דעם זין.

רבונו־של־עולם,
דו, וואָס ביסט אומעטום פאַראַנען,
ווי קען איך אַ בשר־ודם,
מיט דיר זיך אויסטענהן.

רבונו־של־עולם,
דיין הייליק פעלד
גרינט נאָך און שמעקט.
טו מיט מיר אַ חסד,
און זאָלן ווערן פאַרמעקט
די ווייטע טעג
פון ליכטיקן אַמאָל,
וואָס קלאָרן נאָך אַלץ,
אין דעם קוואַל
פון מיין זכרון.

ווארעם וואָס טויג מיר,
וואָס דו טוסט אין טרויער
מיר מערן פאַרוויסטע יאָרן,
אָנגעלאָגטע מיט טרערן.

נאָר אַ ייד וואָס מוז שוין
דעם שווערן צער טראָגן,
וועט אפילו מיט אַ געבראָכן געמיט,
סיי ווי זאָגן:
ברוך הוא וברוך שמו:
פאַר די גריבע גראָזן
אויף מיין זונס קבר,
אָנגעטרונקען מיט טוי.

— — — — — — — — — —

דער ייד טרעט
אויף דער גרין־פייכטער ערד.

און איטלעך אויסגערעדט וואָרט
פֿאַלט אויף זיין באָרד
לאַנג און ברייט, וואָס זילבערט
און בלענדט צווישן מצבה־ווענט.

ב.

איבערן פֿעלד קיל און פֿייכט,
שפּרייט זיך דער הימל —
אַ לויטערער טייך.
און איבערן בוים
הויך און גלייך,
אַ שוואַרצער פֿויגל
בלאָנדזשעט אין דער הויכער ווייט
און שרייט.

די מאַמע אַנגעשפּאַרט
אין טאַטנס מצבה־שטיין,
ציטערט אין טיף־טרויעריקן געוויין:
אברהם, שווער איז מיין געמיט.
אומעטום ליגט דער טרויער
פֿון דיינע פֿאַרשוואונדענע טריט.

דער טויט קיינעם נישט מייַדט.
דער מלאך־המות וואָס האַלט
תּמיד גרייט די שווערד
אין דער טיף פֿון זיין שייד,
פֿליט מיט זיינע שוואַרצע פֿליגל
איבער דער ערד פֿאַרשפּרייט.

אברהם, אין טרויער איך עס מיין שפּייז.
אויף דער שבת טרויעריק אין מיין שטוב שפּרייזט.

שלום שטערן

וואָר, דאָס לעבן איז טאַקע נישט געגעבן
אויף שטענדיק, נאָר ווי איז מיר, וואָס
מיין טאָג איז מיר געוואָרן אַזוי פרי פאַרענדיקט.

דער מלאך־המות ציט שוין
די שווערד פון זיין שייד.
אויף פינצטערע וואָלקנס
אויך צו מיר ער רייט.

רבונו־של־עולם, ווי יעדער מענש
בעט איך אויף יאָרן לאַנג.
איך וויל נישט פאַרשניטן ווערן
ווי אין סוף־זומער די זאַנג.
אָבער, ווען דער טויט וועט
די נשמה פון גוף אַרויסציִען,
איז אברהם, נישט קיין מלאכים,
נאָר דו אַליין זאָלסט מיר אַקעגנפליִען.

אברהם, אין טרויער איך וואוין.
אָבער דו לערנסט תורה,
און אויף דיין קאָפּ די ליכטיקע שיין
פון דער גין־גאָלדענער קרוין.
אוודאי אין גאָטס לויטערע הימלען
דו טוסט אַרומפליִען, איז געדענק
זאָלסט זיך באַמיִען
פאַר מיין גאַנץ הויזגעזינד.
און אידער עס ווערט שפּעט,
טראָג מיינע טרערן
צום כסא הכבוד און בעט:
אַז גאָט זאָל דערהערן,
און אונדז אַלעמען לאַנגע יאָרן מערן.

פול מיט געוויין
איז דער מאַמעס געביין:

רבונו־של־עולם,
מיין עלנט הויזגעזינד
מיט די פעדים פון לעבן
פאַרבינד.
פאַרמייד פון מיין האַרץ
דעם פיין פון זיין אַליין.
פאַרטרייב פון אונדזער לייב
יסורים און קרענק.
און רייס אַרויס די שנאה
פון אונדזערע שונאים, וואָס
טראָגן גיפט אין זייער מויל,
ווי בייזע שלענג...

רויט־געשלייפט דער הימל־רוים.
דעם טאַטנס מצבה טוליעט זיך
אין קילן שאָטן פון בלעטערדיקן בוים.

מאַמע און זון גייען צוריק
צום אָפענעם טויער.
מאַשינען דרייען זיך
און הילכן פון דער פאַבריק־מויער.

אין גרין פון גראָז
בלאָנדזשעט אַ שטעגל.
די זון זעצט אַריין אין זאַמד
אירע גאָלדענע נעגל.

די מאַמע ווערט קראַנק

זון אויף שטיין, גלאָז און שטאָל.
דער טייך בלויט און שלייכט אין טאָל.

אין טייטש־חומש, אויף די פאַרטרערטע בלעטער
פינטלען די קליינע, פאַרגעלטע ווערטער.
טייטש־חומש־ניגון מיט אומעט אַנגעזויגן,
בענקט נאָך די בני ישראל, וואָס
האָבן אין מדבר, אויף הייסע זאַמדן,
געצויגן צווישן גיפטיקע שלענג.

ניגון פאַרוויגט די מאָרגן־שטיל.
שורות שווימען אין דער מאַמעס בריל:

„ואלה הדברים" — זאָגן די הייליקע ספרים:
אַז אין אָט די רייד איז פאַרהאַן
אַ טיפער זין.
יידן אין גלות דאַרפן תמיד געדענקען
דאָס וואָגלעניש פון די בני ישראל
אין מדבר צין, וועט דער טרויער זיי
קיינמאָל נישט פאַרשווענקען.

בלעם הרשע האָט נישט געקענט שעלטן
ישראלס שלוהדיקע געצעלטן.
פון דעם לערנען מיר דעם טייטש
פון וואָרט צדק:
אַז דער אויבערשטער וואָס פירט די וועלט
מיט חסד, וויל אַז פון דעם אָרימאַן
זאָל מען נישט צונעמען זיין בגד,
און ער זאָל נישט הונגערן
אין זיין געצעלט.

ואלה הדברים:
אין די דאָזיקע רייד פֿאַרבאָרגט זיך
דאָס אײביקע ליכט פֿון גאָטס הבטחה,
אַז פֿון די בני ישראל וועט זיך
קיינמאָל נישט אָפּטאָן יצחק אבינוס ברכה.
דעריבער די שעלטער און פֿאַרוויסטער
פֿון יעקבן, וועלן ווי זייערע
שטיינערנע אָפּגעטער ווערן צעשטערט.

אין פֿייער פֿון זון־גאָלד שימערן
די שאַרכנדיקע בלעטער.
נאָגנדיקער ניגון ציגנדט
דער מאַמעס ניגונדיקע ווערטער:
„נישט קיין בוים, נישט קיין פֿעלד
אין מדבר, אויף גליענדיקע זאַמדן
איז געשטאַנען ישראלס געצעלט“.

מיט אַמאָל ווערן די ווערטער
אין דער מאַמעס טייטש־חומש פֿאַרמעקט.
דאָס פּנים געל און מיט טרערן פֿאַרפּלעקט.

אין אירע אויגן שווימט
דער דרויסן בלינד און שוואַרץ.
געשריי און טומל.
און די מאַמע מורמלט:
אוי דאָס האַרץ!

זי פֿיבערט און עס ציטערט
איר דערשראָקן קול:
אוי, דאָס האַרץ!
פֿאַרוואָס איז היינט דער הימל
אַזוי בלינד און שוואַרץ?

די זון גאָלדיקט
אין בלוי פון הימל־טאָל,
און פאַר דער מאַמעס אויגן
ווײַנען די אותיות
בלינד און שוואַרץ,
און זי מורמל:
אוי, דאָס האַרץ!

דער דאָקטער

דער דאָקטער האָרכט האַרץ און לונג
און זאָגט:
די קרענק, וואָס פאַרשפּאַרט
אין די אָדערן דאָס בלוט
ברענגט אָפט טויט אַלט און יונג.

די מאַמע איז זייער שוואַך.
זי נייטיקט זיך אין אַ שפּיטאָל מיט אַ נוירס,
וואָס זאָל זיין שטענדיק אויף דער וואַך.

האַרבסטיקער הימל הויך און העל.
דער מאַמעס פּנים געל און דאַר,
צוקט אין שטומען צער.

די מאַמע אין שפּיטאָל

די מאַמע קרעכצט:
נאָך אַ ביסל לעבן דער גוף לעכצט,
נאָר נישטאָ אויף וואָס צו האָפן,
ווען אין אַלע אברים קייקלט זיך אין פייער דאָס בלוט,
און איך שלאָף נישט אַפילו קיין האַלבע מינוט.

לאה טייערע, איך האָב ביי גאָט
נישט געהאַט די ווערט, אַז אַ טאָכטער
זאָל מיר ווערן באַשערט.
זאָג איך דיר אַצינד אַז ליב
ביסטו מיר געווען, ווי אַן אייגן קינד.
אויף דער ערד דער היגער,
דו ביסט צו מיר געווען נישט ווי אַ שנור,
נייערט אַ טאָכטער. און איך בין דיר
געווען אַ מאַמע און נישט סתם קיין שוויגער.

געדענק, פאַר דיינע שניר,
ברייט־אָפן זאָל זיין דיין טיר.
אין דיין הויז, אין דיין גאָרטן
מיט די בליענדיקע בעז־ביימלעך,
זאָלן, זין, שניר און אייניקלעך,
זיך שטענדיק פילן היימלעך.

פאַר דיינע שניר, ווי פאַר דיינע זין,
ליבשאַפט אין האַרצן שפּין.
אַז וועסט תמיד צו זיי רעדן אין גוטן מוט,
וועלן זיי זיין צו דיר, ווי טעכטער גוט.

פאַר איטלעך איינעם אַ וואָרט טראַג,
וועט ליב זיין דיר יעדער טאָג.

שלום שטערן

און דיר מיין זון, האָט גאָט באַשערט אַ פרוי,
וואָס נישט קיין סאַמעטענע סאַקן,
נישט קיין צירונג אויפן נאַקן,
נאָר דיין ליבשאַפט זי באַגערט.
אָבער אַ ווייב איז נישט קיין מויער.
טוסט איר אָן צער, וואָס ביסט אָפט
אין טרויער פאַרשפאַרט.

וואָר, אין יידישן הארץ וויינט תמיד די טרער.
וואָרעם יעדעס יאָר ווערן אין יידישן פּנקס
די גזירות און שחיטות מיט אַ בלאַט מער.
דאָך אויף גאָטס הילף האַלט אין איין האָפן.
ווייס, פאַרן פאָלק ישראל זיינען
די שערי־רחמים תמיד אָפן.

יידן זיינען שטענדיק אין וואָגל.
ווייל אונדזערע גויאישע שכנים
איז גרויס אין די אויגן
אין וואָנט אפילו אָן אייזערנער נאָגל.

אַצינד, כל־זמן דאָס אויג נאָך זעט,
אַ, גאָט דערבאַרעמדיקער, פאַר דיר זאָל אויפגיין
מיין געבעט: מיר זיינען די טשערעדע
שאָף און רינדער. פאַרמייד שרעק און פיין
פון כל ישראל און פון מיינע קינדער.

גאָט זאָל איבער אייך וואַכן,
זיכער זאָלן דאָ זיין פאַר יידן
די שטעט, די דערפער,
די טייכן און שליאַכן.

רבונו־של־עולם, שוין צייט
אַז משיח זאָל זיך באַווייזן,

און באַנאַנד מיט כל ישראל
זאָלט איר שפּרייזן אין הייליקן לאַנד.

דער מאַמעס פּנים בלייכט און געלט.
דער דאָקטער קומט און באַפעלט:
באַבעניו, זייט שטיל,
און רעדט נישט אַזוי פיל.

אויף דער מאַמעס צעפּייניקט געזיכט
שימערט פון האַרבסט דאָס קאַלטע ליכט.

דער דאָקטער גייט אַוועק.
און די מאַמע זאָגט:
פאַרן טויט איך האָב נישט קיין שרעק.
אַ וואָרט ווינציקער, אַ וואָרט מער,
אין מיין אויג שווימט אַצינד שוין
די לעצטע טרער.

דער דאָקטער ווייסט, אַז דאָס זיינען
די לעצטע ווערטער פון מיין מויל.
אויף מיין גוף לויערט שוין
פון טויט די גרויל.

וואָרעם, עס פרירן אין מיר די בלוטן,
און געציילטע זיינען פון לעבן די מינוטן.

דער מאַמעס פייכטער, טרויעריקער בליק
טראָגט זיך אויף דער שימערדיקער שויב.
זי זיפצט און זי זאָגט:
באַלד — און מיין גוף, אַלט און צעבראָכן,
קערט זיך צוריק צום שטויב פון דער ערד.
דעריבער, איידער עס ווערט שפּעט,

צו גאָט, וואָס דאָס האַרץ
פון יעדן מענטש ער זעט,
וויל איך קומען מיט טענה און געבעט:
גאָטעניו ליבער, מײַן גוף ברענט
אין די פלאַמען פון פיבער.
און אײדער איך טו זיך פון דער וועלט שײדן,
וויל איך צו דיר דאָס לעצטע מאָל רײדן:
אויף דער עלטער האָסט מיך פון מײן געבוירנשטעטל אָפּגעריסן
און מיך געבּרענגט קײן קאַנאַדע, אין גרױסן לאַנד,
וואו פון זײנע טיפן, די קוואַלן פון זעט פליסן.

רבונו־של־עולם, אײדער איך בין דעם ים אַריבער,
האָב איך איבערגעלאָזט אַ שטעטל מיט ײדישע שטיבער.
האָסט געדאַרפט זײן זײער היטער.
זײנען זײ פאַרברענט געוואָרן, ווי אויף אַן אָפּגעדאַרטן בוים
די לעצטע, טרוקענע ריטער.

גאָטעניו, פאַרגיב מײן ביטער רײדן.
וואָרעם אויך מיר האָסטו נישט געגעבן
קײן לעבן פון פרײדן.
מײן זון — מײן בכור,
האָסטו צו אַכצן יאָר געפירט צו דער עקדה,
אַז ער זאָל זײן אַ קרבן טהור פאַר דער גאַנצער עדה.
רבונו־של־עולם, אין דײן הײליקער תורה שטײט געשריבן:
„כרחם אב על בנים". האָסטו אין אַלע גלותן אונדז פאַרטריבן,
און צום סוף האָסט אונדז איבערגעגעבן צו ווערן פאַרלענדט
דורך די טמא־הענט פון די דײטשישע גזלנים.

רבונו־של־עולם, אײדער איך טו זיך
פון דער וועלט שײדן,
נישט פון פיבער, נאָר מיט אַ האַרץ
פון יסורים ביטער, איך טו מיט דיר
צום לעצטן מאָל רײדן.

אין דערמאָנונג

אין דער וואַזע, דאָס בעכערל
פון דער רויטער בלום,
שלינגט די ציטערדיקע שטראַלן
פון דער פאַרגייענדיקער זון.

די מאַמע מורמלט אין פיבער:
פאַרטאָג זאָגן אין שטעטל סליחות
אַפילו די שאָטנס אין די שטיבער...

און די דערמאָנונג פירט
דודן צוריק צום חסידים־שטיבל,
ביי דער לאַנגער הילצערנער בריק.

ער גייט מיט דער מאַמען צו סליחות,
און די מאַמע זאָגט:
אין אַ שטעטל מיט אַ שול,
אַ בית־מדרש, און חסידים־שטיבל,
דאַרף אַ יידיש קינד זיך נישט שרעקן
פאַר שדים און רוחות.
אין פוילן — אונדזער גלות־לאַנד,
האָט שוין נישט דער ייד
מיט וואָס איבערצולעבן די וואָך.
דער „מיעשטשאַן" וויל פון יעדן יידיש הויז
אַרויסרייסן דאָס לעצטע ביסל מאָך
פון דער צעפוילטער וואַנט.
יעדער „מיעשטשאַן" וואַרט אויף דער מינוט,
ווען הפקר וועט ווערן יידיש בלוט,
און ער וועט קענען האַקן יידישע שויבן
און אויסרויבן אונדזער לעצט ביסל אָרעמקייט,
פון אַ ציכל ביז אַ זאַק, און אַרויסציען

פון יעדער יידישער שטוב
דעם לעצטן, פאַרזשאַווערטן טשוואָק.

און אונדזערע אייגענע פּני־העיר
פאַרטרייבן דעם אָרימאַן בײַ דער שוועל
פון זייער שויבנטיר.

גאָט, שטראָף מיך נישט פאַר די רייד,
וואָס אין חודש אלול איך באַניץ.
די רייכע אָרט נישט וואָס אין די אָרעמע הייזער
פעלט שוין אַפילו אויס אַ קאַרטאָפל־גריץ.
די רייכע חסידישע ווייבער זיצן אויסגעסטראָלצטע אין שול,
און זייער מויל איז מיט לשון־הרע פול.
אַ בעל־מלאכה און אַן אָרעמאַן, האָט ביי זיי ווינציקער ווערט
ווי דאָס שטויב פון דער ערד.
דודל, אַזאַ סאָרט פּרומעניש איז ביי גאָט
אַ קנאַפּער יחוס. דעריבער איז מיר
דערווידער זייער יאָמערן ביי סליחות.
דודל, דער טאַטע איז אַ גרויסער למדן —
אַ כשרער ייד, וואָס שטעלט זיך איין פאַר יושר,
מיט זיין תורה איז ער ביי מיר דער גרעסטער עושר.
מיין קינד, אַ שוחט איז ביי קהל אין דער האַנט.
די צרות לויפן שוין אַריבער דעם ראַנד...
איצטער, דודל, לאָמיר גיכער גיין,
און צו סליחות קומען מיט
אַ האַרץ דערבאַרעמדיק און ריין.

די מאַמע שטאַרבט

די מאַמע רייסט זיך אויף פון דרימל:
מיין זון, אַ מענטש איז געגליכן
צו אַ פאַרוויאַנעט בלימל.
איך ליג און טראַכט:
„זכור ברית" — זאָגט
מען היינט ביינאַכט.
אַ ביסל ריין וואַסער
גיס מיר אויף די הענט.
וואָרעם, ביז דער לעצטער מינוט,
דאַרף דאָס האַרץ פון יעדן מענטש
צו גאָט זיין געווענדט.
טאַקע ווי אין פסוק שטייט:
„וזרקתי עליכם מים טהורים
וטהרתם" — איך וועל גיסן
אויף אייך וואַסער, און לויטער־ריין
וועט איר ווערן אין טרערן־טייך
פון תפילהדיקן געוויין.

די מאַמע אָטעמט שווער און כריפּעט.
די לעצטע טרער אין איר שעפּטשענדיק קול
כליפּעט: אוי, אַרום מיר וויגן זיך די ווענט.
דער טאַטע האַלט מיך ביי די הענט
און באַנאַנד שפּרייזן מיר אויף אַ וואָלקן
מיט בלויע, ווייכע שטיגן.
די מאַמע מורמלט „זכור ברית",
און דער מלאך פון טויט
וואָס רייט אויף די שפּיצן
פון אייזערנעם שפּיטאַל־פּלויט,
לעכערט איר אַלט, מיד האַרץ
מיט דער שאַרף פון זיין
בליציקער שפּיז.

דער מאַמעס געזיכט
ליימיק, גרוי.
דאָס ליכט אין צעפּייניקטן גוף —
אַן אויסגעברענטע שטרוי.

— — — — — — — — — — — — — —

די לוויה

פון דודן אין צער
דאָס געוויין שפּאַרט:
יאָ, דער מענטש איז געגליכן
צו אַ פאַרוויאַנעטער בלום.
דער מאַמעס אומעט־האַרציקער
צאינה־וראינה־ניגון
איז געוואָרן פאַרשטומט.

אין די פרייטיק־פאַרנאַכטן,
ביי די דינע שטראַלן פון די ליכט,
וועט די מאַמע דעם שבת־קודש
מער נישט בענטשן
מיט אַ פרום־שיינענדיק געזיכט.
ווער וועט אַצינד, דורך טרערן,
פון חרובן שטעטל קלערן?
ווער וועט מיט גאָט זיך אויסטענהן
פון וועגן אַלע, וואָס זיינען
באַלאַדן מיט שווערע פּיינען?

דוד זיצט פאַרטרערט, און דעם רבס
גלאַטע, גרינגגע הספּד־רייד
קוים וואָס ער הערט:

„זייט געטרייסט משפּחה אין טרויער:
פאַר דער כשרער נשמה
גיטל בת ר׳ ישראל צבי ליכטיקע מלאכים
עפענען פאַר איר אַצינד
פון גן־עדן דעם טויער...“

מאַמע

מאַמע, עס פלעמלט אין מיר
פון לעבן די קנויט.
ביי מיין צוקאָפּנס שוועבט
דער שאָטן פון טויט.

ביי דיין זייט פון דיין ערד,
זאָל אַ קבר מיר זיין באַשערט.

נישט דער טויט, נאָר מאַמע,
דו אַליין וועסט אין מיר
איינשטילן דעם פּיין.
אין שאָטן פון דיין הויך־ברייטן בוים
צינדט זיך דער גאָלדענער שימער
פון בלענדיקן הימל־רוים.

גרינג וועט זיין מיר די ערד
מיט דער טרייסט
פון דיינע טרערן באַטרערט.
וואָרעם נישט דער טויט,
נאָר דו, מאַמע, דו אַליין
וועסט אויסלעשן אין מיין געביין
דאָס פייער פון פּיין.

אויפן בית הקברות

א קרא קראַקעט
אויפן פלויט.
אין פייכטן זאַמד
דער מאַמעס קבר גרויט.

האַרבסטיקער רעגן
ווינטיק און קאַלט,
אויף די אָפּגעפּליקטע
ביימער פאַלט.

פינפטער טייל

די פרייד פון ליבע

פרייד פון פרילינג

אין קעמפוס־גאָרטן,
זיצן פריע פרילינג־פייגל
אויף די שפּיצן
פון די דראָטן.

אין בנימינס געביין
גליען זיסע גלוסטן.
אַ שלאַנג דין און לאַנג
פּויזעט צווישן די געלע קוסטן.

פון סעלמאַס בלויער שריפט
די בענקשאַפט טריפט:
„בנימין, מיין ליבער,
אין לעצטן טאָג פון חודש מאַרט,
אין מאָנטרעאָלער פּאַרט אויף מיר וואַרט״.

בנימין טראַכט: פאַר דער ליבע
שווער איז די פּיין פון באַזונדער־זיין.
מאָרגן וועט סעלמאַס שיף פון ווייטן
מיט די וואונדער פון ליבע
קומען צו רייטן.

לעצטער טאָג פון חודש מאַרט,
און די בענקשאַפט נאָך
דער ליבע גאָרט.

און כאָטש הויל איז נאָך
אין גאָרטן דער בוים,
ליכטיקט שוין דער פרילינג
אין בלויען רוים...

באַגעגעניש

דער טייך אין בויך פון טאָל,
איז אָנגעטרונקען מיט טשאַד
פון נעפּל־רויך.

סוף־מאַרט, און כאָטש קיין בוים
האָט נאָכנישט געבוירן
קיין גרינעם בלאַט,
פלאַטערן די טויבן
אין גאָלדענעם שימער
פון די הימל־שויבן.

די בענקשאַפט אין זיסן ווײ,
לויכט אין האַרץ פון פאַרליבטע צווײ.
ציטערדיקע רייד, לעכצנדיקע קושן אין געוויין.
פון אַלע רערן אין בענקענדיקן געביין
שטראָמט די פרייד
אין טייך פון לויטערע טרערן.

און די בלויע הויך
טרינקט דעם טשאַד פון נעפּל־רויך.
און אין מויל פון דער יעזוס־סטאַטוע
שטייניק, גרוי ברענט אַ שטראַל
ווי אַ גאָלדענע שטרוי.

אַ געזאַנג צו מאַרץ

די גאַס שאַלט.
די זון שווימט אין דער טיף
פון זיין אייגענעם פייער־קוואַל.

דער פרימאָרגן גאָלדיק־רויט,
גייט אויף די קליינע גרינע
ברעטער פון גאָרטן־פּלויט.

פון דער ראַדיאָ ציטערדיק און צאַרט
מוזיק פון מאָצאַרט שפּאַרט.

און דוד טוט אַ ליכטיק געזאַנג
אויפהויבן צו מאָצאַרטן,
צו זיין מוזיק, וואָס
פאַר איר עפנט גאָט אַליין
אין הימל די בלענדנדיקע שויבן:

„מאָצאַרט, אין דיין דין־פלאַטערדיקן קלאַנג
ציטערט פון ליבע דאָס בענקענדיקע געזאַנג.

מאָצאַרט, אין די פייערן פון פאַרנאַכטיקן רוים
בלענדט דיין גאָלדענער טרוים.

אין דער וואַלדיק־שאָטנדיקער שטום,
טראָגן דיינע בענקענדיקע הענט
די פייער־פענער פון דער זון.

מאָצאַרט, דיין מוזיק אין קוואַל פון טרערן,
איז דאָס זינגענדיקע ליד צום זיג פון דער ליבע,
וואָס מיט איר ליכטיקע באַגערן
זי שפּרייט די לויטערע פרייד
פאַר אונדזערע זוכנדיקע טריט.

מאָצאַרט, פון דיינע גאַרנדיקע טענער
טרוימעריש און צאַרט שטיל געוויין שפּאַרט.

מאָצאַרט,
דיין מוזיק, וואָס מורמלט טרויער,
עפנט פאַר מיר פון שיין דעם בלויען טויער".

די אותיות שפּרינגען,
פיבערדיקע ווערטער זינגען.

און די רויטע בעכערדיקע בלום
שלינגט דאָס גאָלדענע ליכט
פון דער זון.

מיטאַמאָל שאַרפט דורך זיין לייב
אַ פייערדיקער שטאָך, ווי מען
זאָל אים קייקלען
אויף די נאָדלען
פון דאָרנדיקן מאָך.
שטוב און שוועל
מיט פינצטערניש פאַרגאָסן.
אין אַלע אברים די היץ קוועלט.
זיין גאַנצער גוף אין ווינט, אין קעלט
איינגעשלאָסן.

אין שפיטאָל

צוקאָפּנס פון בעט
פאַרשריפטן אויף אַ בלעטל.
דודס האַנט צוגעפּעסטיקט
צו אַ ברעטל.
דאָס לייב ברענט, ווי
מען זאָל אים קייקלען
אין הייסן אַש.
דער פאַרבונדענער שניט
אויפן בויך בריט,
ווי מען זאָל אויף אים
גיסן קאָכעדיק וואַסער
פון אַן אָנגעהייצטער פלאַש.

דוד זוכט די זון אין גאָרטן.
דוד זוכט דעם העלן טאָג
פון זיין היימישן גאָרטן.

און דורך דעם דינעם פּאָרהאַנג
פון גרינלעך־גרויען שאָטן,
ער זעט: אַ רויט־צעגאָסענע זון
מישט אויף דער שויב דאָס אָוונטיקע פייער
פון שימערדיקן שטראַלנשטויב.

דער פיבער נאָדלט די הויט
מיט שאַרף־שפּיציקע שטעך.
דאָס ווייסע ליילעך שטעכט
ווי אַן אָנגעברענט שטיק בלעך.

דוד קרעכצט און זוכט
דעם גרינעם פּלויט פון זיין גאָרטן.
און דבורה, וואָסווישט די שווייסן
וואָס בראָטן זיין הויט,
רואיקט איין:
די שפּייז דורך דער נאָדל
פליסט כוח אין דיין געביין,
וועסטו קענען אינגיכן פון בעט אַראָפּגיין.
עס ליגט נישט קיין הייסע שטאַרץ
אויף דיין בויך.
עס שמאַרצט אַזוי פון שניט
די וואונד.
אויף לאַנגע יאָר האָסטו
געשלאָסן מיטן לעבן אַ בונד.
ביסט אַ דיכטער, און וועסט ווידער
אין פיל יידישע לידער צינדן
דיינע לויטערע ליכטער.
פון ווייטיק וועט זיך מער נישט
קאָרטשען דיין געביין.
דער דאָקטער האָט פון אַ ניר
אַרויסגעצויגן אַ זאַמדן־שטיין.

די נוירס זינקט אַריין
אַ נאָדל אין זיין לייב.
און אין זיסן שלאָף, ער טראָגט זיך,
אויף אַ שיפל צווישן כוואַליעס
פון לבנה־שיין.
שטערן העל און הויך,
הענגען אויף זילבערנע רערן,
און פון זייערע קוואַליקע טיפן
טריפן קילע, טויאיקע טרערן.
איבער אים אין שטילן גערויש
פלאַטערן פייגל, און מיט פעכערדיקע פליגלען
שווימען זיי אויף די קילע הענט
פון פרישן ווינט.

פון דער לבנה, פון איר אייזיקן ציגל
נידערט די מאַמע און רעדט צו אים
פון אַ בלוי־וואָלקנדיקן היגל:
„מיין זון, פון גן־עדן,
איך ברענגט דיר פריש הייל־וואַסער
אין אַ ווייס ליימען קריגל“.
מיט די שפּיצן פון איר געבלימלטער שאַל,
ווישט די מאַמע אירע טרערן און פליסטערט:
מיין זון, נישט קיין וואַסער,
נאַר קרישטאָלן פון טוי,
איך טראָג דיר אַצינד
אין פריען פאַרטאָג.
איך רייט צו דיר פון וויט,
וואו דער גרעסטער, גאָלדענער שטערן
שטראַלט אין בלענדנדיקן טייך
פון אייביקן בלוי.

דער טאַטע ווי תמיד זאָגט תהילים
און זיין ניגון נאָגט אין זיסן אומעט.

זיינע שטומע געוויינען
פון זיין צעבראָכן האַרץ דעם ריינעם,
גרייכן שוין צום כסא־הכבוד,
ערגעץ אין די טיף־פאַרהוילענע
הויך־העכסטע הימל־הייכן.

די מאַמע פאַרשווינדט.
דוד שטרעקט די הענט
און יאָמערט: מאַמע,
פיר מיך אַהיים,
לאָז מיך נישט אָט דאָ,
איין־אַליין ברענען אין די פייערן פון פיין.
די הייסע, העלע שיין,
וואָס רינט פון די זוניקע ווענט,
מאַכט מיך בלינד.

דוד וויגט זיך אויף אַ שטראַלנשטריק,
ביז ער בלייבט שטיין
אויף אַ היימיש־האָלצערנער בריק:
אין ליכטיקן זומער דרימלט
דער וואַלד דער שטומער.
לויטערער פרימאָרגן
פאָרט אויף אַ הויכן היי־וואָגן.
דבורה שפרייזט אויף דער לאַנקע
טויאיק־ווייס.
דאָס טרערנדיקע גראָז
קילט אירע באָרוועסע טריט.
אירע ליכטיקע לאַנגע האָר פלאַטערן
און די פרייד בליט אין האַרץ
פון אירע יונגע, פאַרליבטע יאָר.

אין גרינעם טעלער פון גראָזן־טאָל,
גייט אום דער פרימאָרגן דער העלער.

דוד פליסטערט: ליכטיק מיידל מיין,
פאָרטרייב פון גאָרונג די פּיין.
אויף דער לאַנקע, וואָס זילבערט
אין מאָרגן־טוי, זאָג, אַז וועסט ווערן
מיין פרוי.
אָט גרייך איך
די העלע הייך,
און מיט אַ שטראַלנשערל,
איך שנייד פאַר דיר אויס
פון די גראָזיקע טויען —
אַ זילבערנעם פּערל.
ליכטיק, פאַרשייט
מורמלט דאָס וואַסערל,
וואָס רייט צווישן שטיין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דוד שווימט פון שלאָף אַרויס,
אויס מיטן יונגן אַמאָל, וואָס
בענקט נאָכן גרין פון גראָזן־טאָל.
ער שמייכלט צו דבורהן
און זאָגט: די מאַמע
פון גן־עדן אַ רפואה
פאַר מיר טראָגט...

געבעט־ליד

אויף די פלאַקערדיקע בלעטער
פון צווייגן־שטאַנג,
זינגט דער זומער
זיין לעצט געזאַנג.

אלולדיקע וואָכן,
קיל־זוניקער ווינט

קרישלט פון שטיין
די גרוי־זילבערנע מאָכן.
דאָס בעטנדיקע ליד
אין גלי פון דודס געמיט,
איז ווי זיין טאַטנס תהילים־זאָגן
אינדערפרי:

„גאָט, פון אַלע מיינע ברידער
בין איך יינגער.
מיך — וואָס האָסט פרי
אין דער פרעמד פאַרטריבן,
פאַר דיין זינגער האָסט אויסגעקליבן.

אויף קאַנאַדער ערד,
האָסט אַ היים מיר באַשערט.
דאָ רוט פון מיינע עלטערן
דאָס הייליקע געביין.
און מיין האַרץ געפינט
נישט קיין טרייסט
אין די לויטערע טרערן
פון מיין בענקענדיק געוויין.

אָ, גאָט, טו מיך מער נישט פאַרלאָזן,
עלנט אויפן גרינעם גרוי
פון די גראָזן.

אָ, גאָט, אָפן זאָל זיין
פאַר מיר פון רחמים דער טויער.
האָסט דאָך מיך אויסגעקליבן,
אַז דורך מיר זאָל דער טרויער
און דאָס ליכטיקע האָפן
פון דיין פאָלק ווערן פאַרשריבן.

אָ, גאָט, דאָס ליכט פון באַגין,
מיט געזאַנג איך באַגעגן.

איך גאַף און איך זינג,
און עס זינגען מיט מיר
אַלע וועגן...

אָ, גאָט, אין די פּייערן פון פּײַן,
מײַן גאַנץ לעבן איך שווים.
מיטן בלוי פון דײַן העלער שײַן,
דאָס ליכטיקע ליד
שפּין אין מײַן געמיט״.

שטראַלן זעגן דעם צוים
פון די דראָטן.
גאָטס דערבאַרעמדיק קול
מורמלט אין שטילן גאָרטן.

דוד רעדט צו סעלמאַן

סעלמאַ אין אַ בלוי־געבלימלט קלייד
זיצט אַקעגן דוד און הערט
דעם טיפן פּײַן פון זײַנע
פּאַטערלעכע רייד:

„סעלמאַ, מײַן קינד.
מיר זײַנען אַ פאָלק געשלאָגן און קליין.
אומעטום זײַנען מיר יידן
אָפּגעזונדערט און אַליין.
און איך טרוים וועגן דעם טאָג,
ווען קיין לאַנד וועט מער נישט
האָבן קיין גרענעץ־וואַנט,
און די פעלקער פיל און פאַרשידן
וועלן לעבן מיט דער פרייד
פון רו און פרידן.

פֿאַר אַלעמען וועט זיין אַלץ לרוב.
און ווען אַלע וועלן גיין אין שיין
פֿון טאָג שכולו טוב,
וועט צו די יידישע צרות נעמען אַ סוף.
אָבער אין די טעג פֿון היינט,
ווער עס באַגערט מיט אונדז,
אויף אונדזער שווערן וועג צו גיין,
דאַרף געדענקען, אַז אין דער וועלט
זיינען מיר יידן עלנט און אַליין.
שוין טויזנטער יאָרן, ווי מיר זיינען
צווישן די פֿעלקער אַריין,
און איבער דער גאַנצער ברייט
פֿון דער ערד, גייט דאָס געוויין
פֿון אונדזער פּיין.

וואָס זשע קערט זיך
דאָס אָן מיט דיר?
ווייס, דיין יונג האַרץ
פֿירט דיך צום טויער,
וואו פֿון אייביק פֿליסט
אין טרערן אונדזער טרויער.
סעלמאַ טייערע, איך בין אַלט און דערפֿאַרן.
די ליבע קען מען מיט קיין שום שטיין
נישט פֿאַרשפּאַרן.

אויף דער גאַנצער וועלט, דער רונדער,
איז די ליבע דער ליכטיקסטער וואונדער.
די ליבע האָט איר טויאיקן אינדערפֿרי.
זאָג מיר צו, אַז אין האַרץ פֿון דיינע קינדער,
וועט שיינען פֿון יידישע טרוימען דער גלי.
פֿאַר אונדזער לויכטנדיקן מאָרגן,
שטייט דער טויער אָפֿן.
דאָס יידישע פֿאָלק אייביקט
מיט דער קראַפֿט פֿון זיין האָפֿן...״

אויף די שויבן אין בלוי,
שימערט דער האַרבסטיק
אומטיקער טוי.

אין דודן ליכטיקט דער טרוים,
אַז אויך סעלמאַ וועט בלייבן
אַ צווייג אויפן יידישן בוים...

סעלמאַ רעדט

אין סעלמאַס האַרץ שפּאַרט
די פרייד און זי זאָגט:
שוין לאַנג, ווי איך וואַרט
אויף אַט די נאָענטע רייד.

אין דער ווייטער פרעמד
די לויטערע ליבע
נאָך ליכטיקער ברענט.

איטלעך איינעם ברענגט דער אינדערפרי
פון ליבע דעם הייליקן גלי.
איר זענט מיר שוין לאַנג
משפחהדיק־אייגן.
איך האָף, אַז מיינע קינדער
וועלן פון דעם גאַנג פון דורות
נישט אָפּנייגן.

דאָס גליק פון גלויבן
אין מיין האַרץ גליט.
איך וויל געציילט ווערן
אין אַ משפחה, וואו
די ערלעכע ליבע בליט.

אין די בלעטער פון דער יידישער געשיכטע,
איך געפין דאָס האָפן אויף אַ ליכטיקן שפּעטער.
די בענקשאַפט נאָך ציון איז שטענדיק
יונג און פריש, ווי אין פרילינג
פון גראָז דאָס ערשטע ליכטיקע גרין.

עס איז צו שטוינען פון דער בענקשאַפט
אין די יידישע תפילות, וואָס
פון ירושלים זיי האַלטן אין איין טרוימען.
דערצו איז יעדער נײַ־לאַנד
פאַרן אייביקן יידישן שטאַם,
נישט סתם קיין פרעמדע ערד,
נאָר באַגערטע היים פון גאָט באַשערט.
דאָך אין ירושלים ביי דער מערב־וואַנט,
איז יעדער יידיש האַרץ אַ פולע טרערן־קאַן.

אויף דעכער פון מעטשעטן,
אויף שטיין־הייזער קליין און געדיכט
בלענדט דאָס שאַרפע מאָרגנליכט.

הייליק זיינען דאָ פון פאַרטריבענע
די טרויעריקע טריט.
הייליק איז דאָס געוויין,
וואָס בריט דאָס מאָכיקע
פּנים פון אַלטן שטיין.

אין העלן מאָרגן־שיין,
הייליק איז דער, וואָס
שפּאַנט אַהער און טראָגט
אין דער טרער דעם פּיין
פון אַ פאַרטריבענעם
פון אַ וויטן געבוירן־לאַנד.
הייליק זיינען די גרוי־זילבערנע מאָכן.
אַלע געקומענע ברענגען אַהער
פון וואָגל די בראָכן.

נישט דער שטיין, נאָר דאָס געווייַן
פון טרויער איז צו גאָט דער טויער.
דעריבער טו איך אַליין מיין וועג אויסווײַלן.
אין דער משפחה פון אייער הויז
איך וויל זיך ציילן.

דוד געשטאַרקט פון סעלמאַס
היימיש־נאָענטע רייד.
אין זייַנע אויגן
פינקלען טרערן פון פרייד.

בנימין און סעלמאַס חתונה

אין ווייסן חופה־קלייד געפּאַסט
צו דער מאָס, זיצט סעלמאַ אין זאַל,
צווישן ווענט פון בלוי־בלענדנדיקן גלאָז.

אַרום גערויש און רייד.
העל און ראָז פּלייצט דאָס ליכט
אויף איר שייַנענדיקן געזיכט,
וואָס רויטלט זיך און רייצט
אין טרוים פון גאַרנדיקע פרייד.

דער עולם בליקט
אויפן פאַרליבטן, שייַנענדיקן פּאָר,
און איטלעך איינער ווינטשט זיי גליק
און לאַנגע, געזונטע יאָר.

יוגנט אין אַ רינג,
טאַנצט און זינגט.

נאָר סעלמאָס פאָטער
מיט קעלט אין די אויגן,
זיצט פרעמדלעך־אַנגעצויגן.
סעלמאָס מאַמע פריידיק־צעפּלאַמט,
טראָגט אַ צעפינקלט גלאָז
פול מיט ווײַן ביזן ראַנד,
און ווינטשט:
קינדער מײַנע: שטענדיק שטאַרק
זאָלן זײַן פון ליבע
די בינדנדיקע שטריק.
איינער אין צווייטן געפינט
אייער גליק.
און צו בנימינען זי זאָגט:
מײַן מאַן האָט דיך זייער גערן.
זע, אין זײַנע אויגן שטייען
פריידיקע טרערן.
ער זיצט אַזוי פרעמדלעך־קאַלט,
און דעם נחת אין האַרצן ער באַהאַלט,
צוליב זײַנע פאַמיליע־לײַט,
אַז זיי זאָלן אים מאָרגן נישט קענען פאָרוואַרפן,
אַז אויך ער איז אויף סעלמאָס זײַט.
קינדער, האָט פון דעם נישט קיין פּיין.
געדענקט מײַנע ווערטער,
גוט און געטריי ער וועט אײַך שפּעטער זײַן.
איך קען מײַן מאַן, וואָס
שרעקט זיך פאַר יעדן
נײַעם שפּאַן.

פון דעם זיסן ווײַן דעם געשמאַקן,
שטאַרקער פלאַמען מיסעס קינגס באַקן.

פּלוצעם ווערט זי פאַרשוויגן.
פריילעך־פּיבערדיק נעמען די פיס
בײַ איר זיך וויגן.

אירע אויגן לוסטיקן און שטוינען:
זי זעט, מיסטער קינג
אין נייעם סוט דעם ברוינעם,
ווישט די טרערן, און מיט טריט
גיך און גרינג דערנענטערט ער זיך
צו זייער טיש.
זיין קוש זיסט די ליפּ.
און אויפגעלייגטער ער רעדט
און ווינטשט:
סעלמאַ, טעכטערל מיינס,
האַלט זיך נישט אַזוי גרויס,
בסך־הכל ביסט בלויז
פון דיין מאַן — די ריפּ...
אַלדאָס גוטס זאָל איך גאָט באַשערן,
אין אַ גליקלעכער שעה
זאָלט איר מאַן־און־ווייב ווערן.

פּאַטערלעך די רייד זיינע פליסן:
קינדער טייערע, איך וויל,
אַז איר זאָלט וויסן,
אַז מיין האַרץ איז נישט
קיין קיישעלע פון שטרוי.
איך בענטש אייער ליבע,
וואָס לויטערט, ווי דאָס גראָזן־פעלד
אין שימערדיקן טייך פון מאָרגנטוי.
און מיינע קרובים פרומלעך־פאַרריסן,
מעגן זיך שעמען, וואָס
אויף דער שמחה פון מיין קינד,
זיצן זיי אָנגעצויגן און פאַרביסן...

מיסטער קינג שכורלעך
פון כסדרדיקן זופּן פון בראָנפן־גלאָז,

שטייט פאַרבלענדט פונעם
הימל־ליכט העל און ראָז, וואָס
פליסט פון די בלויע ווענט.

די חתונה־צערעמאָניע

מיט טריט געלאַסן און גרינג
גייט צו דער חופה די שיינע, שטאָלצע טאָכטער
פון מיסטער און מיסעס קינג.

די שטילקייט שאַרכט.
דער עולם אין טעמפּל זיצט פאַרגאַפט,
און האָרכט פון דער צאַפּלדיקער האַרף
די דין־באַגגנדיקע קלאַנגען, וואָס
וויגן זיך אין שטילן ווינט
און גלעטן אַ פעלד מיט זוניקע זאַנגען.

דער יונגער רעפאָרם־ראַביי זאָגט
קלינגענדיק און קלאָר:
זייט געבענטשט פון גאָט
מיט לאַנגע, נחתדיקע יאָר.
ווען אַ מאַן נעמט זיין געליבטע
פאַר אַ פרוי, אַנטרינט פון זיין לעבן
דער נעפּל פון גרוי.

פון שלאַנקן, אויסגעפּוצטן ראַביי
גליטשן זיך די ווערטער גרינג און גלאַט:
די הייליקע בייבל האָט גאָרנישט פאַרשוויגן
אין דער מעשה פון אדם און חוה מיטן עפּל.
וואָרעם פון איר דערוויסן מיר זיך,
אַז דער מענטש אין ליבע
איז געשטיגן העכער אויף אַ טרעפּל.

יאָ, יעדע מעשה באַשריבן אין דער ביבל
איז בלויז אַ סימבאָל:
נאָכדעם, ווי אדם און חוה הערן גאָטס
שטראָפנדיק קול, ווערן זיי
פון גן־עדן פאַרטריבן,
אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען
ביי די הענט און מיט גוף און נשמה
זאָלן זיי ווערן צו זיך דערקענט...

דער ראַביי מיטן הויכן הוט,
מיטן זאַט־צופרידן געזיכט,
רוט אַ ווײַלע אָפּ און
מיט גרויס ערנסט
ער גיט דעם חתן צו וויסן:
חתן, זיי אַזוי גוט,
ברענג אַרויס יעדעס וואָרט
קלאָר און נישט־געיאָגט.
וואָרעם שטייסט איצט
פאַר גאָט און פאַר קהל.
דעריבער נעם דאָס רינגל
וואָס דיין הייליקע ליבע טראָגט,
און פּאַמעלעך נאָך מיר זאָג:
„הרי את מקודשת לי
בטבעת זו כדת משה וישראל".

דער ראַביי שטרעקט אויס
דעם בעכער רויט מיטן בלוט פון וויין,
און זיין אויסגעאיידלט גלייך געביין
וויגט זיך אין בלענד פון בלויען שיין...

אין דער נידער, אויפן גליטשיק־גלאַטן דיל,
צינדט די גלוסט די גלידער
פון דער טאַנצנדיקער יוגנט,

וואָס קייקלט זיך, ווי אין פרילינג
דער פריש־פריילעכער ווינט.

— — — — — — — — — — — — —

דוד דערמאָנט זיך, ווען
ער איז פון שטעטל אַנטרונען
אויף אַ פוילישער פור.
און די ווייטע וועלט האָט געשפּונען
ליכטיקע טרוימען אויף אַ גאָלדענעם שנור.

די האַרבסטיקע זון פון פרימאָרגן
איז אומעטיק געלעגן
אויף די זאַמדיקע, דאָרפישע וועגן.
און יעדער בוים מיט זומער זאַט,
האָט אויפן וואָגן געוואָרפן
אַ פלאָם־פייערדיקן בלאַט.

די בענקשאַפט פליסט
אין טרוימערישן גלי;
זומערדיק־זיס
לויכט דער אינדערפרי.
און אויף זאַנג און בלום
זינגט די יונגע זון.

און אַט שווימט אַרויס
פון העל־בלויען שיין מיסטער קינג
מיט פולע צווי בעכער ווייַן.
ער שמייכלט און באַפעלט:
מחותן טייערער, טרינק
צום גליק און געזונט
פון אונדזערע קינדער,
וואָס זייער ליבע
מאַכט ליכטיקער די וועלט.

עס ברומט דער אָרקעסטער:
עולם, זייט זיך משמח
אויף דער שמחה דער גרעסטער!

און
גרינג און פלינק ווירבלט
ווי אַ ווינט דער טאַנצנדיקער רינג.

אין אַ האַרבסטיקן פרייטיק־צונאַכטס

די העלע שיין פון די בלוי־בלענדנדיקע ליכט
ציטערט אין דעם זיסן, רויטן שימער
פון די פולע גלעזער וויין.

סעלמאַ שיינט אין בלוי־געשטרייפטן קלייד.
אויף איר קאָפּ מיניעט דאָס באַפּערלטע רעמל.
אין איר שמייכלענדיקן בליק פלעמלט
דער סוד פון ליכטיקער פרייד:
איך, דאָס באַגערטע ווייב, טראָג שוין
דאָס גליק פון דער ליבע אין מיין לייב...

פריידיק גיסן זיך די קלאַנגען
פון די היימיש־שבתדיקע געזאַנגען.
דבורה גלעט סעלמאַס ווייך־וואַרעמע האָר,
וואָס שמעקן, ווי צייטיקע זאַנגען.

אין גלאָז קלאָרט דער זיס־רויטער וויין.
סעלמאַס געזיכט מיניעט זיך
אין שיין פון די בלוי־בלענדנדיקע ליכט.

דבורה קושט סעלמאַס האָר און זאָגט:
מיין קינד, עס איז וואָר,
די ליבע האָט פרוי באַגליקט
דיין לייב, ווייל דו ביסט
דאָס גוטהאַרציקע, באַגערטע ווייב.

אין דודס אויגן ליכטיקן די טרערן.
ליב און צאַרט ציטערט די פרייד
אין זיינע האַרציקע רייד:
מזל־טוב!
זאָל די משפחה זיך מערן!
מיין מאַמע עליה השלום וואָלט געזאָגט:
גאָט באַשערט פון ליבע דאָס גליק,
דער פרוי, וואָס מיט אַ ריין האַרץ
איר מאַן זי באַגערט.

בנימין וואָס האָלט סעלמאַס האַנט,
לויכט און לאַכט:
עס איז שוין באַלד ווי אין חומש איז געשריבן:
בנימין האָט אַ ווייב זיך אויסגעקליבן,
און גאָט האָט אין סעלמאַן געדענקט
און געעפנט איר טראַכט,
ווייל די ליבע צו איר מאַן
איז אין בענקשאַפט וואַך.

סעלמאַ טוליעט זיך צו בנימינען
און זאָגט: אונדזער הויז איז גייסטיק־גאַנץ,
ווייל דער וואונדער פון ליבע
אין אונדזער האַרץ איז פאַרפלאַנצט.

בנימין קושט סעלמאַס געזיכט,
און די פרייד פלעמלט אין שיין
פון די בלוי־בלענדנדיקע ליכט.

ליידיק איז דאָס הויז

אויף די פּלאָמיקע בלעטער
זוניקט דער האַרבסט־טאָג
דער צעהעלטער.

אַלע צימערן שטיל און ליידיק.
געלעכטער יונג און פריידיק
ברויזט מער נישט אין הויז.

אומעט פון אַנטרונענע יאָר,
זילבערט אויפן וואַל
פון דודס ווייס־געוואָרענע האָר.

די ליבע אין ליכטיקן באַנאַנד
טראָגט די נאָגנדיקע בענקשאַפט
אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט.

אין טרוימערישן האַרץ,
שטיל און לויטער אומעטיקט די עלטער,
כאָטש אין דודס ליד ברויזט נאָך אַלץ
דער צאָרן קעגן דעם רשע — דעם געוועלטער.
דאָך פאַראַן טעג, אים דאכט,
אַז ער איז געבליבן איינער
אויף אַ ליידיק, פאַרלאָזענעם שליאַך.
וויל ער אין חלום פון זיינע יאָרן
געפינען די שפּורן
צום געגאַרטן מאָרגן דעם קלאָרן.

ווען

קיינער וועט מער נישט זיין שפּלדיק און שטויביק.
פּעלקער פּיל און פאַרשידן,
וועלן צעוואַרפן אַלע צוימען.
מענטשן אין גליק פון פרידן
וועלן פליען צו די שטערן אין די רוימען,
וואָס אייביק פון אונדזער ערד זיי טרוימען...

אין אַזעלכע בענקענדיקע טעג,
לאָזט ער זיך אַוועק
אין אָרעמען טאָל, צו די יאָרן
פון זיין יונגן, קעמפערישן אַמאָל:
אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע שטיבער
פון ציגל און ברעטער,
וואַרפט דער ווינט
די אָפּגעפליקטע, פלאַמיקע בלעטער.
האַרבסטיק גרויט די אַלט־פאַרעלנטע גאַס.
אַ פולער פּאַס מיט טרויער
דער הימל דער בלויער.
זיינע זוכנדיקע טריט
זינגען פון בענקשאַפט דאָס ליד:
אָ, ברידער, געווען זענט איר מיר ליבער,
ווען געוואוינט האָבן מיר דאָ אַלע
אין די אָרעמע שטיבער.
איך — אַן אָפּגעפליקטער בוים,
בין געבליבן איין־אַליין אין יענע
ווייטע טעג פון טרוים.
און איך בענק נאָך דער היים
פון דער האַרציק־היימישער „איסט“,
און איר געדענקט שוין אַפילו נישט,
אַז מעבר־לים איז פאַרוויסט
געוואָרן אונדזער שטאָט.

אין אייער און אין הויז
פון אייערע קינדער,
איז נישטאָ מער קיין זכר
פון דער היימישקייט פון אַ יידישן ספר.
אַ, ברידער, ביי אַלע טייכער,
שרייט מען שוין ווידער:
יעדער איד — אַ הענדלער, אַ רייכער.
ייד, ביסט אַ פרעמדער!
און פון אַלע דיינע געבוירן־לענדער
גיי אַרויס!

אַ, ברידער, מיר האָבן געטרוימט,
אַז די וועלט זאָל ווערן
יושרדיקער און גלייכער,
און ווידער זיינען מיר
אומעטום געוואָרן אַן עם נכר.
אומעטום און דאָהי האָבן מיר געאַרבעט, געבויט,
און ביטער געהאָרעוועט אויף אונדזער שטיקל ברויט.
יאָ, די מי פון אונדזער האַנט
איז אין יעדן לאַנד.

ברידער, וואָר,
עס איז ליבער דאָס זיצן אין גראַמע שטיבער,
אָבער ווער וועט פון שנאה־צאָרן אונדז באַשיצן?
ווער וועט אייך אַצינד שטאַרקן
אויף די היינטיקע יידן־האַסנדיקע וועלט־געמאַרקן?

אַ, ברידער, מען וועט אייך געפינען,
עס קאָן קיינמאָל קיינעם נישט העלפן
דאָס וועלן פון אייגענעם פאָלק אַנטרינען.

ברידער, גייט מיטן גערעכטן.
אַנטלויפט נישט פון דער ירושה פון אונדזער נעכטן.

צו זיך אַליין קערט זיך אום!
אומעטום נויט און אומרעכט,
בלייבט נישט שטום!
היינט און נישט שפּעטער,
זוכט אין די טרערנדיקע בלעטער
דאָס ליכט פון אונדזער דורותדיקן לעבנסבוך.

פאַרנאַכט. דוד שלייכט און פאַרבלאָנדזשעט
צו די שימערדיקע ברעגן פון שטראָמיקן טייך.
פלאַמיקע בלעטער פליען פון די ביימלעך
און פלאַטערן ביי זיינע פיס.

וואָר, די יאָר ליב און היימלעך
וואָגלען ווייט, און וויינען אין דער נאַכטיקער וויסט.
דאָך אָט דאָ אין דער אָרעמער גאַס
פון געהויקערטע, אַלטע שטיבער
מיט קרישלענדיקע ברעטער
און גרוי־געפּלאַצטע שטיינער,
מיט מיין טרוים איך בין נישט איינער.
נישט די ווענט פון שטיין, נאָר די ליבע
מיט איר העלער שיין שיצט אונדזער אַלעמענס היים.
דעריבער, אָ, מענטש, זינג איך
צו דיר מיינע לידער.
שיין ביסטו מיט אַלע דיינע גלידער.
שענער פון שענצטן געמעל,
איז אַ פרוי מיט איר קינד,
אָוונטצייט אויף דער שטילער, היימישער שוועל.

עס איז די ערד אַ פרוכטיקער גאָרטן.
פעלקער צעוואַרפט אַלע גרענעצן און דראָטן!
פעלקער, הענגט אַרויס פון פרידן די פענער!
וועט דער מענטש ווערן דערהויבענער און שענער!
— — — — — — — — — — — — — — — —

האַרבסט. אין טאָל, אין דער אומעטיק־ביימערדיקער שטום,
זשומעט דער העל־גאָלדענער שיין פון דער זון.

אין פאַרבענקטן, שטילן פאַרנאַכטיקן אַהיימגאַנג
טרייסט פון האָפן ליכטיקט
בטחונדיק צו יידיש אַ געזאַנג:
„יידיש דו מיין,
שוואַרצזעער זאָגן:
וועסט פאַרגיין אָן אַ שפור.
און איך זע און זאָג:
פרישער פרילינג וועט
דעם וויסטן וואָלקן צעיאָגן.

אָ, יידיש — דו, מיין פרוכטיקער בוים.
אין שטורעם פון די עפּאָכן,
וועט דיין טרוים
נישט ווערן צעבראָכן.

שוואַרצזעער — הערט אויף
באַוויינען פון יידיש דעם בראָך.
יידיש וועט נאָך האָבן
זיין הייליקן שבת און זיין ליכטיקע וואָך.

יידיש דו מיין,
די שוואַרצזעער זאָגן:
וועסט פאַרגיין אָן אַ שפור.
און איך זע און זאָג:
יידיש־געזאַנג אין גאַנג פון שיין,
דו ביסט און וועסט זיין
פון דורות די בינדנדיקע ליכטיקע שנור״.

דאס הויזגעזינד
פון פראפעסאר
סידני גאלדסטין

ערשטער טייל

פּראָפעסאָר סידני גאָלדסטין

אויף דער „איסט", נישט ווייט,
וואו דער ליכטיקער סט. לאָרענס פליסט,
האָדעוועט זיך דאָס מיזיניקל
פון פערל און אברהם־משה — דער שניידער
פון מענער־קליידער.

ביי טאַטע־מאַמע איז סידני —
דער טאָג דער צעהעלטער,
וואָס אויף דער היגער ערד
האָט גאָט זיי אויף
דער עלטער באַשערט.

ביים ליאַרעמדיקן מאַשין,
צווישן די טונקל־גרויע ווענט פון שטיין,
הוידעט זיך אברהם־משהס נידעריק, מאָגער געביין.
און זיין געניטע האַנט
ציט זיך פלינק נאָך דער נאָדל,
וואָס זשומעט אויפן גלאַטן געוואַנט.

אברהם־משה איז זיכער,
אַז ביי אים גייט די וואָך
גרינגער און גיכער, ווייל
פון פרייטיק גאַנצפרי,
ער היט שוין פון שבת
די הייליקע טריט.

אברהם־משה האַלט:
אַז אַ ייד אָן שבת,
איז געגליכן צו אַ גרויען שטיין,
וואָס גליווערט אין אַ מאָכיקן וואַלד.
אברהם־משה בעט:
אַז אין שטאָטישן געקאָך,

זאָל גאָט יעדן פרימאָרגן אים צושיקן
אַ מנין־יידן אין קלויז,
און די שלווה פון שבת קודש
זאָל שטענדיק
היימישן אין זיין הויז.

וואָרים יעדער ייד, וואו
ער זאָל נישט ווערן פאַרטריבן,
האָט גאָט אים באַוויליקט
דעם זיבעטן טאָג דעם ליבן.

ער בעט ביי גאָט אויף געזונט,
און אַז זיינע קינדער זאָלן ווי ער,
נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער.
און קיינער פון זיי זאָל חס־וחלילה
נישט איבעררייסן מיט יידן דעם בונד.

ביים שבת־מנוחהדיקן טיש,
דערציילט ער זיינע קינדער,
אַז אין דער אַלטער היים,
איז ער מיט אַלע פויערים
געווען אויסגעמישט.

ווינטער און זומער, מיטן מאָרגן־אויפשיין,
ער פלעגט אין נאָענטע דערפער גיין:
נייען הויזן, מאַרינאַרקעס,
פעלצן און בורקעס,
און דאָנערשטיק פאַרנאַכט
ברענגען אַהיים אַ ביסל געלט,
עטלעכע שאָק אייער, אַן עוף
וואָס דאָס איז תמיד געווען
פאַר אַ פויערטע אַ ספודניצע אַן אַדרויף.

די פּויערים מוטשען קוים אויס
דאָס שטיקל ברויט.
די כאַטעס זיינען אַלט.
פאַרן ביסל נאַפט און האָלץ,
פאַר אַ פּאָר שטיוול, אַ העמד
אויף דער צעפּלאַצטער הויט,
דאַרפן זיי ווינטער אַרבעטן
ביים פּריץ אין וואַלד.

צו אַ וועטשערע פון קאַרטאָפל
שוואַרץ־ברויט און אַ פולן טעלער
באָרשטש פון קרויט,
פאַרבעט אים יעדער דאָרפס־ייִד,
ווי נאָר צו זייער שוועל
דערנענטערן זיך זיינע מידע טריט.

זומער. באַגין.
די וועלט שטיל און גרין.
אין הימל די זון שווימט
אין אַ טייך פון בלוי,
און גילדערט ד׳עם רעגן
פון זילבערנעם טוי.
און מיר דאַוונט זיך אַזוי געשמאַק,
צווישן ווייץ און קאָרן,
קאַרטאָפל און פלאַקס.

אלול־צייט.
אויף די אָפּגעשאָרענע פעלדער
רייט אַ קילער ווינט.
פון שוואַרצע יאַגדעס
שוואַרץ־רויטער סאָק רינט.
פון די פולע באַרן
זיסע זאַפטן שפּאַרן.

עפּל און פלוימען
רייצן דורכן אינדערפריאיקן
רויכיקן נעפּל.
זאָג איך סליחות.
זינגט די זון
אויפן פעלד.
און יעדע תפילה ריין און לויטער
פון האַרצן קוועלט.

וואָר, מיר איז שווער געווען
צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל,
וואו הייליק איז געווען
פון אַ ספר אַן אויסגעריסן בלעטל.

פרייטיק־צונאַכטס זיינען פול געווען
אַלע חסידים־שטיבלעך,
דאָס בית־מדרש און די שטיינערנע
שיין־געמאַליעוועטע שול.
איך בין געפאָרן קיין קאַנאַדע —
אַ לאַנד ווייט און פרעמד,
ווייל אין אַנטיסעמיטישן פוילן
די מערסטע יידן פאַרמאָגן שוין
מער גאָרנישט, ווי אויפן לייב
דאָס געלאַטעטע העמד.

אויך דאָהי גליטשט זיך נישט
גרינג און גלאַטיק דער שליאַך.
פאַרן שטיקל ברויט
און פאַר אַן אַלטן „פלעט"
מיט קויט אויף די ווענט
האָרעווען שניידערישע הענט
ביז שפּעט אין דער נאַכט.
אַט מיין פאַרפרומטער באָס מיסטער בלאַט

מיט דער גאָל־געדיכטער באָרד, ווי
אַן אָפּגעבליאַקעוועט בינטל שטרוי,
פּאַדעט אַרום אין שאָפּ
אין אַ כאַלאַט ברייט און בלוי
און איטלעך איינעם דאָס בלוט ער צאַפּט.

אָבער שבת, בעת ער דאַוונט
פאַרן עמוד, זיינען זיינע וואַסערדיקע אויגן
מיט אַ פרומען גלאַנץ אָנגעזויגן.
ער איז ביי זיך זיכער,
אַז מיט זיין דאַווענען
ווערט ער געלייטערט און דערהויבן,
און דער רבונו־של־עולם וועט
אים פאַרגעבן זיין פאַלשעווען און רויבן.

סידנין גיט אברהם־משה צו פאַרשטיין:
לערן, כל־זמן ביסט נאָך קליין.
שניידעריי איז פאַר דיר נישט קיין עסק.
אין סקול, אין חדר לערן זיך פלייסיק.
וועסטו נישט דאַרפן הורען זיך
ביים מאַשין און נייען קליידער.
און נאָך גיט אברהם־משה סידנין
צו פאַרשטיין: זיי זיך פרום, זיי זיך פריי,
נאָר פון יידישן פאָלק זאָלסטו
קיינמאָל נישט אַוועקגיין.
און וואָס עס זאָלן נישט זיין
דיינע צילן, דעם אַרבעטער און אָרעמאַן
זאָלסטו שטענדיק מיטפילן...

אברהם־משה, וואָס זיינע טעג
ווערן אין שאָפּ צעריבן,
האָט גאָט געבענטשט
מיט געראָטענע קינדער זיבן.

פיר זין און דריי טעכטער, וואָס
מאַכן ליכטיק דאָס הויז
מיט זייער יונג און פריידיק געלעכטער.

סידני הערט דעם טאַטן און דעם לערער
מיט די גוטע, העל־בלוילעכע אויגן, וואָס
זאָגט: אַ מענטש מיט וויסן דאַרף זיך
פאַר קיינעם נישט בויגן.
וואויל איז דעם, וואָס אין דער יוגנט
צו לערנען ער גלוסט, וואָרים אַ מענטש
אָן לערע איז געגליכן צו אַ נוס
הויל און פוסט.

דער לערער מיט די מילדע, העל־בלוילעכע אויגן,
אין וועמענס האַרץ די ליבשאַפט רוט,
מוטיקט אים מיט רייד ליב און גוט:
סידני, ביסט אַ פעאיקער סטודענט.
פיל זיך היימיש און שפיל זיך
מיט די קינדער, וואָס
טומלען הפסקה־צייט, צווישן
די שיין־באַצירטע סקול־ווענט.
צום בוך, וואָס מער וועסט ווערן צוגעצויגן,
אַלץ מער וועט די פרייד ליכטיקן
אין דיינע אויגן.
געדענק, אָן לערע איז דאָס לעבן ליידיק.
די טעג אָן טעם, נישט שיין און נישט פריידיק.

סידני צום קוואַל פון וויסן
טוט זיך נויגן,
און זיין האַרץ צום לערנען
ווערט צוגעצויגן. — — —

נחת פון טאַטע־מאַמע

צום לערנען איז גרויס
סידניס באַגער.
פון אַלע זיינע קלאַס־חברים
ער קען מער.

מיט שטאַרקער פרייד
אברהם־משה אַרבעט אַפילו
אין די הייסטע טעג פון זומער.
מיט פרייד מיט שטומער
ציט זיך זיין האַנט
נאָכן געשטעפּ אויפן געוואַנט.
וואָרים לערנען אין קאָלעדזש
איז טאַקע אַ ייד דאָ נישט פאַרוועט,
אָבער געלט דערויף האָט גאָט
דערווייל דעם שניידער נישט באַשערט.
איז פאַר סידנין, וואָס ענדיקט
היי־סקול מיטן העכסטן צייכן,
אויך די שוועסטער און די ברידער שפּאָרן
צו העלפן אים דערגרייכן
פון וויסן די הייכן.
און סידני יעדן טאָג צעטראָגט
צייטונגען אַ פּאַק אין אַ לאַנגן
געלן טאָרבע־זאַק.

אין קאָלעדזש ווערט פיזיק זיין אינטערעס.
ער גיט דעם טאַטן צו פאַרשטיין,
אַז איטלעכע דערגרייכונג אין דער וויסנשאַפט,
ווערט פון זיך אַליין נישט אַנטפּלעקט.
נאָר איז פון לאַנגער, זוכנדיקער מי דער נס.
וואָרים, דערווייל איז אַ סוד אַפילו
דאָס ליכט פון עלעקטריק, וואָס
רינט אין די אָדערן פון דראָט.

שלום שטערן

אברהם־משה מיט האָפנדיקע רייד,
גרייט פאַר סידנין פון מאָרגן די פרייד:
מיין זון, דיין טאָג דעם צעהעלטן,
האָט גאָט אויך אָריינגעבויט
אין זיינע שלווהדיקע געצעלטן.

אין אוניווערזיטעט זיינע פּראָפעסאָרן
שפּאָרן נישט קיין לויב־רייד:
סידני, ביסט פעאיק און פלייסיק,
עס איז אַ פרייד דיך
צו זען שטייגן גייסטיק.
אָבער אויך דער סוד פון ליבע
פאַר זיין האַרץ איז נישט פאַרשלאָסן.
אים ציט צו קעטין — דער שיינער סטודענטין,
וואָס אירע טיף־שוואַרצע אויגן זיינען
מיטן טרוימערישן שיין פון ליבע אָנגעגאָסן.

אין די ווייס־ווינטערדיקע פרימאָרגנס,
ביים אוניווערזיטעט־טויער,
וואַרט סידני אויף קעטין,
וואָס טראָגט זיך אין קאַלטן ווינט,
אין אַ פלאַטערדיקער שאַל אַ בלויער.
און ווען ער דערהערט
דעם רייצנדיקן קלאַנג
פון איר גרינג־גיכן גאַנג,
דאַכט זיך אים, אַז קעטי
איז דאָס שענצטע געשאַנק
אויף דער גאָרער ערד.

אין איינעם אַ קאַיאָר, וואָס
קלאָרט אין שיין
פון ווייס־פּראַסטיקן שניי,
פאַרלויפט ער איר דעם וועג
און זאָגט: לאָמיר גיין אין צוויי.

וואָר, שוין וואָכן — אַ פול יאָר
ווי די בענקשאַפט פון ליבע
אין מיין האַרץ איך טראָג.

קעטי לויכט און לאַכט הויך און פריידיק:
וואויל! איך האָב שוין לאַנג דערקענט
אַז איר, אַזאַ פאַרנומענער סטודענט,
זענט פון ליבע נישט אויסגעליידיקט.
נאָר איך האָב פאַרט געמיינט,
אַז אייך אַרט גאָרנישט, וואָס
אַ מיידל, ווי איך, טראָג אין זיך,
שוין מער פון אַ יאָר, פון ליבע דעם צער.

קעטיס אויגן אין טויאיקן גלאַנץ פון טרערן
לויכטן און לאַכן:
יאָ, איבעריק זיינען רייד אַצינד.
אין דער ברויזיקער פרייד פון ווינט,
לאָמיר שפּרייזן אויף די שפּיגלען
פון די אייזיקע שליאַכן.

אין גרוי־געוועב פון פרימאָרגן־נעפּל,
שטראַלט אַ פאַרשנייעטער בוים.
קעטיס קליינע, שטאַרצנדיקע בריסט
צאַפּלען, ווי קיילעכדיקע עפּל.
קעטי לויכט און לאַכט:
יאָ, יאָ, וואָר ווערט מיין טרוים,
אַז אַלע אונדזערע יאָר זאָלן מיר
פאַרליבט און פרידלעך גיין אויף איין שליאַך.

אין בויך פון דער שטאָט
ווינטיקט דער פּראָסטיקער נעפּל־רויך.

ראָבן אין הונגער־געשריי,
גראָבן מיט זייערע שאַרפע שנאָבלען
אין די שטראַליקע טישטעכער
פון ווייסן שניי.

קעטי לויכט און לאַכט,
און האַנט אין האַנט,
אויפן אייזיק־גליטשיקן שליאַך
גייען פּאַרליבטע צוויי.

אין גלוסט

זומער־נאַכט, קיל און קליין,
זילבערט אויפן וואַסער, וואָס
שווימט און שימערט אויפן
באַשטערנטן פעלדזן־שטיין.
אין גליק פון גלוסט גרינג און צאַרט
זינגט די פרייד, וואָס פון אַלע גלידער שפּאַרט.
אויפן פעלד מיט די שמעקנדיקע בינטלעך־שטרוי,
העלט דאָס דאָרפישע שטיבל אין ווייסן רויך פון טוי.

קעטי וויל חתונה האָבן

האַרבסט. ביימער בלענדן אין רויטן פלאַם.
די ליבע ברענט מיט איר זיסן סם.

אויף פעלד און לאָנקע געל און הויל,
פלאַטערדיקער ווינט מורמלט און טראָגט
די רויט־פיבערדיקע בלעטער אין זיין מויל.

סידני און קעטי שפּאַטענען
אויפן וואַלדיקן שליאַך,
וואָס שימערט אין שיין
פון דער אויסגעשטערנטער נאַכט.

די ליבע רייצט מיט איר יונגן בלי.
אין קעטיס גאַרנדיקע רייד
פיבערט פון פרייד דער גלי:
סידני טייערער, דער מאָרגן טראָגט
פון ליבע די ליכטיקע פליגל.
לאָמיר ביי אַ רעפאָרם־ראַביי
קריגן חתונה־פּאַפּירן.
וועל איך אַ גליקלעכע, שטאָלצע מאַמע
אונדזער קינד אין וויגל פירן.
יאָ, מיין טאַטע דער אַדוואָקאַט — דער ליבעראַל,
האַלט, אַז אַ מיידל פון מיין שטאַנד, וואָס
האָט חתונה מיט אַ יידן, איז נישט נאָרמאַל.
מיין טאַטע דער אַדוואָקאַט — דער ליבעראַל,
שרעקט מיך:
קעטי, נישט־שטענדיק איז די ליבע אַ לויטערער קוואַל.
דיין יידישער געלערנטער, דיין געליבטער וועט פון דיר אַוועק,
ווי נאָר ער וועט מיט דיין לייב שוין זיין זאַט...
און ווייל צוליב אַ נאַרישער ליבע מיט אַ ייד
פאַרליר איך דעם קאָפּ, זאָגט ער זיך פון מיר אָפּ...
און מיין מיטפילנדיקע מאַמע טוליעט מיך צו זיך
און רואיקט איין: טעכטערל מיין, האָב נישט קיין
פאָרכט און קיין פּיין. בלויז דיין אייגן האַרץ האָרך.
און צו וועמען דו גלוסט צו דעם זאָלסטו גיין.
ווייס, אין אמתער ליבע טריקנט קיינמאָל נישט דער קוואַל.
זי זינגט, ווי אין זומער די זוניקע שטראַל.
וואָר, דאָס הייליקע פייער פון אמתער ליבע
לעשט זיך קיינמאָל נישט אויס.
און ווער די ליבע עס געטרויט,
דער בויט זיך אויף אַ ליכטיק הויז.

סידני: קעטי, טייערע מיין,
אומזיסט גיסט אין דיר
דיין טאַטע שרעק און פּיין.

גרויסע, דורותדיקע גריבער
מיר שפּרינגען אַריבער.
וואָר, די ליבע איר גליק קוועלט
פאַר די, וואָס קומען מיט
לויטערער בענקשאַפט צו איר שוועל.

ווייסער טרויער פון לבנה וואָגלט
אויפן שליאַך.
קעטי און סידני רעדן
פון ליבע די שפּראַך.

טאַטע־מאַמע און סידני

סידני בעט זיינע עלטערן,
זיי זאָלן איינגיין, אַז קעטי
זאָל ווערן זיין פרוי.
ווייל ריין איז איר ליבשאַפט,
ווי אין דער זומער־זון
דער טראָפּן טוי.
הייליק צו איר איז זיין באַגער.
די ליבע אין זייער האַרץ
וועט ליכטיקן אַלע יאָר,
וואָס עס איז זיי לעבן באַשערט.

דער טאַטע אין טיפן ווייטיק
וואָרנט:
סידני מיין זון, מיט קעטין
וועט דיין לעבן נישט זיין ליכטיק.
אויפשטעלן אַ יידיש הויז איז פאַר דיר נייטיק,
איז פאַר דיר וויכטיק.
וואָרים, דו וועסט נישט קענען צוזען,
ווי צווישן די היגע מויערן
ווערן דיינע קינדער
פון יידישן פאָלק פאַרלוירן.

זון מײַנער, פּאַראומער נישט טאַטע־מאַמעס
עלטערע יאָר.
דו און קעטי װעלן לאַנג נישט זײַן
קײן גליקלעכע פּאָר.
אױב די קעטי װעט װערן
אונדזער שנור, װעט פון טאַטע־מאַמעס
ייִדישע הײם נישט בלײַבן
אין דײַן הױז קײן שפּור.
אין דײַנע שראַנקען װעט זיך
נישט געפינען קײן שום ייִדישער ספר.
אין דײַן אױסגעצאַצקעטן „בײסמענט"
מיט כלערלײ געטראַנקען, װעסטו
צװישן דײַנע פּאַרריסענע געסט
אַרומגײן אַן אױסגעטראַצלטער, אַ שטײפער.

אין אַרבעט װעט דײַן אײדל־געפּאַטשקעטע קעטי
האָבן: יעדן קאַיאָר לױפן אין ביוטיפּאַרלאָר
פאַרבן די האָר...

דעמאָלט װעט דיר דײַן אײגן הױז
װערן פרעמד און פּוסט,
און צו דײַן שײנער קעטין
װעסט מער נישט האָבן קײן גלוסט.

אין ברײ פון די פּײַנעז,
װעט דיר דערװידער װערן
דער בײסמענט מיטן שאַרפן ריח
פון בראַנפן און װײַנען.

סידני מײַן זון, דײַן אײגן לעבן שפּאָר,
און פּאַראומער נישט טאַטע־מאַמעס
עלטערע יאָר.

די היים פון סידני און קעטי

סידני נעמט קעטין פאַר אַ ווייב.
אין לויטערן ליכט פון דער ליבע
זײַנען זיי, ווי איין לייב.

סידני, דער פּראָפעסאָר פון פיזיק,
נישט נאָך כבוד, נאָר נאָך
וויסן איז ער גיריק.

קעטי אַ טאָכטער אים געבערט
און אין הויז די ליבע
איר גליק פאַרמערט.

ווי זאַנגען אויף פעלדער פול מיט קאָרן,
זינגען זייערע טעג און קלאָרן.

אין פיר יאָר שפּעטער,
די פרוכטיקע פרייד
פון דער ליבע, קעטי
אין איר לייב דערשפּירט.
אַ ייִנגעלע זי געבערט,
און די משפּחה ווערט
ווידער פאַרמערט.

האַרבסט שטראַלט
אין בלעטער־גלי
פון באַרגיקן וואַלד.
דאָס ייִנגעלע חלומט אין וויגל,
און די ליבע לויטערט אין האַרץ,
ווי קוואַל־וואַסער אין אַ גלאָזן־געשליפן קריגל.

סידני וויל פּועלן ביי קעטין,
אַז עס זאָל זיין אַ ברית:

אפשר וועט דורכדעם קלענער ווערן
מיט מיין משפחה דער ריס.
מיר זיינען טאַקע נישט רעליגיעז,
דאָך לאָמיר בענטשן די ליבע, וואָס
הייליקט דאָס לעבן און לויכט ווי אַ נס.
דעריבער זיי נישט דאַקעגן,
און טו דאָס פּאָר מיינעטוועגן...

קעטי שטעלט אָן אויף אים אַן אומעטיקן בליק
און זאָגט: וועסט דורכדעם נישט צונויפּבינדן
די צעריסן־געוואָרענע משפחה־בריק.

קעטי כמורעט זיך און וואָרנט:
סידני, איך פיל, אַז האָלסט מיט זיך אַליין
אין איין פעכטן. דיך ציט שטאַרק צו
דיין יידישן נעכטן.
זיי געהיט, און אָהין טראָג
נישט צוריק דיינע טריט.
סיי־ווי וועסטו דורכדעם נישט צונויפּציען
די איבערגעריסענע משפחה־בריק.
איך טו דיר נישט דערווידערן,
נאָר אין יידישן געטאָ־טאָל
איך וועל מיט דיר נישט נידערן...

די משפחה זאָגט זיך אָפּ

סידני פאַרבעט אַלע קרובים
צום ברית:
טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער,
לאָמיר גאַנץ מאַכן אין דער משפחה
דעם ריס.

מיט אַ טרויעריקן שאָקל פון קאָפּ,
ענטפערן טאַטע־מאַמע אָפּ:

קיין איינעם פון אונדז
וועסטו נישט האָבן אויף דיין שמחה.
דיר, אַזאַ גרויסן פּראָפעסאָר,
דאַרף גאָרנישט אָנשטיין
צו זיצן מיט אַ משפּחה
פון אַ ייד — אַ פּראָסטן בעל־מלאכה.

סידני פּראַוועט דעם ברית,
כאָטש ער ווייסט, אַז ער וועט
מיט דעם נישט פאַרלאָטען
אין דער משפּחה דעם ריס.

אומעט

ווי דער שטילער טייך
ליכטיק, קלאָר,
אַזוי האָט די ליבע געלויכטן
אין דער פרייד פון זייערע יאָר.

און איצטער, דאָס ייִנגעלע
מיט די שוואַרץ־געקרויזטע האָר
חלומט אין וויגל.
קעטי — אַ שאָטן פון אומעט,
שלייכט אין שטוב אַרום.
און די ליבע רייצט נישט מער,
ווי אין קרישטאָלענעם קריגל
די פריש־רויטע בלום...

פרעמדקייט

טעג אין שאָטן פון טרויער פאַרלאָרן,
שווינדלען און צינדן
אין פּיין די יאָרן.

די קינדער גרויס שוין,
שיין און געראָטן,
נאָר אין שטוב שפּרייט זיך
ברייטער פון טרויער דער שאָטן.

קעטין פאַרדריסט, וואָס איר סידני —
דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון פיזיק,
קנעלט מיט די קינדער
אַן אַלף, אַ בית, אַ גימל,
אַ סגל, אַ צירה און אַ חיריק.
זי איז פאַרקלעמט, וואָס
מיטן דאָזיקן פּיר,
צו אַ וועלט ווייט און פרעמד,
ער עפנט פאַר די קינדער
די טיר.

איר איז דערווידער
זיין ברומען מעלאָדיען
פון יידישע לידער, וועלכע
ער האָט געבראַכט פון זיין היים
אין דער אָרעמער נידער.

קעטי שטיקט אין זיך ווייטיק און פאַרדראָס,
ביז פון מויל עס צעברעכט זיך
פון שווערער שטומקייט דער שלאָס.
און קעטי וואָרנט אויף אַ קול:
סידני, וועסט מיך און די קינדער
נישט שלעפּן צו דיין משפחה אין געטאָ־טאָל,

פון וועלכער האָסט מיטגענומען ניגונים
פון יידישע תפילות און פאָלקס־לידער, וואָס
שטיל און אומעטיק דו האָלסט אין אין ברומען.
ווייזט אויס, ביי דיר איז די יידישע רעליגיע,
נישט פון אַלטע, אָרעמע אימיגראַנטישע שטיבער
דער שטויב.
אויב אַזוי — איז מיר — דיין פרוי
דער טשוירטש מיט דער באַמאָלענער שויב
אייגענער און ליבער...
איך לעב, ווי אין דרויסן.
פון מיין משפחה בין איך דערווייטערט,
און פון דיר פאַרשטויסן...

דער ליבער זונטיק

אומעטיקלעך־זיס פליסט
דער זונטיק אין הויז.
קעטי מיט אַ רויז
אין שענצטן קלייד,
מיט די קינדער אין טשוירטש
זי גייט.
אין איר שטילן גאַנג,
זי ברענגט צוריק פון הללויה דאָס געזאַנג.
גנאָד רוט אין איר בליק,
און איטלעך וואָרט ליב און גוט.

ע ל נ ט

טעג און נעכט אין טרויער זיך שווענקען.
די פרייד פון ליבע ער קען קעטין
מער נישט שענקען.

טאַטע־מאַמע רוען שוין אויפן הייליקן אָרט.
נישטאָ ווער עס זאָל אין אַ טרער
אים ברענגען פון טרייסט דאָס וואָרט.

דער איינציקער צייכן פון זיין משפּחה־שטאַם,
טאַטע־מאַמעס אַ בילד אין אַ געגילדערטער ראַם,
פאַראומערט און שטום.

אַ פרעמדער איז ער אומעטום.
ער האָט נישט וואו צו לויפן.
זיין לעבן טרייסלט זיך,
ווי אַ בריק מיט לויז־געוואָרענע שרויפן.
טאַטע־מאַמע וואָס האָבן געלעבט
ערלעך און באַשיידן,
תמיד זיך איינגעשטעלט
פאַרן אַרבעטער, און בייגעשטאַנען
דעם אָרעמאַן אין זיינע ליידן.

און ער, פּראָפעסאָר סידני גאָלדסטין,
וואָס זיין געביין איז אַ קאַן
אָנגעגאָסן מיט צער,
האָט זיך אַליין אין עלנט
פאַרשפּאַרט.
וואָר, קען ער דען זיין אַן אַנדערער?
אין דער ליכטיק־לאַכנדיקער שטאָט,
איז ער דער איינזאַמסטער וואַנדערער.
וואָר, ער קען פון זיך אַליין
נישט אַוועק.
און ער קען
אויך נישט געפינען
די שיין צו אַ נייעם ברעג...

אלול

אין קלעם פון שטוביקער פרעמד,
פויזען טעג אין פיין,
אָן אַ שטראַל פון שיין.

אין חודש אלול איז אים
פיינלעכער דאָס זיין אַליין,
מורמלט ער אין טרויער־געוויין
ביי טאַטע־מאַמעס מצבה־שטיין:

אַ, גאָט, נישט אין כוס פון וויין,
אין בלוט שווימט דאָס פאַרשטויסענע יידישע אות.
דאָס טיפסטע וואָרט איז נישט
טיף גענוג, צו דערגרייכן
די טיף פון מיין פיין.

אַ, גאָט, פאַרלעש דאָס פייער
אין מיינע וואונדן, וואָס
דו אין דיין צאָרן
האָסט אין מיר אָנגעצונדן.
אָפּן דער בית־הקברות־טויער.
איבער די מצבות הענגט
פון טויט דער טרויער.
שטומע יידישע ווערטער
שטאַרן אין דער האַרבסטיקער זון,
דער צעהעלטער.

צווישן ביימער און דראָטן
רייט די שטילקייט
אויף אַ גרינעם שאָטן.

די בענקשאַפט גליט
אין געביין,
און מיט שטיל־טרויעריקע טריט
ער פירט דעם עלנט
צוריק אַהיים.

די טאָכטער טאַמאַראַ

טאַמאַראַ דעם טאַטנס טרויער דערקענט.
אין ליבשאַפט שטרעקן זיך צו אים
אירע ליבנדיקע הענט.
מיטן מילדן ליכט
פון איר ראָז־לענגלעך געזיכט,
מיטן טרויער און שימער פון
אירע שטילע, בלוילעכלעכע אויגן,
ברענגט זי אַרום אים
פון טרויער דעם צוים.

טאַמאַראַ איז נייגעריק דער טאַטע
זאָל איר דערציילן פון זיין משפחה־שטאַם,
פון זיידע־באָבעס לעבן דאָהי און מעבר־לים.
זי ווערט געוואויר, אַז צוליב נויט און טרויער
האָט די משפחה אַרויסגעשפּאַנט
פון פּוילן — דאָס געבוירנלאַנד.

יידן זיינען שוין דאָרט געשטאַנען
ביים ראַנד פון תהום.
מען איז אַוועק צוליב
דער שטענדיקער שרעק פאַר אַ פּאָגראָם.

עס איז ליכטיקער וואָר:
ס׳רוב פון יידישן עמיגראַנטן־דור
האָט דאָהי דעם יידישן שטייגער
נישט פאַרמעקט.
דער זיידע האָט זיך געגרויסט,
וואָס ער איז דאָ נישט אין קיין פרעמד,
און ער פאַרדינט אויף חיונה
מיט דער מי פון זיינע הענט.
ער און די באָבע זיינען
געווען ערלעך און פרום.

האָט מען באַעוולהט אַן אַרבעטער
אין שאַפּ, איז ער נישט געבליבן שטום.
און די באָבע יעדן שכן אין פּיין,
האָט זי געבראַכט
פון טרייסט די שיין.
בעת אַ סטרייק איז זי געווען שטאָלץ,
וואָס דער זיידע מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ,
איז דער ערשטער אויף דער פּיקעט־ליין.

וואָר, דער יידישער עמיגראַנטן־דור,
האָט געהאָרעוועט פאַר עסן ברויט צו זאַט.
זיי זיינען נישט געווען קיין גרויסע קענער,
אָבער עס איז געווען אַ דור
פון ערלעכע און פאַר יושר־קעמפנדיקע
פרויען און מענער.
נאָך אָט דער היימישער ערלעכקייט
טו איך בענקען.
וואָרים וויכטיק איז צו געדענקען,
אַז ליכטיק איז געווען דאָס שטייגער לעבן,
וואָס איין דור דעם צווייטן
האָט אויך דאָהי איבערגעגעבן.

טאַמאַראַס באַגער

האַרבסט.
פאָטער און טאָכטער זיצן
אויף אַ באַנק אין פּאַרק.
קילער ווינט שויבערט
אין פלאַם פון די רויט־צעצונדענעביימער
אויפן פאַרטרויערטן באַרג.

טאַמאַראַ אין אירע רייד,
פאַר איר בענקשאַפט
זוכט ביים פאָטער אַ באַשייד.
סידני זאָגט:
אין פאַרהוילענעם רוים רייט
די אייביק־שטומע צייט,
און גרייט פאַר יעדן דעם טרוים
פון טרויער און פרייד...

טאַמאַראַ:
איך וויל מיין לעבן
מיטן יידישן פאָלק פאַרוועבן.
פון יידישער בענקשאַפט דער קלאַנג,
ציטערט אין דיין שטיל־בעטנדיק געזאַנג.
איז עפן פאַר מיר
פון יידישן נעכטן די טיר,
און פיר מיך אויף די וועגן
פון דעם אייביקן פאָלק דעם גערעכטן.
מעגלעך, איך בין רעליגיעז.
וואָרים, עס איז דאָך פאָרט אַ נס,
וואָס דעם פאָלק ישראל איז ווידער
געוואָרן באַשערט די — פון גאָט אים
צוגעזאָגטע ערד.
לערן מיך יידיש, לערן מיך תנ״ך
און לערן מיך די הייליקע שפּראַך.

סידני: אין מיין צער וועסטו זיין
מיין טרייסט און אָנשפּאַר.
טאָכטער מיינע, הער:
איך טרוים שוין לאַנג און באַגער,
אַז זאָלסט זיין די ליכטיקע בליט
אויף מיין יידישן משפּחה־בוים.

אין טאַמאַראַס אויגן שימערט
דער הייסער בלוי, און די פרייד
ברויזט אין אירע טרוימערישע רייד:
און איך טרוים, אַז אין ישראל,
אין זיין נייעם געבוי, זאָל
אויפגעשטעלט ווערן
מיין יידיש הויז.

קילער ווינט הוידעט זיך
אויף די ביימער־שטאַנגען.
טאַמאַראַס רויטלעך־זיידענע האָר לויכטן,
ווי אין זון די קופּערנע שטראַלן
אויף פלאַמיקע זאַנגען.

פּראָפעסאָר סידני גאָלדסטין שטאַרבט

אין גרוי פון דער ווינטערדיקער נאַכט
זוכט טאַמאַראַ אויף דער ישראל־מאַפּע
פון ים כנרת דאָס זוניקע בלוי.
מיט אַ צעפּלאַמט־פאַרגאַפט געזיכט
זי זוכט אין יידישן געשיכטע־בוך
פון יידישע דורות דאָס לויטערע, אייביקע ליכט.

סידני קלעטערט מיט איר
דורך אַלע בראָכן,
און דאָך איז די יידישע געשיכטע
נישט קיין מצבה־שטיין
פאַרצויגן מיט גרויע מאָכן.

טאַמאַראַ פיבערט און גאַפט:
בראָכן אויף בראָכן,

און דער גלויבן ליכטיקט
אין וואָגל פון די ווייטסטע,
וואונדיקע עפּאָכן.

עס מישן זיך די בלעטער,
און סידני דערקלערט טאַמאַראַן
די שווערע ווערטער.

פֿאַר סידנין איז איצט
יעדעס יידיש אות
יונג און גרין און פריש,
ווי אין פרילינג דאָס גראָז.

קראַנק זיינען זיינע טעג,
נאָר צוליב טאַמאַראַן
וועט זיין נאָמען צווישן יידן
שוין נישט ווערן אויסגעמעקט.

וואָר, יידישער אַלף־בית
טראָגט פֿאַר זיינע טרויעריקע יאָר
דאָס העלע ליכט
פון לויטערער טרייסט.

פלוצלעם, שאָטנס וויקלען זיך
און פֿאַרוועבן די שיין
פֿאַר זיינע אויגן.
און אין פיבערדיק־געבראָכענעם געביין
דאָס מידע קראַנקע האַרץ
גליווערט איין — — —

טאַמאַראַ שרייבט
פון ישראל

מאַמע טייערע, מיט דיין צער
האָסט זיך אַליין אין אייגן הויז פאַרשפּאַרט.
אין עלנט, באַוויינסט דיין בראָך,
און פאַרפינצטערסט גאָטס זיבן
געשענקטע טעג פון דער וואָך.

מיט דער הייליקער בענקשאַפט, וואָס
נאָגט דיין געביין,
דעם פּיין פון טרויער
פון דיין האַרצן פאַריאָג.

מאַמע האַרציקע, פון דער ווייט,
איך האָב דיך נענטער דערקענט.
אין דער מאָרגן־זון זיינען געוואָרן צערונען
די גראָבע, גרויע וואַלקן־ווענט.
דעם טאַטנס פיבערדיקן טרוים,
מיין האַרץ האָט דאָ געפונען.

מאַמע טייערע, פון דיר אָפּט דאָ איך קלער:
ביסט גנאָדיק־גוט.
דאָס פאַרן קיין ישראל
איז מיר, דורך דיר,
נישט געוואָרן פאַרווערט.

דער ברויז פון יונג־ריינעם באָגער,
האָט מיך געפירט אַהער,
צום טאַטנס אייביקן הויז פון ישראל,
אַז שפּעטער, זאָל די פרייד אויפלויכטן
אין מיין בענקענדיקער טרער.

מאַמע, נאָענטע מיין,
ערד פון שטיין און דאָרן,
איז אַ פּרוכטיק פעלד געוואָרן.
וואָר, צענטויזנטמאָל וואָר:
אין דער בענקשאַפט האָבן יידן
קיינמאָל זיך נישט אַרויסגעצויגן
פונעם לאַנד פון זייער אַמאָליקער היים.
וואָרים,
זאַמד, ליים און שטיין
מיט זייער בלוט איז אָנגעזויגן.
אויף דער שאַרף פון דראָטן,
זיינען חלוצים געגאַנגען
פאַר יעדן בוים, פאַר יעדן ביסל
גרין אין גאָרטן.

יידן קומען אַהער פון לענדער פאַרשידן,
בויען און בענקען נאָך די פרײדיקע טעג פון פרידן.

מאַמע מיינע, אויף דער אַלט־יידישער ערד,
איך בין אַ יונג־נייע פלאַנץ.
דאָ וועט מיר זיין באַשערט,
אַז מיין לעבן זאָל
ווידער ווערן גאַנץ.

מאַמע מיינע, פון נעכטן דעם וועג,
האָט דער שאָטן פון צייט
שוין לאַנג פאַרמעקט.
דעם פאַנצער פון שטיין
האָבן דאָ חלוצים צעריבן.
איצטער, מיט מאָרד־צאָרן
אין די פאַרצוקנדיקע ציין,
שאַלן די שונאים:
אַז יידן זאָלן ווידער
פון זייער אייגן לאַנד ווערן פאַרטריבן.

און איך גלויב,
אַז דאָ אויף דער אויפגעלעבטער ערד,
וועט מיט יאָרן שפּעטער
צעבראָכן ווערן פון מלחמה די שווערד.

מאַמע, עס פאַרנאַכטיקט שוין אין קיבוץ.
אין רויטן ליכט פון זון־פאַרגיין
לויכטן די הויערנדיקע בערג־ווענט
פון גרינלעך־גרויען שטיין.
און איך שרייב צו דיר
די דאָזיקע ווערטער
און די צעצונדענע בלעטער
מורמלען פון טרייסט די פרייד.
עס טוליעט מיך דאָס גרין
פון די ווייך־אויסגעוואַרעמטע גראָזן.
און איך ווייס: די ערד פון ישראל
איך וועל שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.
אין בענקשאַפט איך דריק זיך
צו דיר צו.
אָט אין לאַנד געפינט
מיין האַרץ די פרייד
פון ליכטיקער רו.

מאַמע טייערע, פון דער ווייט,
אויף די זינגענדיקע סטרונעס
פון דער געפונענער פרייד,
מיין בענקשאַפט צו דיר רייט...

און יאָ, סעפּטעמבער וועל איך זיך
אין ירושלימער אוניווערזיטעט פאַרשרייבן.
דאָס מיינט, איך וועל שוין דאָ
אויף שטענדיק פאַרבלייבן.

דיין טאָכטער טאַמאַראַ, וואָס
האָט דיך ליב און האָפט
אַז וועסט גיך צעברעכן
דעם פּאַנצער פון פּיין.

דעני סטאָון

דעני סטאָון אַ יונג וואוקסיק און פעסט,
האָט ליב דעם טרונק און דעם פרעס.
דעני דער פאַרשייטער יונג
מיט די שאַרף־שוואַרצע אויגן,
פונעם הייסן בעכער פון מיידלישן מויל
דעם זאַפּט ער האַלט אין איין זויגן.
אָט דער דעני מיט די גילדערנדיקע, צעשויבערטע האָר,
מיטן לענגלעכן גלאַטן געזיכט, איז פאַרשייט און פוסט.
ער צערייבט דעם בלי פון זיינע יונגע יאָר
מיט מיידלעך פאַרליבט און פול מיט גלוסט, וואָס
שענקען אים פון זייער יונג־מיידליש לייב
דאָס גליאיקע ליכט.
ער האַלט, אַז אים דאַרף זיין באַשערט אַלץ,
וואָס זיין גוף באַגערט.
ער הוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט,
און ער שפּאָט און לאַכט
פון דער מאַמען, וואָס איר האַרץ
איז דערבאַרעמדיק און גוט.
עס ברויזט אין אים דאָס בלוט,
ווען עמעצער אַ חבר אין גוטן מוט
דערמאָנט אים, אַז ער, דעני,
האָט אַלע תנועות און פעאיקייטן
פון איינעם, וואָס שטאַמט
פון אַ גוט און היימיש יידיש הויז,
און דעריבער דאַרף ער נאָך וויסן
זיין גיריק, פונקט, ווי עס איז געווען
זיין פאָטער דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון פיזיק.

דער בייט פון נאָמען קאָן פאָרט נישט צאַמען
אַז אַ חבר זאָל אַמאָל אין אויפרעג טאָן אַ ברום:
ווי יעדער ייד מיטן גייץ נאָך געלט
ביסטו געוואָרן געבאָרן.
ביסט האַרטנעקיק און איינגעשפּאַרט, ווי זיי.
פאַר קיינעם אַרט דיך נישט,
פאַר קיינעם טוט דאָס האַרץ
דיר נישט וויי...

דעמאָלט טוט עפּעס ווייטיקדיק אין אים אַ ברי,
און מיט דער גאַנצער געוויכט
פון זיין צאָרנדיקער האַנט, אויפן באַליידיקערס
געזיכט, ער טוט אַ פּלי.

ער קומט אַהיים און שרייט:
מאַמע, ביסט מיר פרעמד און ווייט.
מיין לעבן האָסט פאַרסמט.
האָסט געלאָזט, אַז איך זאָל געיידישט ווערן,
איז מיין לייב אַצינד — אַ נאַקעטער טיש.
און דער צייכן פון טאַטנס
פאַרשאָלטענעם שטאַם,
קען קיינמאָל נישט ווערן אָפּגעווישט.

דיין טאַטן — דעם פּראָטעסטאַנט,
האָסטו אויסגעשטעלט צו שאַנד,
ווייל האָסט נישט גענומען
קיין עכטן ענגלענדער פאַר אַ מאַן.
אויסגעלאָסן איז געווען
דיין יונג־מיידלישער גאַנג,
אין די הענט פון אַ יידישן סטודענט,
ביסטו גרינג געוואָרן
דאָס גלוסטיקע געפאַנג.

מיטן טאַטנס קענטשאַפט
האָסט נישט וואָס צו זיין
ביי זיך פאַרריסן,
און דאַרפסט נישט האַלטן
די טרערן אין איין גיסן.
וואָרים,
אין גייסט, אין געמיט,
איז דער טאַטע געווען
נישט מער, ווי אַ געטאָ־ייד.
צוליב זיין פּירונג
האָסט זיך דאָך מיט אים
אָפט געקריגט.
איצטער ווייסטו, אַז ער איז געווען
פון דער ליבע — דיין געשענקט גליק.

דיך, מאַמע, אַרט נישט, וואָס
טאַמאַראַ האָט זיך אַליין
אין אַ פרעמד לאַנד פאַרשפאַרט,
און בלויז פאַר יידן איר אַרט.
ווי אַלע יידישע מיידלעך
איז זי ביי זיך שוין פאַרריסן
און מיינט, אַז יידן זיינען
שטענדיק און אומעטום גערעכטיק,
און אַלע איבעריקע פעלקער זיינען קינס,
וואָס פאַרגיסן בלוט, און דורך מלחמה־מאָרד
זיי ווערן גרויס און מעכטיק.

און מיט אָט די צאָרן־רייד,
וואָס זיינען שטענדיק
אין זיין מויל גרייט,
בלייבט ער פּלוצלעם שטיין,
און אַ דערשראָקענער ער פרעגט
זיך אַליין:

אפשר בין איך אויך נישט
קיין עכטער פּראָטעסטאַנט,
ווען פּאָר בייזע רייד אויף יידן,
איך וואַרף אויף יענעמס פּנים
מיין שווערע האַנט.
איך וויל אפשר, אויף אַזאַ שטייגער,
מיין אייגענע ווערט פאַרהיטן,
ווייל דער צייכן פון אַ ייד
אין מיין לייב איז טיף פאַרשניטן...

עס דויערט אַ מינוט בלויז,
און ווידער צאָרן
אין זיין בלוט ברויזט:
מאַמע, יעדן זונטיק,
פאַרלאָז פרי דאָס הויז,
און באַנאַנד מיט דער משפּחה
אין טשוירטש גיי.
וועסט אַזוי אין ווי פון חרטה,
אָפּווישן פון דיין אומווירדיקער ליבע
די שאַנד.

די מאַמע אַ צעוויטיקטע יאָמערט אויס:
צום טאַטן, וואָס האָט זיך געגרויסט
מיטן נאָמען ייד, האָט מיין ליבע
שטענדיק הייליק געבליט.

און דו, פאַרדאָרבענער יונג,
וואָס פרייסט זיך אויף מיין בראָך,
דאָרן־שטאָך איז יעדעס וואָרט
אויף דיין גיפטיקער צונג.
דיין טאַטע איז געווען
אַ מענטש פון גייסט,
גוט און דערהויבן.

אים האָט געאַרט
פאַרן אָרעמאַן און אַרבעטער, וואָס
די רייכע טוען באַרויבן.
איך בין געווען דער שטער
צו זיין באַגער:
אַז אונדזערע קינדער
זאָלן זיך נישט אָפּזונדערן
פון יידישן שטאַם.
איך בין געווען קעגן,
ווייל איך האָב מורא געהאַט,
טאָמער וועט דאָס זיין
אַ צאַם אויף אייערע ווייטערע וועגן.
מיין דערווידערן האָט דערפירט,
אַז די ליבע האָט פאַרשפאַרט
פאַר אונדז די טיר.

פון דער ליבע נישט באַגערט,
איז די היים געוואָרן אַ פיינען־טאָל.
און דער טרויער האָט פאַרמעקט
די שיין אויפן וועג
צום פרילינגדיקן אַמאָל.

אין שווערע, שוואַרצע שאָטנס
שווימען דעניס טעג,
און צו זיך אַליין ער קען
דעם וועג נישט געפינען.
ער איז אָנגעלאָדן מיט צאָרן.
אים דאַכט זיך, צוליב דער מאַמען
האָט ער די פרייד פון גליק פאַרלאָרן.
מיט דער מאַמען איז ער אָפּט אין קריג.
ער ראַנגלט זיך, ווי אין שפינוועבס
די געפאַנגענע פליג.

איין פאַרנאַכט צעברויזט זיך
דער ווייטיק אין קעטיס בלוט

און זי טוט צו אים אַ געשריי:
דעני, דו וועסט מער נישט זיין
מיין בייטשנדיקע רוט!
איך ווייס, דיך אַרט נישט, וואָס
איך וואַרט אויפן טויט,
און איך וועל מיט מיין אויטאָ
צעשמעטערט ווערן ביי אַ פּלויט.
צום לעצטן מאָל זעסטו מיין טרער.
נישט וויכטיק מער, וואָס
מיט מיר וועט געשען
אין דער היינטיקער נאַכט.
איך וועל אין דער פינצטער
מיטן אויטאָ יאָגן
צום וואַלדיקן שליאַך.
איך וויל נאָך איינמאָל זען
דאָס אָרט, וואו די ליבע
איז געוועזן צו מיר גנאָדיק און גוט,
און יונג און ליכטיק
האָט די פרייד גערוישט
אין מיין בלוט.

אין דער רעגן-נאַכט

אין נאַכטיקן רעגן-געבריל,
די שיין פון שטאָט
פאַרשווינדט גיך
פאַר קעטיס אויטאָמאָביל.
ווילד פון פיין,
אין דער נאַכט פינצטער און בלינד,
קירעוועט זי דאָס ראָד
אויפן פאַרגאָסענעם שליאַך.
נאַכט פון סוף־חודש מאַרץ.
פון די כמאַרעס שווער און שוואַרץ,
פלייצט דער רעגן אויף בוים און דאַך.

אין ווינטיקן געבריל
טראָגט זיך דער אויטאָמאָביל,
ווילד און בלינד,
ביים וואַלדיקן שליאַך.

עס פינצטערט דער הימל־רוים.
אין ווילדן געיאָג, גליטשט זיך
דאָס ראָד פון איר האַנט אַרויס,
און שלאָגט זיך אָן אין אַ שטייניקן צוים.
דאָס דערפל, ביים ברעג פון וואַלד,
וועקט זיך אויף אין שרעק.
און פון אויטאָמאָביל מען ציט אַרויס
אַ פאַרבלוטיקט פרויען־געשטאַלט.
און אויף אייזיקע וועגן,
אויף דעכער פון שינדל און בלעך
זשומעט דער רעגן
מיט זיינע וואַסערדיקע נאָדל־שטעך.

אין שפּיטאָל

פרימאָרגן. זוניקער שטויב
גילדערט די שיין אויף דער שויב.
אויפן שפּיטאָל־בעט ליגט קעטי,
הענט און פיס אין גיפּס פאַרקלעמט.
זי שטאַרט אין שרעק
און פרעגט: דעני,
וואָס איז געשען?
ווער האָט צום וואַלד,
דעם וועג פאַר מיר פאַרשפּאַרט?
אין רעגן־רויש
איך האָב געזען:
דעם באַרגיקן שטיין,
און דאָס וואַסערל

קלאָר און ריין,
וואָס שטראָמט פון זיין גרויען געביין,
און דורכן רעגן־רויך,
דער טאַטע אַ שמייכלענדיקער
נידערט צו מיר
פון דער זילבערנער, שנייאיקער הויך.
פלוצלעם — אין גרוי פון וואַלד,
פאַרשווינדט דעם טאַטנס געשטאַלט.

דעני: מאַמע, עס איז אַ נס,
וואָס ביסט לעבן געבליבן.
דיין קאַר האָט זיך אָנגעשטויסן
אין אַ צוים פון שטיין,
און צעריסן האָט געקענט ווערן
דיין גאַנץ געביין.

קעטי: אויפן שליאַך אימהדיק
האָט געברילט די נאַכט.
רעגן־גאָס האָט פאַרנעפלט
דאָס שויבנגלאָז.

פון גרויס פיין, האָב איך ווילד
געקירעוועט דאָס ראָד.
פאַרלוירן איז געוואָרן פון מיר
פון שיין די שטאָט.
און ביים וואַלד האָט זיך באַוויזן
צו מיר דעם טאַטנס שמייכלענדיק געשטאַלט.
איך געדענק גאָרנישט מער.
וואונדיק איז דאָס לייב,
וואונדיק און שווער.

דעני: ווי אַ מאַמע, האָסטו געדאַרפט וויסן,
אַז אויך מיין האַרץ
ווערט פון פיין צעריסן...

קעטי:
זומער און ווינטער פאַראומערט
זיינען מיינע טעג.
איך בענק נאָך אַלץ
נאָכן ערשטן זון־שטראַל
פון פרילינגדיקן אינדערפרי,
וואָס זעגט די קלאָרע וואַסער־טיף
אין בלעזלדיקן קוואַל.
לויטערע גלוסטן
אין די גלידער זיך גיסן.
דעם טאַטנס הענט
מיין געביין פאַרשליסן...
דער טאַטע לויכט פון פרייד,
און דעם סוד פון ליבע
ער פאַרטרויט מיר
אין שטיל־שעפּטשענדיקע רייד...
דער שניי בלישטשעט אין מויל
פון די אויסגעהוילטע שטיינער.
אַ יעגער שפּרייזט צווישן
די לויכטנדיקע ביימער
און סווישטשעט אין דער לופט
דער ריינער.
עדי מיין זון, מיר איז באַוואוסט,
אַז נאָך גוטסקייט דו גלוסט,
און אַז אין דיין צאָרן־געשריי
איז פאַרשפּאַרט די טרער
פון צער...
איצטער, שפּיר איך,
אַז ווערסט אין מיין פּיין
מיר נאָענט זיין,
און איצטער האָב איך מער,
ווי פון טרויער די טרער.

דעני: מאַמע, אין דיין פּיין,
ביסט מער נישט אַליין.
דעם טאַטנס טאָגבוך,
וואָס איך לייען,
עפנט צו זיין האַרץ —
דעם טויער.
דער טאַטע אַנטפּלעקט
אין אים דאָס ליכט פון ליבע
צו דיר, צו טאַמאַראַן און צו מיר,
וואָס וועט אין מיין געביין
קיינמאָל נישט אויסגיין.

איך לייען די פאַרשריבענע בלעטער,
און צו יעדן פון אונדז
דער גלי פון ליבשאַפט
לויכט אין זיינע ווערטער.
אַ ליד, וואָס די בענקשאַפט
אין אומעט האָט געשפּונען,
איך האָב אין טאַטנס
טאָגבוך געפונען:

„אין מאַרגנבלוי, אין גרין פון גראָז,
איך האָב עפּעס פאַרלאָרן,
נאָר איך ווייס נישט וואָס.
וויל איך עס געפינען
אין זילבער פון טוי.
איך האָב עפּעס פאַרלאָרן
און איך געדענק נישט וואָס,
וויל איך עס געפינען אין פעלד,
וואו דער שטילער מאַרגנווינט בלאָזט.

אַ, גאָלדענער מאַרגנשטערן
אין בלוי פון הימל־טייך פאַרפאַרן,
וואַרף מיר אַראָפּ אַ ליכטיקן פּערל,

אפשר וועל איך מיט אים געפינען
די פרייד, וואָס איך האָב פאַרלאָרן
צווישן די זינגענדיקע זאַנגען פון קאָרן".

איז ווען איך לייען
אָט די סטראָפן, וואָס טרוימען
און טרייבן פון זיך
דעם פּיין פון שטראָפן,
דאַכט איך, אַז זיינע טריט שאָרכען
אין די שאָטנס פון דער הויערנדיקער נאַכט,
אין דער אומעט פון זיין געזאַנג,
לויטערט די בענקשאַפט

אין מיין צעוויטיקט געמיט.
מאַמע, גלויב, אַז אין יסורים
אויסגעלייטערט טו איך ווערן,
און איך בענק, אַז אַ מיידל
מיט אַ ריין און ליכטיק האַרץ
זאָלן מיין ליבע באַגערן.

אמתע ליבע איז אַ פעסטע בריק,
וואָס קען קיינמאָל פון האַרץ
נישט ווערן אַרויסגעפליקט.
די בענקשאַפט בינדט מיך
צום טאַטנס שטאַם.

וואויל איז טאַמאַראַן אין קיבוץ,
פונוואַנען זי שרייבט: אַז ווען
דער ים־כנרת אין בלוי,
בלענדט אין מאָרגנטוי,
לויטערן זיך אירע רייד
אין קוואַלן פון פרייד.

זי ווערט מיר נענטער און ליבער,
וואָס זי געפינט טרייסט
אין קיבוץ, צווישן די חלוצישע שטיבער.
מאַמע, איך וועל פון דיר
מער גאָרנישט פאַרמיידן.
אין האַרבסט, איך טרעט
ווידער אַריין אין אוניווערזיטעט.
איך וויל לערנען מעדיצין.
אין פאַרלייכטערן מענטשלעכע ליידן,
זע איך פון לעבן דעם זין.

יאָ, אַלע אונדזערע מאָרגנדיקע טעג
אין קאַנאַדע — אונדזער ליב און ליכטיק לאַנד,
מיטן ניי־געפונענעם וועג, וועלן מיר
שטענדיק שוין גיין באַנאַנד.

קעטי קושט זיין געזיכט און זאָגט:
דעני, מיין זון, דאָס ליכט פון טרייסט
טריפט אין דיינע נאָענטע רייד.
וואָס דו טוסט באַגערן,
קענסטו מיט דער צייט ווערן.

און שטענדיק זאָלסטו געדענקען
אין די, וואָס אין טרויער פון טרערן
זייער לעבן טוט זיך שווענקען...
מיין זון, גרינגער וועט מיר איצטער זיין
צו פאַרטרייבן טרויער און פיין.
האָסט די שנאה אין זיך צעשטערט,
צו דיין מאַמען האָסטו זיך אומגעקערט.

אונדזביידן וועט קיין
שום שטרויכלונג מער נישט שיידן.
מיין זון,
דאָס ליכט פון גלויבן

וועט דיך פירן
צו טעג מיט זוניקע,
אָפענע טירן...

די מאַמע רעדט,
און דעני זעט:
די זון אין בלוי פון הימל־שיסל,
עפנט פאַר אים דעם מאָרגן,
מיט איר שטראַלן־שליסל.

ביכער פון זעלבן מחבר:

נאָענטקייט — לידער, פאַרלאַג אויפגאַנג, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1929.

עס ליכטיקט — לידער, מאָנטרעאָל, 1941.

אינדערפרי — לידער, אַרויסגעגעבן פון קאַנאַדער וואָכנבלאַט, 1945.

אין קאַנאַדע — פּאָעמע, באַנד איינס, אַרויסגעגעבן דורך דעם שלום שטערן בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1960.

אין קאַנאַדע — פּאָעמע, באַנד צוויי, אַרויסגעגעבן דורך דעם שלום שטערן בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, 1963.

דאָס ווייסע הויז — נאָוועלע אין פערזן, פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק, דערשינען אין 1967 אין „יידיש בוך" אין פוילן.

אין העברעאיש:

הבית הלבן בהרים — רומן בחרוזים, מתורגם מיידיש: שמשון מלצר, הוצאת „המנורה", תל־אביב, תשל"ב / 1972.

אין ענגליש:

THE WHITE HOUSE — a Novel in Verse — translated from Yiddish and Foreword by Max Rosenfeld. Designs by Gilbert Forest. Warbrooke Publishers, Montreal/New York. Printed in Montreal, Canada 1974.